STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09469

FAR OVENDEN UN FERVAYLUNGEN

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פאַר אָווענדען און פערוויילונגען

(מוסטערן פון דער יודישער ליטעראַטור: פון שאַצקעס ביז קאָברין, צוזאַמען 24 שריפטשטעלער מיט קליינע נאָטיצען וועגען יעדען שריפטשטעלער בעזונדער)

צוזאַמענגעשטעלט דורך ד. קאַסעל.

אויס דער סעריע

„געזאַנג און דעקלאַמאַציע“

№ 3

פערלאַג „א. גיטלין“.

וואַרשוי 1918.

892.48 K A-1818

אינהאַלט:

זייט

פֿונ׳ם פֿערלאַג — 1
אַנ׳אָרים ליטוויש הויז — מ. שאַצקעס — 5
דאָס חסידישע יונגעל — יצחק־יואל לינעצקי — 9
די נשרפים — ש. י. אַבראַמאָוויטש (מענדעלע מוכר ספרים) 14
האָדל — שלום־עליכם — 30
אַ גלגול פֿון אַ נגון — י. ל. פּרץ — 53
געגעסען — ד. פֿרישמאַן — 75
אַנ׳אָרים מאָלצייט — מ. ספּעקטאָר — 88
הערשעלע — י. דינעזאָהן — 97
דאָס ביסעלע בוימאייל — ש. פֿרוג — 108
אַ שטיין ביזטו אַמאָל
געוועזען נ. סאָקאָלאָוו — 119
אַלטינקע — ד. פּינסקי — 128
פּסח־שטימונגען — בעל־מחשבות — 137
זיידע — מ. י. בערדיטשעווסקי — 143
שבועות בייגאַכט — ר. ברייגין — 149
מיין שטעדטעל — ה. ציימלין — 155
דער שמעק טאַבאַק — א. רייזען — 170

איבער דער גרעניץ — שלום אַש — — — — — — — 177
מען װעקט— — — — ה. ד. נאָמבערג— — — — — — 188
פאַנטאַזיע — — — — ס. ראָזענפעלד — — — — — — 193
קידוש השם — — — יהואש — — — — — — — — 200
מה נשתנה? — — — — ש. אַנ־סקי — — — — — — 206
בעריל דער פּערפאָסער
פאַר׳ן בית-דין של מעלה—י. גאָרדין — — — — — — — 214
מאַן און װייב— — — ז. ליבּין — — — — — 220
דאָקטאָר יאַכענטשיק — ל. קאָברין — — — — — — — 227

UNITED WORKERS
LIBRARY
2700 Bronx Pk. East
No. ——
COOPERATIVE ASSOCIATION

פונ'ם פערלאג.

דאס בוך פאר „אווענדען און פערוויילונגען" האט א צווייענדיגע בעדייטונג: ערשטענס, ווערט עס קאנען בענוצט ווערען אויף אווענדען און פערוויילונגען, ווי עס זאגט פשוט דער נאמען פון בוך, וואו יעדע ערצעהלונג איז דא מער אדער וועניגער צוגעפאסט פארגעלייענט צו ווערען פאר א קרייז אדער פאר א גרעסערער געזעלשאפט; צווייטענס, קאן יעדער איינער, לויט די אלע מוסטערן, וואס ווערען דא געגעבען — פון שאצקעס ביז קאברין — בעקומען א בעגריף וועגען דער ענטוויקלונג פון דער יודישער ליטעראטור.

פון שאצקעס ביז קאברין — דאס איז א מהלך־רב, דאס איז א שטיק לעבען, דאס איז א גרויסע תקופה, וואס אונזער יודיש האט דורכגעמאכט. דאס בעדייט אזוי גוט, ווי פונ'ם קערנדעל ביז'ן בוים. קאברין איז, נאטירליך נישט דער בוים, אבער שאצקעס געהערט צום קערנדעל, צום אנהויב, צו דער ערשטער שפראצונג פון דער יודישער ליטעראטור.

פון שאצקעס ביז קאברין — דאס איז א פערענדיגטע תקופה. דא איז געווען דער ציטערדיגער אנהויב, דער ערשטער נישט־זיכערער פרוב. נאך וועלכען עס זענען געקומען,

די מעכטיגע דריי, מענדעלע, פּרץ און שלום-עליכם, יענע אונשטערבליכע דריי, וואָס האָבען נישט נאָר אַריינגעטראָגען ליכט און לעבען אין דער יודישער ליטעראַטור — זיי האָבען אויך געוויזען, ווי אַזוי מען בעדאַרף שרייבען יודיש.

פון שאַצקעס ביז קאָברין — דאָס איז דער גאַנצער בוים מיט אַלע זיינע צווייגען, און דער, וואָס וויל זעהן די קאָנטורען פון דעמדאָזיגען בוים, דער, וואָס וויל האָבען אַ בעגריף וועגען איהם, בעדאַרף לייענען דאָסדאָזיגע בוך.

אויף אַזאַ אופן האָט דאָס בוך, ווי געזאָגט, אַ צווייעדיגע בעדייטונג: אי עס קאָן ווילען, אי עס קאָן נוצען ברענגען *).

*) פון די שפּעטערדיגע יודישע שרייבער וועט קומען א צווייטער באַנד.

מ. שאַצקעס

אַנ׳אָרים ליטוויש הויז

קליינע נאָטיץ.

משה-אהרן שאַצקעס (פסעוודאָנים — מ. זעליקאָוויטש) איז געבוירען געוואָרען אין יאָר 1825 אין קאַרלין, מינסקער גוב. זיין „יודישער פאַר פסח" געהערט צו די סאַמע פּאָפּולערסטע ביכער אין דער פריהערדיגער צייט. נישט געקוקט דערויף, וואָס די שפּראַך איז נישט גאָר געראָטען, ערטערווייז אפילו גראָב און שווער, דאָך איז דאָס בוך שטאַרק געלעזען געוואָרען און האָט אריינגעבראַכט אַ סך תענוג אין דער טאָגליכער יודישער גאַס. מאַנכע שטעלען פון „יודישען פאַר פסח" זענען נאָך איצט נישט פערעלטערט געוואָרען און לאָזען איבער נאָך זיך אַ היבשען רושם.

געשטאָרבען איז שאַצקעס אין יאָר 1899 אין קיעוו.

מ. שאַצקעס.

אַנ׳אָרים ליטוויש הויז אַמאָל.

(פראַגמענט פונ׳ם „יודישען פאר-פסח״).

א נידעריגע שטוב, די פּאָדוואָלעס איינגעגראָבען אין דער ערד, אַלע פענסטער פערשמירט מיט ליים; גאַנצע לאָדענס וועדליג די גרויס פונ׳ם פענסטער; אַ פריזבע פון ערד, בעוואַקסען מיט גראָז, ארום דער שטוב; אַנ׳אַלטער דאַך, אַ צובראָכענער, פערוואַקסען מיט מאָך; די פענסטער—אַ ביסעל מיט גלאָז, אַנדערע מיט ברעטלעך, אייניגע מיט שמאַטעס פערשטעקט. דאָס איז דאָס אויסערליכע געזיכט פון דעם הויז. נישט מאוס, כלעבען. קוקט דאָס גוט אַרום, און לאָמיר זיך נישט פוילען און אַריינגעהן אינוועניג אויך. אַ גרויסע שטוב מיט עטליכע קליינע חדרים. אין יעדען חדר וואוינט אַ שכן: אַ מאַן מיט אַ ווייב, מיט עטליכע קינדערלעך, אַנ׳אַלטע מוטער אָדער אַ שוויגער אַ צוגאָב, מיט הינער און הענער.

אין דער גרויסער שטוב זיצט דער בעל-הבית אַליין, אויך נישט קיין „בעזדעטניק״, חלילה, נישט צו פערזינדיגען, מיט היבשע עטליכע קינדערלעך און מיט פערשידענע עופות, אַ בהמה מיט אַ קעלביל אויך, ב״ה. אין אייןווינקעל שטעהען דעם בעל-הבית צוויי בעטען, אַ וויג-בעטעל, אַ קאַסטען אויף רעדלעך, אַ שלאָף-באַנק; אין צווייטען ווינקעל, געגענאיבער, שטעהט אַ גאַנץ לאַנגער טיש, נישט קיין געפּאַרבטער, מיט לאַנגע און שמאָלע בענקלעך אַרום. ביים טיש קנעלט אַ דרדקי-מלמד, אַ חומש׳ניק, מיט אַ היבש ביסעל תלמידים. אין דעם אייגענעם ווינ-

קעל הענגט אויפ'ן וואַנד אַ ראַנעץ פון אַ סאָלדאַט, וואָס שטעהט דאָרט קוואַרטיר. אין אַ ווינקעל, נעבען טיר, שטעהט דוקא נאָר איין בעט. דאָס איז פאַר אַ מיטעלער יודענע, וואָס מען רופט זי „שרות". דאָס הייסט: זי צאָהלט נישט קיין דירה-געלד. דערפאַר טוט זי אַמאָל אַ שטיקעל מלאכה אין שטוב. איהר, טייערע לע-זער, קאָנט גאָר לייכט אַ טעות האָבען און רעכענען, אַז די שרות איז גאָר אַ פנויה, אָהן אַ מאַן און אָהן קינדער? ניין, דאָס געהט נישט. זי האָט דוקא אַ מאַן, און קינדער—נאָך מעהר ווי אַ האַל-בען מנין. נאָר דער מאַן, פערשטעהט איהר מיך, איז, במחילה, אַ שומר, קומט ער נאָר אָבּעסען. שלאָפען קומט ער נאָר משבת לשבת. עופות פערמאָגט זי אויף איר אייגענעם חשבון. אַ ציג, זאָל נישט אויסגערעדט זיין, מוז זי אויך האָבען.

אין דעם אַנדער ווינקעל שטעהט אַ גרויסער אויווען מיט אַ שוואַרצען לאָך—צום קאָכען. דערביי שטעהט אַ היבשע פּאָמוניצע, ווי דער ים של שלמה. אַהין גיסען אַלע שכנים אַ גאַנצע וואָך צוזאַמען שוין מיט די קינדערלעך... אויסערדעם, שטעהען נאָך פערשידענע זאַכען: ווילקעס, קאָטשערעס, לאָפּעטעס, העק, זאַ-סטופעס, בעזימער; אַ לאַנגע באַנק, אַ ברייטע, שטעהט אַרום אַוי-ווען, פערשטעלט מיט כל הסאָרטען טעפּלעך און מיט טעפּ פע-דערן, וואָס אַלע שכנים פליקען ביינאַכט. וואָרום קיין איין שכן ברענט נישט קיין ליכט אין זיין חדר: אַלע זיצען אין איין קאַמער.

צווישען די באַלקענס און דער סטעליע ליגט אַ גראָבער באַלקען, וואָס ציהט זיך איבער דער לענג פון שטוב, און דאָ, צווישען דעם גראָבען באַלקען און דער סטעליע, געפינט זיך ממש פון פויגעל-מילך. אַ רעכטע ביבליאָטעק פון ספרים, היינו: מחזורים, סליחות, קינות, נחלת צבי, צאינה וראינה, אַ היבש פע-קעל תחינות, אַלטע לוחות, בבא מעשה, צענטורע ווענטורע, שבחי בעש"ט, אַנ'אַלטער קרבן מנחה; גם האַלטען זיך דאָרטען אויף זומערדיגע קאַפּעלושען, לולבים, אַ זעקעל מיט קמח שמורה, טרוקענע קעזלעך. אַלע עופות פון די שכנים, אפילו פון דער שרות, מאַכען דאָרט זייערע „סעדעלעס".

אַלע טירען און פענסטער פון דער שטוב זענען אַרומגע-שלאָגען מיט פערשידענע שיר-המעלות׳ן פון זכרים און נקבות, מחמת קינפּעטאָרינס געהען, ברוך-השם, נישט אויס. איין שכנה שטעהט-אויף און די אַנדערע לעגט זיך. מהיכא תיתי, יעדעס קינד מיט זיין מזל, צו גאָט דערלעגט מען נישט.

דאָס מיסט פון אונטער די בעטען און די שאַפעס מיט די קופערטען ווערט אַ גאַנץ יאָר נישט אויסגעקערט. די דאָזיגע אַר-בייט געהערט צו ערב-פסח, פאַר בדיקת-חמץ.

אַ גאַנצע וואָך איז נאָך צו דערליידען. געוויס קריגט מען זיך כמה מאָל יעדען טאָג און אָפט שלאָגט מען זיך אויך אַ בי-סעל. די שטוב איז שטענדיג פול מיט קולות און קללות, מיט גע-וויינען פון די חדר-יונגלעך, וואָס שטעהען מיט היילע אוור׳ס אַרום טיש, און דער מלמד, דער פעלד-גזלן, פיטשקעט מיט אַ רוט גאָר אָהן אַ חשבון. דאָס משוגע׳נע קעלביל טאַנצט, די ציג מע׳קעט, די עופות פליהען, די שכנות שלאָגען און שילטען די קינדער, דער סאָלדאַט זידעלט אויף רוסיש, זאָגט דעם רעכטען פסוק און שרייט: עסען!

אָבער דער גרעסטער טומעל און ליאַרם איז ערב-שבת. אַלע באַקען חלה. מען דאַרף פעררוקען דעם טשאָלענט. מען דאַרף אויך קאָכען אויף פרייטאָג-צונאַכט, לכבוד שבת. און אָט דאָ עקט זיך די וועלט. געוואַלדען איבער געוואַלדען, חושך ואפילה, אָנגעגאָסען און אָנגעשמוצט אויף וואָס די וועלט שטעהט. די פּאַמוניצע גיסט זיך אַריבער. אַלע קינדער, וואָס זענען פריי פון חדר, קערן-אום די שטוב קאַפויר. אַלע ווייבער שילטען און קאָראָנייען איינס דאָס אַנדערע און מען רופט זיך אויס, וואָס אין קאָרט שטעהט נישט.

„אַ קלאָג, אַ בראָך, מיינע חלות זענען גאָר פערברענט״— קוויטשעט אַ שכנה מיט די לעצטע כחות—„איך בין דאָ עפּיס אַנ׳איינגעבעטענע, האַ?״

אַ צווייטע שרייט:

„מיין יויך האָט מען אויסגעקערט!״

אַ רעש, אַ געפילדער:

מ. שאַצקעס.

„די קאַץ האָט אַרויסגעשלעפּט דאָס בעסטע שטיקעל פליישׁ פון פאַן!״

„עס איז שוין נאַכט, רוקט שוין דעם טשאָלענט, איר ווילט נאָך מחלל שבת זיין? איך וועל האָבען דעם טויט פון די שכנים, אַ צייט אָהן אַ צייט וועט מיר זיין!—שרייט די בעל-הבית׳טע—אַ גרוב האָט זיך אים געוואָלט, בעגראָבען זאָל ער ווערען, ווי ער האָט מיך בעגראָבען!״

„ווער האָט עס די בהמה אַריינגעלאָזט אין שטוב? זי וועט דאָך די פּאָמוניצע אויסקערן? געוואַלד, ווי ווערט מען שוין פּטור פונ׳ם לעבען״.

אָט אַזוי קאָכט, ווי אין אַ קעסיל, אַ גאַנצען טאָג. קולות וברקים פון אַלע זייטען, קללות וחרמות, געזידעלט און געוואַשען איינער דעם צווייטען. נאָר אָט איז שוין נאַכט, מען ווערט שוין, ב״ה, שלום. אַלע שכנים מיט דער שרות נעמען זיך אויס-גיסען די גרויסע פּאָמוניצע. אָבער ווייטער פון דער שוועל איז מען נישט אימשטאַנד זי אַריבערצוטראַנספּאָרטירען... קלויבען זיך אַרום חזרים.

אין שטוב שיט מען אויס די פּאָדלאָגע, דאָס הייסט די ערד מיט זאַמד און עס ווערט צו מזל שבת.

אָט אין אַזאַ טומעל לעבט מען אָב דאָס גאַנצע יאָר.

יצחק יואל לינעצקי

דאָס חסידישע יונגעל

קליינע נאָטיץ.

יצחק-יואל לינעצקי איז געבוירען געוואָרען אין יאָר 1839 אין וויניצע, פּאָדאָליען. זיין ווערק „דאָס חסידישע יונגעל״, וואָס האָט אין דער ערשטער אויסגאַבע געהייסען „דאָס פּוילישע יונגעל״ און איז ערשינען אין יאָר 1869, האָט געהאַט אַ געוואַלטיגען ערפאָלג. לינעצקי איז דער ערשטער געקומען אין דער בלאַסער התחלה פון אַ יודישער ליטעראַטור מיט שאַרפע שפּיזלעך, מיט בייזע קאַריקאַטור-בילדלעך און מיט בייסיגען געלעכטער. און דער עולם האָט אים געמוזט שטאַרק לייענען, ווייל אין אָט די אַלע שפּיזלעך, בילדלעך און געלעכטער איז געלעגען עכטער טאַלענט. פון אַלע זיינע ווערק איז „דאָס חסידישע יונגעל״ דאָס בעסטע.

געשטאָרבען איז לינ׳, אין יאָר 1815, אין אָדעס.

יצחק-יואל לינעצקי.

דאָס חסידישע יונגעל.

(פראַגמענט)

דער טאַטע זאָל געווען פּיהלען כאָטש אַ טויזענד-חלק'על טעם פון די צרות, וואָס איך טראָג היינט איבער, וואָלט ער זיך נישט אַזוי געשמאָלצען אין יענעם תחלת-הלילה, ווען די מאַמע האָט ביי אים גענומען די שליסעלעך פון די הענד... נישמעהר, די זאַך איז פערפאַלען! אודאי וועל איך אייביג ווייגען אויף יענער וויסטער מינוט, אין וועלכער איך בין געבראָכען געוואָרען פון אייביגען קעסט אין גן-עדן און האָב פון אַזאַ לויטערן ברייטען הימעל געמוזט אַריינפאַלען אין אַ פינסטערן איינגען בויך אַריין און זיך דאָרט אָבמוטשען, ווי אויפ'ן טויט, ניין חדשים כסדר, און דערנאָך ערשט פירען אַ לעבען פון אַ לאַנגער שווערער גסיסה. גאָט, דער האַר, ווייס נאָך ביז וואַנען און פאַרוואָס... אמת, די תורה, וואָס דער מלאך האָט מיט מיר געלערנט ביי דער מאַמען אין בויך, האָט מיך אַ ביסעל געטרייסט אין מיין פינסטערער לאַגע דאָרט. צום אומגליק, איז אָבער מיין מלאך געווען אַ גרויסער פעפער, בעזונדערס שבת נאָכ'ן טשאָלענט, ווען דער טאַטע מיט דער מאַמען זענען שוין לאַנג אויפגעשטאַנען און האָבען זיך שוין געקוויקט מיט'ן געזאָדענעם אַרבעס און באָרלעך-יויך. און איך האָב בעדאַרפט אויסהערען זייער שמועס וועגען מיר, פון וועלכען איך האָב גוט פערשטאַנען, וואָס פאַר אַ ברואים זיי זענען, און וואָס מיך דערוואַרט ביי זיי אין לעבען...

איינמאָל, אין אַנ׳ערב תשעה-באב ביינאַכט, בשעת מיין מלאך איז זיך רוהיג געשלאָפען — ווייל תשעה-באב טאָר מען דאָך נישט לערנען — הער איך פון טאַטען מיט דער מאַמען, וואָס זענען געזעסען אויף דער פריזבע און אַרויסגעקוקט, ווען דער הימעל וועט זיך שפּאַלטען, אַזאַ מין שמועס וועגען מיר:

„ווי מיינסטו, יאָסי? — זאָגט די מאַמע צום טאַטען — זאָל עס טאַקי זיין אַ יונגעל, האַ?"

„וואָס פלוידערסטו, שוטה איינע! — ענטפערט דער טאַטע מיט אַ בייזער — אַז דער רבי האָט בפירוש געזאָגט אַ מיידעל, פרעגסטו נאָך שאלות?"

„געה שוין, געה, — זאָגט די מאַמע מיט אַ ווייך-שמייכלענדיגער שטים, — אַז איך טרייב קאַטאָוועס, נעמסטו עס שוין אָן פאַר אַנ׳אמת? איך זאָג עס גלאַט אַקעגען דעם, וואָס דער דאָקטאָר האָט עפּיס געכטען אַ בורטשע געטאָן, אַז איך טראָג אַ יונגעל"...

„טפשה איינע, — האָט שוין דער טאַטע ווייכער אַ זאָג געטאָן, — מאָל דיר, ווען עס זאָל אפילו באמת זיין אַ יונגעל, וואָלט עס אויך דער צדיק מהפך-געווען אויף אַ מיידעל. בפרט, אַז ער האָט אונז מיט זיין פּה קדוש בפירוש געזאָגט: אַ מיידעל, נאָך איידער דו ביזט פערגאַנגען אין טראָגען... איז וואָס איז דאָ צו רעדען?"

„ביזט טאַקי זעהר גערעכט, באמונות — זאָגט די מאַמע, ווי פערשעמט — מיר האָבען שוין געזעהן נישט איין מאָל אַזעלכע וואונדערליכע מעשים פונ׳ם צדיק, זאָל מאריך ימים ושנים זיין!"

— „אַזעלכע וואונדערליכע מעשים, זאָגסטו — מאַכט דער טאַטע מיט אַנ׳ערנסט-חוזק׳דיגער מינע — אויך מיר וואונדערליכע מעשים!... אַ קלייניגקייט?... אָוואַ! מאָל דיר, שוטה איינע, אַז ער האָט דעם פּאַרצעל׳יוקער דוכס פערוואָרפען אין אַ וואָלפקולאַק, צי אַז ער האָט מיט איין פּאָך מיט זיין שטעקען צוטריבען די שוואַרצע כּמאַרעס אין אַ שטאָק-פינסטערער נאַכט, פון קדוש-לבנה וועגען — איז עפּיס מעהר גדלות דערפון. האָט

מען נאָך צו ריידען פון אַזאַ נישטיגען מופת, האַ?״...

„דער רוח וויס זיי, אָט די ווייבעריעס, — האָט די מאַמע אַ זאָג געטאָן, ווי מיט אַ קווענקעלדיגען קול, שעמענדיג זיך פאַר זיך אַליין — וואָס זיי זענען אַזוי פערקאָכט אין דעם אַלטען שטורמאַק, דעם דאָקטאָר, אַז אַ כלל, וואָס ער זאָגט נאָר, איז ביי זיי תורת-לאָקשען. און אַזוי, זאָגען זיי, מוז מקוים ווערען, וואָס ער האָט געזאָגט... וואָס האָסטו מיר דאָ פעריבעל צו האָבען? אַ יודינע האָט לאַנגע האָר און קורצען שכל... אָט, ווייסטו גאָר וואָס, יאָסי-סערדצי, — האָט זי נאָך אַ מינוט שווייגען אַ זאָג געטאָן — בשעת דער הימעל וועט זיך שפּאַלטען, לאָמיר ביידע אין איין קול אויסשרייען — רבונו של עולם: אַ יונגעל! וועט עס שוין אודאי אַזוי מקוים ווערען...

נאָר דער טאַטע האָט זיך ווילד צובייזערט אויף איר פאַר אַזאַ העזה, צו געהן געגען דעם צדיק׳ס רצון און האָט אויסגעלאָזט מיט די ווערטער:

„ביזט געווען אַ בהמה און וועסט בלייבען אַ בהמה! און מעהר האָב איך מיט דיר נישט וואָס צו ריידען!

דערהערענדיג אַזאַ שמועס, איז מיר פערקילט געוואָרען איטליכס אבר: וועה איז מיר, וואָס וועל איך טאָן, אַז איך וועל, חלילה, געבוירען ווערען אַ מיידעל? איך האָב זיך דערמאָנט אָן די וויסטע בילדער, וואָס איך פלעג אָפּט זעהן דורך מיין פענסטער אין גן-עדן, ווי מען טאַסקעט אין גיהנם אַריין די פּוילישע ווייבער, פערשמאָנדערטע, פערקויטיגטע, האַמעטליווע און דערשלאָגענע, מיט די נאַקעט-געגאָלטע קעפּ און שלעכטע ציין, און אַז מען פלעגט זיי אַ פרעג טאָן מכח זייער חפצית אויף דער וועלט, פלעגען זיי אויסגלאָצען אַ פּאָר אויגען, ווי אַ מויז נאָך ערד-ציטערניש, און פלעגען אָנקוקען, ווי אַ ליימענער גולם — אודאי פלעגט דעמאָלט אויף מיר ציטערן די הויט פאַר דעם איינציגען פחד: טאָמער וועל איך נאָך, חלילה, אַמאָל דאַרפען זיין אַ מיידעל ביי אַ פּוילישען חסיד? נאָר דעמאָלט האָט מיך נאָך געטרייסט די האָפנונג: האַ, אפשר וועל איך נאָך די זכיה האָבען צו זיין אַ לייטיש פרויענצימער אין אַ יודיש-אַריסטאָקראַטי-

שען הויז, אַזוי ווי, אַ שטייגער, די אַלטע בכבוד'ע דאַמען, וואָס מען פלעגט זעלטען ברייגגען אין גן-עדן אַריין, אַזוי ריין, שען, זויבער, ציכטיג און קלוג, אַז ס'האָט פשוט דערקוויקט איטליכ'ס אבר. ציגד אָבער, אַז איך האָב שוין, צום אומגליק, דערוואוסט זיך, וואוהין איך בין אַריינגעפאַלען... קאָנט איהר שוין פערשטעהן דאָס פלאַטערניש מיינס: טאָמער וועל איך טאַקי באמת ווערען אַ מיידעל!

אמת, פון די פוילישע יודלעך אין גיהנם האָב איך אויך גאָר ווענניג וואָס נחת געזעהן. אויך פערדריפּעטע, קויטיגע, פּער-ביסענע, ווי די לצים, וואָס פון אונטער שאול תחתיה אַרויס, נאָר דאָך נישט דאָס, וואָס די פוילישע ווייבער. טאַקי אַ לא יצלח, אַ נמאס ומאוס'דיגע בריאה, אַנ'אויסגעקוועטשטער גרוגרת דר' צדוק — אָבער דאָך אַ מ אַ נ ס ב י ל!... איהר פערשטעהט, וואָס הייסט ביי די פוילישע חסידים דאָס וואָרט „אַ מאַנסביל?"... אַ מאַנסביל — אַ גאָרנישט, אַ ליימענער גולם, אַ שטומעלעלע איז מושל און דעספּאָט איבער דער שענסטער, דער קליגסטער און גערעַטענסטער נקבה... נישמעהר, אַז איך וועל מיך אפילו שרע-קען פון היינט ביז איבעראַיאָר — בין איך דאָך ביים צדיק אין די הענד און עס וועט מיר העלפען, אַזוי ווי אַ טויטען באַנקעס.

ס'איז מיר אפילו אַ גרויס חדוש געווען, פאַרוואָס איך האָב אין גן-עדן גאָר קיינמאָל נישט געהערט די נעמען: רבי, מגיד, גוטער יוד וכדומה. נאָר אַ קשיא אויף אַ מעשה, אפשר זענען זיי נאָר פערטאָן געווען אין גיהנם וועגען מתקן-זיין די נאַריש-זינדיגע נשמות פון די פוילישע יודענעס?

בקצור, איך האָב די ניין חדשים קוים מיט די ציין דער-שלעפּט, פלאַטערענדיג אַלע מינוט: אָט-אָט ווער איך אַ מיידעל. נאָר דאָס האָב איך יאָ אויף זיך גענומען: באַם, אַז השי"ת וועט מיר העלפען, איך זאָל מיך אויסדרעהען אַ יונגעל, וועל איך דערווייזען דער וועלט, אַז די גוטע יודען האָבען אַ סך ווענניגער דעה ביים רבונו של עולם, איידער דאָס מינדסטע דאָקטאָריל אין סטריזשעווקע...

צום אומגליק, אָבער, האָט מיך בעת׳ן געהן אויף דער וועלט דער מלאך אַ שנעל געטאָן אין דער אויבערשטער ליפּ און איך האָב גאָר פערגעסען אין הכל-פּאַקעל... ערשט, אַז דער טאַטע איז געפאָרען צום רבי׳ן נאָך אַ נאָמען און איך האָב נאָכ׳ן ברית דערהערט מיין נאָמען — יצחק — בין איך ערשט געוואָר גע וואָרען, אַז איך בין, אַפּנים, אַ יונגעל...

— אַ-אַ-אַ — האָט דער רבי פערגלאָצט די אויגען צום הימעל און ווי געקרעכצט פאַר׳ן עולם — דאָס קינד איז זעהר אַ הויכע נשמה, און בכדי מיין כבוד נישט צו לעגען, האָט די שכינה כביכול געמאַכט אַ בייט און מיר געוויזען אין חלום דאָס וואָרט בת במקום בן...

איך מעג שוין זיין אפילו אַ נידריגע נשמה, אָבער אַבי נישט קיין יודענע..

ש. י. אַבראַמאָוויטש

(מענדעלע מוכר-ספרים)

די נשׂרפֿים

קליינע נאָטיץ.

שלום-יעקב אבראַמאָוויטש (פּסעוודאָנים — מענדעלי מוכר ספרים) איז געבוירען געוואָרען אין יאָר 1835 אין קאַפּוליע, מינסקער גובערניע. אַ שווערע וואַנדער-יוגענד האָט ער געהאַט, אָבער דערפאַר האָט ער געזעהן אַ סך און דאָס געזעהענע דערנאָך מיט גרויס טאַלענט איבערגעגעבען אין זיינע מייסטערווערק. „פישקע דער קרומער", „דאָס ווינשפינגעריל", „דאָס קליינ-מענשעלע", „די קליאַטשע" און די אַנדערע ווערק אבראַמאָוויטש'עס זענען געוואָרען דער פונדאַמענט פאַר דער יודישער ליטעראַטור, אויף וועלכען זי האָט דערנאָך געקאָנט זיכער געבויט ווערען. אויף אבראַמאָוויטש'עס ווערק לאָזט זיך גישט זאָגען, אַז דאָס אָדער יענס ווערק איז אַ בעסערס. אבראַמאָוויטש'ן דארף מען לייענען אינגאַנצען. אין יאָר 1910 איז געפייערט געוואָרען זיין 75-יעריגער יוביליייאום, אין וועלכען עס האָבען זיך מיט גרויס התלהבות בעטייליגט אַלע קלאַסען און קרייזען פון פאָלק

ש. י. אבראמאוויטש.

די נשרפים

א.

דאָס, רבותי, וואָס איך וויל אייך דאָ דערצעהלען, איז געשעהן פונקט אין דעם יאָר, וואָס נאָך דער גרויסער שרפה אין קאַבצאַנסק.

די דאָזיגע שרפה, מוזט איר וויסען, שטעהט פערשריבען אין די קראָניקעס, אין קהל'שען פנקס, הייסט עס. און קאַבצאַנסקער יודען רעכנען אַלסדינג, וואָס געשיהט אין זייער לעבען, נאָך דער צייט פון דער שרפה. מען זאָגט אַ שטייגער: דער און דער איז געבוירען געוואָרען, דער און דער האָט חתונה געהאַט אָדער איז געשטאָרבען אַזוי פיל און אַזוי פיל נאָך דער שרפה. דער עפוש, נישט היינט געדאַכט, דאָס אויסרייניגען די מקוה, די ברונענס וכדומה, איז געשעהן אין דעם און אין דעם יאָר נאָך דער שרפה.

איך אַליין בין דענסטמאָל ביי דער שרפה נישט געוועזען אין שטאָדט, בין אַרומגעפאָרען, ווי געוועהנליך, מיט מיין ביידעל ספרים צווישען יודען. גאַזעטעס, ווי היינט, זענען דענסטמאָל ביי אונז יודען נאָך ניט געוועזען, נישט קיין „קאָרעספּאָנדענציעס“ און „אַרטיקלען“-שרייבערס, נישט קיין מודעות וועגען עגונות און נישט אַ צוגיסען זיך אין „לשון“, אין שאַרפע מליצות אויף מתים און אויף שו פות. האָט אַ יוד מעגן געוועזען דאָס ווייב, מילא. איז

וי זיך אַנ׳עגונה, איז אַ יוד געשטאָרבען, מילא, האָט מען אים בע-גראָבען, אַ באָד האָט אָבגעברענט, אַ שטעדטיל, ניט-דאַ-געדאַכט, איז אַוועק מיט׳ן רויך—נו, שאַ! אָט אַזוי האָט זיך גאַנץ קאַב-צאַנסק אָבגעברענט, און איך זאָל דאָס גאָר אָנהויבען אפילו צו וויסען!

געה איך מיר אַזוי איינמאָל טריט-ביי-טריט נאָך הינטער מיין אָנגעלאָדען וועגעלע, דאָס פערדעל מיינס ריהרט זיך ווי אַ בלייען פויגעלע, שטשיפעט, ביים וועג-געהענדיג, גראָז און קייעט עס רוהיג, גאַנץ געלאַסען. געווען איז עס דענסטמאָל ל״ג בעומר, איינער פון יענע זומער-טעג, אין וועלכען אַ יוד איז נישט אין טרויער און מעג הנאה האָבען פון גאָט׳ס וועלטעל דער שענער. איך געה מיר אַזוי האָפערדיג, כאַפּענדיג אַ קוקעלע אויף אַ בוי-מעלע, אויף אַ גרעזעלע, אַ בלימעלע און אויף גרינע תבואות. הדודאים, די פייגעלעך נתנו ריח, גיבען די שמוכט, די פעלד-פויגעלעך שפּילען מיר אַ מאַרש, און מיר דאַכט זיך, איך הער די פידעל מיט דער פויק, די פלייט, די באַנדורע מיט דעם צימבעל—דאָט גאַנצע כלי-זמר-שפּיל אויף די חתונות הייניגען טאָג ביי יודישע קינדער, איך קוועל גאָר אָן פון זייער שמחה און שיק זיי פונדערווייטענס אַ מזל-טוב, הלואי זיי זאָלען זיך מערען ביי זיך אין שטעדטיל דאָרט, ווי דאָס גראָז אויפ׳ן פעלד דאָ.

און ווי איך בעטראַכט מיר גאָט׳ס שענע וועלט און די וואונדערליכע ווערק זיינע, שטאַרק הנאה האָבענדיג דערפון, דערזעה איך פונדערווייטענס עפּיס גאַנצע קאָמפּאַניעס פאַרשוינען מיט שטעקענס אין די הענד, מיט טאָרבעס אויף די פּלייצעס ווי עכטע קבצנים. אמת טאַקי, בעגעגענען אויפ׳ן וועג קבצנים איז זעהר אַ געוועהנליכע זאַך. ס׳איז שוין איינמאָל אַזוי גע-שטעלט ביי יודען פון אייביגע צייטען, אַז קבצנים זאָלען ביי זיי זיך שטענדיג אַרומשלעפּען איבער שטעדט און שטעדטלעך, נאָר אַזוי פיל קבצנים אָבער מיט אַמאָל אין גרויסע מחנות, ווי די היישעריקען—דאָס איז מיר שוין געווען אַ גרויס וואונדער. און נאָך גרעסער איז מיר בעוואָרען דאָס וואונדער, אַז זיי זע-

נען צוגעקומען נאָנט און איך האָב אין זיי דערקענט מיינע קאַבצאַנסקער יודען!

—אוי, קאַבצאַנסק וואַנדערט!—רוף איך אויס דערשראָקען, דערזעהענדיג פאַר מיר די גאַנצע מחנה יודען, מענער, ווייבער און קינדער, אָבגעריסענע-אָבגעשליסענע, הונגעריגע, דורשטיגע, אין צענטען איינגעהויקערטע—וואָס איז אַזוינס געשעהן, ברידער?

—אוי, חרוב געוואָרען אונזער שטאָדט!—ענטפערן אַלע מיט אַמאָל—יאָ, קאַבצאַנסקער זענען מיר, קאַבצאַנסק אָבער איז שוין ניטאָ!

—אַ שטראָף פון גאָט איז געקומען, אַנ'אָנשיקעניש פון זיין ליבען נאָמען!—פאַלען אַריין די ווייבער אין דערמיט מיט אַ געוויין.

—אַ צאָרן פון גאָט איז אויף קאַבצאַנסק אויסגעגאָסען גע-וואָרען—העלפען אונטער מאַנסבילען מיט אַ קרעכץ.

—בעוונותינו הרבים—הויבען אָן עטליכע דערצעלען—בעוונותינו, פאַר די זינד אונזערע האָט זיך אָנגעכאַפּט די סאַזשע ערגעץ אין קוימען...

—אין נפתלי דעם רויטענס קוימען—פאַלען אַנדערע אַריין אין די רייד—ביי אים אין קוימען האָט זיך עס אָנגעצונדען די סאַזשע, וואָס איז נישט געווען געקערט שוין אַ לאַנגע צייט. פון דאָרט איז דאָס פייער אַרויס, בעוונותינו הרבים, איז געפלויגען מיט דעם ווינד אויף די שטרויענע דעכלעך, זיך אָנגעכאַפּט אָן די הילצערנע הייזלעך. עס ברענט, עס פלאַקערט, אַ שרעק. ס'איז אַ געטומעל, אַ געשריי, אַ געוואַלד—און ווער זאָל אין אַזאַ מהומה, אַזאַ לויפעניש זיך שטעלען לעשען? אוי, וואָס פון אונז איז גע-וואָרען! עפּיס טאַקי נאָר פון דעם הימעל איז אַרויס אַ פייער און פערבערענט אונזער שטעדטיל!

—ברידער!—כאַפּ איך מיך אַרויף אויף זיי מיט אַ טענה—אָנגעהויבען האָט איר מיט אַ פייער פון נפתלי דעם רויטענס קוימען און אויסלאָזען 'אָזט איר גאָר אויס מיט אַ פייער פונ'ם הימעל! ווי קומט אַהער דער הימעל?

—דאָס פייער פונ'ם הימעל, פערשטעהט איר, איז בע-

שערט געווען צו קומען דורך דעם רויטענס קוימען—ענטפערן מיינע קאַבצאַנסקער פּשוט׳ע יודען, וואָס ווייסען נישט קיין חכמות—פון דאַנען, פון דאָרט — אַלץ איינס. אַ בעוויז האָט איר אייך אָט וואָס: יאָרען-לאַנג איז דעם רויטענס קוימען, ווי אַ סך אַנדערע קוימענס, נישט געווען געקערט, און פונדעסטוועגען מיט חסד, ס׳איז גאָרנישט געשעהן. ס׳זענען דאָ טיפּשים אַזעלכע, וואָס זאָגען אונז: „רעכט אויף אייך! איר האָט די שרפה כשר פערדינט דערפאַר, וואָס די הייזער זענען געשטאַנען האַרט איינס נעבען אַנדערן, וואָס די דעכער, מ׳שטיינס געזאָגט, זענען געווען געדעקט מיט שטרוי, וואָס די אויוונס זענען נישט געמאַכט, ווי געהעריג, און דערפאַר, וואָס ביי אייך זענען נישטאָ די כלים, די אַלע נויטיגע מיטלען צום לעשען". די דאָזיגע שוטים אָבער ווילען נישט פערשטעהן, אַז מכמה וכמה יאָרען איז קאַבצאַנסק זיך אַזוי געשטאַנען נישט צו וויסען קיין בייז. דער אמת איז טאַקי, ווי עס שטעהט געשריבען: אם ה׳ לא ישמור עיר, אַז דער אויבערשטער היט אַ שטאָדט נישט, שוא שקד שומר, איז אומזיסט די מיה פון אַבי וועלכען שומר, איז בעשערט אַ פייער פונ׳ם הימעל, קאָן קיין שום וואַסער עס נישט פערלעשען.

אַקעגען אַ פּסוק העלפט נישט קיין זאַך, נישט קיין חכמות, נישט קיין טענות, דעריבער האָב איך אָנגעבויגען דעם קאָפּ און געשוויגען.

ב.

מיינע קאַבצאַנסקער זענען שיער נישט געפאַלען פון די פיס, אַזוי אָבגעמאַטערט זענען זיי געווען פון צופוס געהן. מיר אַליין האָט שוין אויך טאַקי געבראָכען די פיס פונ׳ם נאָכגעהן הינטער דעם וועגעלע, דעריבער האָבען מיר זיך אָבגעשטעלט אויסצורוהען אַ ביסעל נעבען אַ וועלדעל ביי אַ קליין וואַסעריל. אויף די ווערבעס דאָרט האָבען די קאַבצאַנסקער אויפגעהאַנגען זייערע טאָרבעס און אַליין זיך אויסגעצויגען אויף דער האַרטער ערד. מאַנסבילען אָכען און קרעכצען, האַמפּערן זיך, קריגען זיך, בע-

טראַכטענדיג זייער לאַגע. ווייבער קלאָגען, פערשעלטענדיג זייערע טעג און יאָרען. עופּעלעך קלייניטשקע לעכצען נעביך, זוכען ביי די מאַמעס צו זויגען און געפינען נישט קיין קאָפּ מילך. עלטערע קינדער חלש'ן נאָך אַ שטיקעל ברויט און וויינען מיט ביטערע טרערען. לייזעריל, דער קאַבצאַנסקער שטאָדט-משוגענער, אויך ער געפינט זיך דאָ צווישען דעם קאַבצאַנסקען עולם. די קליידער פערשמירט, צוריסען, די האָר צושויבערט, דאָס היטעל פּעררוקט אַ הינטען. ער דרעהט זיך אַרום, געהט נאָך, ווי אַ קוה אַ קעלבעל, אַ מאָל נאָך דעם, אַ מאָל נאָך יענעם, עפּענט אַ מויל און קוקט, ברייגנט-אַרויס אַ מאָל עפּיס אַ פערדומפּט קול, אָהן ווערטער. פּעראומערט, פערזאָרגט זיץ איך צווישען מיינע פערוויסטע, אומגליקליכע קאַבצאַנסקער, נעביך, עס רייסט מיר דאָס האַרץ, צוזעהענדיג זייערע ביטערע צרות, וויסט און פינסטער איז מיר גאָט'ס וועלטעל. אוי, וואָס געהט זי מיך אָן, די שענע נאַטור מיט איר חן? פּאַר אַנדערע איז זי גוט און שען, נישט פּאַר אונז, יודען. די זון קוויקט מיך נישט מער מיט אַ ליבער וואַרימקייט. זי ברענט מיך, ווי פייער, דאָס לינדע ווינטעל איז פּאַר אונז אַ ווינט צו שרפות, דאָס גערוך פון פעלד-בלומען און קרייטעכצער שמעקט פּאַר אונז מיט רויך. אוי, אונז מאָלט זיך נאָר שרפות — פייער, ווינט און זיילען רויך! דאָס שפּילען פון די פויגעלעך דאַכט זיך אונז אַ וויינענדיגס, דאָס געזאַנג זייערס — אַ קלאָג-ליד!

— וואוהין-זשע, ברידערלעך, געהט איר? — טו איך לסוף אַ פרעג מיינע קאַבצאַנסקער יודען, האָבענדיג אויף זיי שטאַרק רחמנות.

— וואוהין קענען יודען, נשרפים, געהן? — ענטפערט חברה, זיפצענדיג און שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ—אַהין, וואו אַלע יודישע אָרימעלייט געהען. צו אונזערע באַרמהאַרציגע אחינו בני ישראל געהן מיר. מיר האָבען כתבים, אונטערגעשריבען פונ'ם רב און פון די ראשי הקהל, אַז מיר מעגען אַרומגעהן איבער די הייזער, מעגען מיר, אונזערע ראשי הקהל,זאָלען לעבען, האָבען פערזאָרגט די נשרפים, אַיינטיילענדיג צווישען זיי די יודישע שטעדט על פּי

גורל. אַ טייל קאָמפּאַניעס איז אויסגעקומען אַוועקצולאָזען זיך אַהין, פון יענער זייט קאַבצאַנסק, און אונז איז דער גורל אויס-געפאַלען צולאָזען זיך אַהער, אין דער זייט. אַצינד בעדאַרפען מיר דאָ נאָך אַ צווייטע אַיינטיילונג, וועמען זאָלען געהערן די שטעדט און וועמען יענע שטעדט. קענען מיר זיך אָבער נישט אויסגלייכען. וואוהין יענע ווילען, שטופען זיך נאָך זיי אויך די אַנדערע. בכן האַלטען מיר זיך, ווי איר זעהט, צונויפגעשטיקט אַלע אינאיינעם, אין איין גרויסער קאָמפּאַניע. מען האַמפּערט זיך, מען זידעלט זיך, מען עסט זיך איינער דעם אַנדערן אויפ׳ן גאַנצען וועג. טאָמיר, ר׳ מענדעלי, וואָלט איר זיך דאָ אַריינ-געלעגט אין-דערמיט און געמאַכט צווישען אונז אַ עק?

— צוזיהט זיך, צושפּרייט זיך, קבצנים! — טו איך אַ זאָג מיינע יודען, זעהר דעליקאַט — צו וואָס, קבצנים, שטיקט איר זיך צונויף אינאיינעם און בייסט אַייך און רייסט אַייך איינע מיט די אַנדערע? דערמיט טוט איר דאָך שלעכט אַייך טאַ-קי אַליין — איינער ביים אַנדערן כאַפּט-אויס דאָס שטיקעל ברויט, אַלע וואַרפען זיך, ווי די הינט, להבדיל, אויף אַנ׳אָבגעלעקטע ביין. און וואָס נאָך, איר ציהט אויף אַייך אַרויף לייטישע רייד, שאַנד און שפּאָט. אַז איר בעפאַלט זיי, ווי אַ היישעריק, נישט אויס-צושטעהן פון אַייך. געוואַלד, האָט רחמנות אויף זיך אַליין און צושפּרייט זיך, יודישע קינדער!

און זעהענדיג, אַז איך רייד, ווי צו דער וואַנד, קיינער הערט מיך נישט, האָב איך שוין מעהר נישט געזאָגט קיין וואָרט, געקוקט אויף זיי און בעדויערט, טראַכטענדיג ביי מיר: אַ שרפה אפילו איז נישט אימשטאַנד אַייך צו שיידען, יודעלעך!

— אונז גיבען זיי דאָס ערגסטע, טונעיאַדעווקער געגענד מיט די הייזער, און זיך נעמען זיי דאָס בעסטע, גלופּסקער ווינקעל. נישקשה, מיר האָבען אויך אַ חלק אין גלופּסק — לאָזען זיך הערען קולות פון שרעקליך אויפגעבראַכטע.

— ניין! מיר וועלען נישט מוחל זיין דאָס אונזעריגע. מיר האָבען אויך אַ יודישע נשמה, אויך אַזוינע מיוחסים, שמייליגע, ווי איר, זענען מיר—שרייען אַנדערע.

— מיינע ליבע יודען! — ווענד איך מיך צו די, וואָס האָבען אַממייגסטען געשריגען — איר זענט דען אויך אָבגעברענט געוואָרען? איר זענט דאָך, ווי איך וויים, קיינמאָל קיין בעלי-הבתים נישט געווען.

— מילא, וואָס איז דאָ די נפקא-מינה, בעלי-בתים אָדער שכנים — גיבען מיר יענע צו פערשטעהן דעם טעם דערפון — אַצינד זענען מיר אַלע אביונים. הייזער אייגענע האָבען מיר, אמת טאַקי, נישט געהאַט, אָבער דירות האָבען מיר דאָך יאָ גע-האַט. נו, האָבען מיר אַלע געוואוינט ביי יעקב-שמשון אין קע-לער, איטליכער מיט זיין געזינדעל אין אַ בעזונדער ווינקעל דאָרט. אַז יעקב-שמשונ׳ס הויז האָט אָבער אָבגעברענט, זענען מיר דאָך, פערשטעהט איר, געבליבען אָהן דירות, און וואוהין, זאָגט, אדרבה, זאָלען מיר זיך אַהינטאָן?

—מיין דירה איז געווען אין בית-המדרש, וואו איך האָב געשלאָפען—שרייט מיט אַ גמרא-ניגון עזריאל בטלן—וויבאַלד דאָס בית-המדרש האָט אָבגעברענט, אם-כן איז דאָך מער נישט שייך דאָרט צו שלאָפען. הייסט דאָך עס, אפנים, אַז איך בין אַ נשרף, ווי אַלע נשרפים?

—אַ מערכה, כלעבען—טראַכט איך ביי מיר—וואָס די וואַנ-צען און פליי, וועלכע זענען געווען אויף קעסט און קוואַטיר ביי אונזערע יודען אין קאַבצאַנסק, האָבען נישט קיין מויל צו ריידען, זיסט וואָלטען זיי אויך געקומען מיט די אייגענע טענות.

—מיר איז די שרפה געווען דריי מיתות: שרפה, הרג וחנק אינאיינעם—קלאָגט זיך דוד-יודיל דער קרעמער—אָבגעברענט דאָס קלייטעל, מילא, איז אָבגעברענט, קאָן מען דינגען, שטעלען אַנ׳אַנדער קלייטעל, אַבי עס זאָלען זיין יודען, קונים. אַז אָבער קאַבצאַנסק האָט זיך אַוועקגעשלעפט, בין איך דאָך געבליבען דער׳הרג׳עט, דערוואָרגען!...

—איך בין אַנ׳אָרימאַן, אַנ׳אביון טאַקי לכל-הדעות—גיט מיר נחום דער מלמד צו פערשטעהן גאַנץ שכל׳דיג—זענען בעלי-בתים געווען אין שטאָדט, בין איך געווען אַ מלמד, געלערנט מיט זיי-ערע קינדער און געלעבט בדוחק. היינט אם אין בעלי-בתים,

נישטאָ קיין בעלי-בתּים, זענען נישטאָ קיין קינדער, נישטאָ קיין קינדער, איז נישטאָ קיין חדר, נישטאָ קיין חדר, איז נישטאָ קיין תּורה. נישטאָ קיין תּורה, איז נישטאָ קיין קמח—קומט אויס צו לעגען די ציין אויף דער פּאָליצע!

—אָט דאָס אייגענע טאַקי זאָג איך דאָך אויך, אַז ס'איז נישטאָ קיין הייזער, איז נישטאָ קיין מזוזות—רופט זיך אָן מיט אַ קרעכץ יאָסיל-שמעון דער סופר—אַז ס'איז געווען קאַבצאַנסק, בין איך געווען אַ מזוזה-שרייבער, היינט, אַז ס'איז אויס קאַבצאַנסק, אויס הייזער, איז אויס סופר, אויס מזוזות.

—און מיר—רופען זיך אָן אַ היבש פּעקעל פּאַרשוינען, וואָס הייסען ביי אונז, יודען, כּלי-קודש, נעמליך: שמשים, בעלי-עגלות, שדכנים, קברנים, תּהלים-זאָגערס, משניות-לערנערס, טוקערנס, גבאי'טעס, שפּרעכערענס וּכדומה נאָך אַזעלכע—מה נאמר ומה נדבר, וואָס זאָלען מיר זאָגען. מיר זענען דאָך אַצינד געבליבען ווי פּאַסטוכער אָהן שאָף, ווי פיש אָהן וואַסער. ווען איז אַ נז, ווינד און ווען אונזערע קינדער. אויסגעלאָזט זיך די פּרנסות, נישטאָ מער פון וואַנען צו ציהען. אוי, ביטער! אונזערע איינציגע האָפנונג אַצינד איז פריהער אויף גאָט, דערנאָך אויף אונזערע קרובים, אויף גוטעלייט און בעלי-צדקות. זאָלען זיי אונטערהעלפען אונז אין דער שלעכטער צייט, טאָן חסד מיט אונזערע קינדער, ביז השם-יתברך וועט זיך דערבאַרעמען. קאַבצאַנסק וועט ווידער ווערען אַ שטאָדט און מיר וועל'ען זיך ווידער נעמען צו אונזערע פריהערדיגע פּרנסות.

—ס'איז נאָר נישטאָ אויף דער וועלט אַזאַ צרה, ווי מיינע—גיסט פאַר מיר אויס דאָס האַרץ שלמה, וואָס האָט געהייסען אין שכאָדט: בעל-דברן פאַר זיין פּה-קדוש—מין צרה, דאָס איז די צרה פון דער מויד! קוקט זי אָן, אוי, אַ בושה, אַ חרפּה, אָן זיצט זי דאָרט, מיין טאָכטער, הינדע-רחל, נעביך! אַ כּלה געווען הינדע-רחל. בעדאַרף זיין, לויט ווי אָבגעשמועסט אין די תּנאים, די חתונה ל"ג בעומר. היינט טאַקי בעדאַרף זיין די חתונה. וואָסזשע טוט גאָט? מאַכט גאָט אַ שׂרפה, אָבער אַ שׂרפה אַ גרויסע, אַז דער גאַנצער מאַרק הייזער און די, וואָס אָרום און אַרום,

געהען אַוועק מיט'ן פּייער, און מיין הויז אויך. אויף גאָט פרעגט מען נישט קיין קשיות, פאַרוואָס האָט ער עס אַזוינס געטאָן. וויבאַלד אָבגעברענט, פערשטעהט זיך דאָך ממילא, אַז איך בלייב אַ אָרימאַן, און סילוק נישט דעם נדן, ווי איך האָב מיך מתחייב געווען אין די תנאים. וואָס מיינט איר, איך האָב נישט געוואָלט? חס ושלום! געוואָלט האָב איך זעהר, נאָר פּשוט, איך האָב נישט געהאַט. וואָס-זשע טוט דער שענער בחור, דער חתן מיינער? זאָגט ער, לא! אַז נישטאָ דער עיקר, צו וואָס טויג מיר די מויד? נעמט ער און צורייסט די תנאים. מילא, צו וואָס דאָ לאַנג ברייען, דער שפּיץ דערפון איז, מיין טאָכטער איז אויס כלה און ווייטער מויד! און אָט זיצט זי שטענדיג פערראומערט און וויינט. מיין ווייב, זאָל לעבען, גיסט אויס ביטערע טרערען, און וויינט איבער מיין קאָפּ—„גזלן! זאָגט זי, פאַרוואָס האָסטו אַרויסגעלאָזט דעם חתן? פאַרוואָס האָסטו קיין רחמנות נישט אויף דיין טאָכטער? אַלע חבר'טעס אירע זענען שוין ווייבלעך, האָבען קינדער און זי, גזלן איינער, זי איז נאָך אַ מיידעל! אוי, אַזאַ חרפּה, אַזאַ בושה!" און היינט ל"ג בעומר, וואָס האָט געזאָלט זיין די חתונה, כּפי ס'איז אָבגערעדט געוואָרען אין די תנאים, איז דאָס געוויין נאָך גרעסער, ממש ווי תשעה-באב. די וויינט, יענע וויינט, ביידע וויינען, און מיר איז ביטער און פינסטער. אַ הונט זאָל אַ לעק טאָן מיין האַרץ, וואָלט ער משוגע געוואָרען. וואָס זאָל איך טאָן און וואָס קען איך טאָן? איך וועל נאָך פּרובען טאָן אָט וואָס: מיין ווייב מיט'ן בני-בית זאָלען זיך אַרומגעהן מיט די נשרפים און איך וועל מיך אַלאָז טאָן אין דער וועלט עקסטראַ פּאַר זיך אויף הכנסת-כלה. האַ, וואָס זאָגט איר דערצו, ר' מענדעלי?

—וואָס זאָל איך זאָגען?—ענטפער איך דעם בעל-דברן מיינעם—אודאי איז הכנסת-כלה אַ שען געשעפט און ביי אונז, יודען, נאָך פיל חשוב'ער, ווי נשרפים.

בשעת דעם שמועס מיט די קבצנים, האָבען די ווייבער זיי אונטערגעבאַסעוועט מיט ביטערע זיפצען, מיט טרערען און טויטע קללות. אויך די פרעש אין דעם טייכעל, די זשוקלעך, די

גרילען צווישען גראָז און תבואות, האָבען זיך געלאָזט הערען אויף זייערע קולות—ס׳איז געווען אַ קוואַקען, אַ שמוצערן, אַ גע-רויש, אַ געפּילדער, אַ יאָמער און אַ קלאָג ווייט אַרום און אַרום.

ג.

קיין שום זאַך נעמט מיך נישט אָן אַזוי ביים האַרצען, דער-וועקט נישט אין מיר הייסע געפיהלען פון ליבשאַפט, גוטסקייט, רחמנות און נאָך אַזעלכע, וואָס שווער אָנצורופען זיי ביים נאָ-מען, ווי דאָס פּנימ׳ל פון אַ אונשולדיג קינד, אַ שלאָפענדיגס. בעזונדערס, ווען עס איז איינגעשלאָפען פאַר שלאַפקייט, נעביך, אָדער נאָכדעם, ווי מען האָט עס געפּייניגט, נעביך, געשלאָגען.

איינס פון די קליינע, אומגליקליכע קינדערלעך, אַ שלאַפס, אַ בלייכס, איז שטיל, אומבעמערקט צוגעקומען צו מיר, בשעת מיין פערטיפען זיך אינ׳ם שמועס, האָט אַנידערגעלעגט דאָס קע-פּעלע זיינס מיר אויף די קניע און איז זיך איינגעשלאָפען. ערשט ביים ענדיגען דעם שמועס, אַז איך האָב אים בעמערקט, בין איך געבליבען צוקאָכט פאַר גרויס רחמנות. אַ זיס פּנימ׳ל זעה איך, אַ דאַרס, אָהן אַ טראָפּען בלוט. ליפּעלעך פערטריקענטע, האַלב-געעפענטע, הענטלעך דינע, צוימשטעקעלעך, איינס ליגט אים אויף דער ברוסט, וואָס בעוועגט זיך ביים אָטעמען אַרויף און אַראָב, און דאָס צווייטע הענגט שוואַך ארונטער. אויף אים איינגאַנצען ליגט עפּיס אויסגעגאָסען אַ טרויעריגער חן. עפּיס רעדט עס, בעט עס, קלאָגט זיך, נעביך, אויף יסורים, וועהטאָגען, בעט רחמים, רחמנות צו האָבען אויף זיינע יונגע יאָרען. איך קוק עס אָן און עס רייסט מיר דאָס האַרץ! עס ווילט זיך מיר וויינען, האַלזען, אַרומנעמען דאָס בידנע קינד, מיינע אומגליקלי-כע שטאָדט-לייט, מיינע אומגליקליכע ברידער פון מיין פערוואָ-געלט פאָלק, אַרומנעמען זיי אַלע און אויסקושען זיי די גלידער! איך קוק אַמאָל אויף ז׳אָס אומשולדיגע קינד, אַמאָל אויף די וויסטע, עלענדע, בעטריבטע, פערביטערטע קאַבצאַנסקער יודען— און ווער שיער נישט משוגע קוקענדיג. רבונו-של-עולם, שרייט איך מיר דאָס האַרץ, אַך, ווי ביטער ס׳איז דיין פאָלק ישראל, ווי

משונה פערענדערט ער איז מיט דעם שטייגער לעבען זיינעם מיט אַלץ-מיט-אַנאַנדער ביי אים פון אַלע אַנדערע אומות אויף דער וועלט! וואו איז נאָך דאָ אַזאַ פאָלק, וואָס די מענשען זיינע האַלטען זיך, ווי די גלידער פון אַ גוף, צוגעוואַקסען איינס צום אַנדערן, ווירקען איינס אויפ'ן אַנדערן, דערנערן זיך איינער פונ'ם אַנדערן און ווערען אַ תל איינער דורכ'ן אַנדערן. דאָס אומגליק פון יחידים, פון אַ טייל יודען, טרעפט דעם כלל ישראל. אַ שרפה איז געקומען אויף קאַבצאַנסק, עס האָט אויסגעקויקעלט אַ טייל הייזער און אַלע יודען דאָרט וויינען, בעוויינען די שרפה! עס בעוויינען זי אַלע, אפילו די, וואָס האָבען קיינמאָל קיין הויז נישט געהאַט. עס וויינען קאַבצאַנסקער בטלנים, מלמדים, דיינים, שמשים, חזנים, שוחטים, שדכנים, חתנים, כלות, קרעמער, סוחרים, מעקלער מיט אַלע אירע קבצנים.

—אוי, אומגליקליך קינד ... אוי, בידנע פאָלק, מיין אָרים פאָלק!..

—חנה, חנה!—לאָזט זיך הערען אַ קול פונ'ם קינד'ס פאָטער, רופענדיג דאָס ווייב—קום, נעם חיים-יעקלען, זעה נאָר, ווי ער שלאָפט ביי ר' מענדעלי'ן אויפ'ן שויס!

—וועה איז דער מאַמע, וועה צו איר לעבען!—שרייט אויס חנה פאַר גרויס רחמנות און ליבשאַפט, אויסשטרעקענדיג די הענד צו נעמען דאָס קינד—קוקט אים נאָר אָן, מיין טרייסט, מיין נשמה, ווי ער ליגט! מיד, אָבגעשוואַכט, ליגט ער זיך איינגענאָרעט, דאָס הענטעלע פערלעגט און שלאָפט, ווי אַ פויגעלע, טייער קינד מיינס. אַזאַ ברעקעל, נאָך נישט אָנגעקוקט די וועלט, נישט געלעבט, און שטעהט שוין אויס אַזוי פיל צרות!

—עָט, נישקשה, זאָל ער זיך ליגען, נישקשה, און שלאָפען—זאָג איך דער מוטער און לאָז מיך אַריין אין אַ שמועס מיט דעם קינד'ס פאָטער, אַ יוד אַ למדן און פשוט, אָהן חכמות, אַ גוטער מענש.

—זאָגט מיר אָקאָרשט, זאָלט איר מיר געזונד זיין, רב יחיאל-מרדכי, ווי אַזוי און מיט וואָס האָט איר זיך דערנערט אין דער שלעכטער צייט, וואָס ס'איז אויף אייך אָנגעשיקט געוואָרען?

—געלויבט השם-יתברך—ענטפערט רב יחיאל-מרדכי, אויפ-

הויבענדיג די אויגען מיט אַ דאַנק צום הימעל—מיט דעם אויבערשטענס נסים האָבען מיר געלעבט. און וויפיל בעדאַרף דען אַ יוד האָבען צום לעבען? אַ יודען איז גענוג אויף צו דערהאַלטען די נשמה אַ ביסעל קאַרטאָפלעס, אַ ביסעל דאָס... אַ ביסעל וויים איך וואָס... גאָרנישט. אַ ציבעלע, אַ רעטעכל. האָבען מיר זיך געלאָזט בענוגענען, מיט בטחון אויף זיין ליבען נאָמען און אויף דעם חסד פון אונזערע אחינו בני ישראל.

-נו, האָבען אונזערע אחינו בני ישראל אייך געהאָלפען אין דער נויט?

פון איין שטעדטיל און פון די אַרומיגע דערפער האָט מען אונז אַריינגעשיקט עטליכע וועגעלעך ברויט באַלד נאָך דער שרפה. און די איבעריגע שטעדט—גאָרנישט. נאָר עפּעס קליינע נדבות עטליכע פון יחידים.

—פאַרוואָס-זשע, האָט קיין פעראיבעל נישט, האָט איר זיך געפוילט אַרויסשרייבען זיי אין א בריף אייערע גרויסע צרות, אַז איר געפינט זיך אין אַזאַ ביטערער נויט?

—געשריבען, רב מענדעלי, געשריבען, געשריבען! אויך אַרויסגעשיקט האָבען מיר משולחים צונויפנעמען פאַר אונז נדבות ביי יודען, האָבען מיר אַרויסגעשיקט, און גאָרנישט, ביז אויף היינטיגען טאָג נישטאָ פון זיי קיין תמונת אות. מען זעהט נישט, מען הערט נישט. ווי אין וואַסער אַריינגעפאַלען. אַז מיר האָבען אַרויסגעזעהן, קיינער פון אונזערע ברידער קומט אונז נישט צו הילף און מען קען שוין מער נישט אויסהאַלטען, האָבען מיר זיך בעטראַכט מקיים זיין די הייליגע ווערטער פון אונזערע הייליגע חכמים: אל תדין את חברך, דו זאָלסט נישט בעשולדיגען דיין חבר עד שתגיע למקומו, ביז דו זאָלסט דיך ניט שטעלען אויף זיין אָרט". געהען מיר, הייסט עס, אַציגד פון קליין ביז ביז גרויס, מיט ווייבער און קינדער, בחורים מיט מיידלעך, זיך שטעלען אויפ'ן אָרט פון אונזערע ברידער. זאָלען זיי זעהן, אָנקוקען אונז אַליין. אפשר וועלען זיי רחמנות האָבען. און ווי מיינט איר, רב מענדעלי, וועלען מיר עפּיס מאַכען מיט אונזער וועג, האַ?

— זאָגט נאָר, רב יחיאל-מרדכי, האָט איר געליטען אַמאָל אַ וועהטאָג אין איינעם פון אייערע גלידער?

אַ שאלה אַ ביסעל, אויב איך האָב געליטען! אוי, געלי-טען, אי היינט נאָך בין איך, לא עליכם, געפאַלען אויף די קריזשעס איר בעמערקט, דען נישט אין מיין פנים, אַז איך לייד דערפון גרויסע יסורים?

—נו, וואָס פאַר אַ מיטעל טוט איר דערצו, רב יחיאל-מרדכי?

— תחלת, אַז די שלאַפקייט האָט זיך ערשט בעוויזען און איך בין נאָך געווען פערמעגליך עפּיס צו טאָן אַ מיטעל, האָב איך מיך נישט וויסענדיג געמאַכט און גאָרנישט געטאָן, אַלץ גע-טראַכט, עט, עס וועט מיט גאָט׳ס הילף בעסער ווערען. אַצינד, אַז די שלאַפקייט איז שטאַרק, און איך בין ניט ביכולת צו טאָן דערצו אַ מיטעל, אפילו ביים בעסטען ווילען, און ווער ווייס, אויב די מיטלען וועלען שוין העלפען—אַצינד איז דער וועהטאָג זיך צוגאַנגען אין אַלע מיינע רמ״ח אברים, און איך בין, לא עליכם, אַ צובראָכענער שאַרבען. נאָר אַקעגען וואָס אָבער פרעגט איר מיך, רב מענדעלי, אַזוינס, וואָס איז נישט שייך צו אונזער שמועס?

— אַקעגען וואָס איך פרעג, ווילט איר וויסען? — ענטפער איך מיט אַ ביטער געמיט—אַקעגען די קאַבצאַנסקער גשרפים, פערשטעהט איר מיך, און אַקעגען טויזענדער אַנדערע מיני אָרימענקע, געפאַלענע, אָבגעקומענע. זיי אַלע זענען גע-פלאָגטע, קראַנקע גלידער אין דעם יודישען גוף. ווען אונזערע יודען זאָלען פערשטעהן, וואָלטען זיי בעדאַרפט אָנווענדען כל-המיטלען, געפינען אַ סגולה צו די קראַנקע גלידער בעצייטענס, איידער די קראַנקהייט פערשטאַרקט זיך, בלייבענדיג אַן׳אייביגע מכה, אַ וועהטאָג, אַ קרענק פון דעם גאַנצען גוף. ווען אונזערע ברידער, אַ שטייגער, וואָלטען אָנטייל גענומען אין דעם אומגליק פון קאַבצאַנסקער יודען, באַלד ווי דאָס אומגליק האָט זיי גע-טראָפען, העלפענדיג זיי איטליכער מיט אַ קלייניגקייט, וואָלט פון אַ גראָשען צו אַ גראָשען זיך אָנגעקליבען אַ היבשע ס׳מע געלד,

עס זאָל מעגליך זיין, ווי ס'איז אָבצובויען זייערע הייזער, יע-דער זאָל זיך נעמען ווידער צו זיין אַרבייט, נישט געצוואונגען זיין פערוואָגעלט ווערען פון דערהיים און אַרומשלעפּען זיך מיט די טאָרבעס איבער דער וועלט. אַצינד אָבער, אַצינד... האָרכט-זשע, רב יחיאל-מרדכי, אַצינד וועל איך נביאות זאָגען, וואָס פון אייך, פון נאָך אַזעלכע פערוואָרלאָזטע, פערוואָגעלטע וועט ווערען מיט דער צייט. קאַבצאַנסקער יודען, ווי אַלע אומ-גליקליכע זייער גלייכען, פון וועלכע מען האָט זיך נישט-וויסענ-דיג געמאכט תחילת, ביים אָנהויב פון זייער צופאַלען, וועלען אַלץ, וואָס ווייטער, פאַלען און פאַלען און שוין קיינמאָל נישט אויפשטעהן, קומען צוריק צו זייער פריהערדיגען שטאַנד. דאָס ביסעל, וואָס זיי וועלען צונויפנעמען, וועט אַוועקגעהן אויפ'ן עסען אין וועג, און דער סוף זייערער וועט זיין, צו בלייבען קבצנים, שלעפּערס, אַ פּלאָג, אַ מכה, וואָס וועט זיך איינעסען דעם פאָלק אין די ביינער און אָנטאָן גרויסע יסורים. עס האָ-בען נישט געשטיצט אונזערע יודען די געפאַלענע ביי זיי, אין אָנהויב, יעדער מיט אַ קלייניגקייט און מיט דעם גוטען ווילען, וועלען זיי לסוף געצוואונגען זיין, מיט געוואַלד צו געבען אייך, קבצנים, אַ סך, און דאָס וועט שוין נישט העלפען, די אָרימע-לייט וועלען תמיד זיי בעפאַלען און, ווילענדיג-נישט-ווילענדיג, וועלען זיי געבען, ווי אין אַ לעבערדיגען זאַק אַריין, כּפי זייער כּח און אַריבער דעם כּח. זיי וועלען מוזען מאַכען „הקדשים" פאַר אורחים, אָרימע וואַנדערער, שלעפּערס, זיי וועלען מוזען אויסברענגען געלד אויף קראַנקע, שלאַפע, צובראָכענע, אויך אויף פוילע לעדיגגעהער. זיי וועלען מוזען מפרנס זיין אלמנות און אויסהאַלטען יתומים, זיי וועלען מוזען אַריינגעמען צו זיך אין שטוב אָרימע קרובים, מוזען און מוזען געבען נאָך אויף זאַכען אַזיינע אָהן אַ שיער, ביז זיי וועלען שוין ניט זיין מער פער-מעגליך און מוזען פערקלענערן זייערע אויסגאַבען. די גע-שעפטען וועלען וועניגער ווערען, פיל וועלען אַראָב פון דער פונקציע און עס וועלען צוקומען נייע, פריש-צאַפּעלדיגע, אָרימע-לייט קבצנים, דלפנים, אביונים, אָפּענע, בעהאַלטענע, אַלערליי

מינים... איר זעהט, רב יחיאל-מרדכי, וואָס די פּראָש האָט אָנ-געמאַכט ביים אַריינשפּרינגען אָט דאָ אין דעם טייך? צורשט איז דורך איר שפּרונג געוואָרען אין וואַסער אַרום איר אַ רעדעל, דערנאָך אַ צווייטס, אַ דריטס, אַלץ מער און מער, ווייטער און ווייטער. אָנגעהויבען האָט זיך עס פון אַ קליינינקייט און פון דער קליינינקייט קומט אַרויס זעהר פיל אַזוינס, וואָס ציהט זיך, ציהט זיך אָהן אַנ׳עק. אַ שרפה איז געקומען אויף קאַבצאַנסק, קומט פון איהר אַרויס צרות אַ סך—און אין אַ צייט אַרום וועט האָבען צו בעוויינען די שרפה כל ישראל!

—אונזערע היילינע חכמים האָבען שוין דאָס פריהער פאַר זיך געזאָגט—מאַכט רב יחיאל-מרדכי מיט אַ קנייטשעלע, אַ ציה געבענדיג מיט׳ן אָקסעל, ווי דער שטייגער איז פון בית׳מדרש׳-ניקעס, אוועקצומאַכען יענעמס אַ וואָרט, ווייל ומען געפינט עס ער-גיץ אין אַ שטעל ביי אונזערע חכמים, אם-כן, טאָ וואָס-זשע לאָזט מיך דאָ יענער הערען?—דער מדרש „שיר השירים" זאָגט: „מה אגוז זה, אַזוי ווי ניס, אתה נוטל אחד מחברו, אַז דו ריהרסט איינע פון אַ קופּקעלע, כולן מדרדרין ומתגלגלים זה אחר זה, צו-ק ק׳ען זיך און צולויפען זיך איינע נאָך די אַנדערע, כך הן ישראל, אַזוי זענען די יודען, לקח אחד מהן כולן מרגישין, ריהרט דאָס אומגליק אָן איינס פון זיי, דערפיהלען עס אַלע".

—און וואָס טוט מען דערצו, רב יחיאל-מרדכי?—טו איך אַ פרעג זעהר פערביטערט—געוואַלד, רבונו-של-עולם, ווען דען יודען תמיד זיין אַזוי אָבהענטיג, אָבגעלאָזט, נישט צו טאָן פון דאַנען אַהין, צו פערבעסערן זייער צושטאַנד, אַז זיי זאָלען זיך נישט קויקלען, ווי די ניס!...

רב יחיאל-מרדכי בעדעקט מיט דער האַנד דאָס פּנים, זיפצט, קרעכצט, נישט צו ענטפערן קיין וואָרט. מיר זיצען ביי-דע און שווייגען, פערטיפענדיג זיך איטליכער אין די געדאַנקען ביי זיך.

שפּעטער אַ ביסעל האָבען זיך די קאַבצאַנסקער געריהרט אין וועג אַריין, רעש׳דיג, האַק און פּאַק, מיט די ווייבער און קינדער, און לייזער׳ל דער משוגע׳נער, שלעפּענדיג זיך נאָך זיי.

ש. י. אבראַמאָוויטש.

איך האָב זיי ביז אַ געוויסען פונקט בעגלייט, נאָכגעהענדיג נאָך מיין פערד-און-וועגעלע, דערנאָך האָב איך מיך געזעגענט מיט זיי און בין געגאַנגען מיין וועג.

יענע אומגליקליכע קאַבצאַנסקער האָב איך שוין מער אין מיין לעבען נישט געזעהן און איך ווייס נישט, וואָס פון זיי איז געוואָרען. זיי האָבען זיך אודאי געמוזט קייקלען, ווי די ניט, מיט אַלע אַנדערע יודישע אָרימעלייט, ביז זיי זענען פער-שוואונדען געוואָרען פון דער וועלט. לייזערלען נאָר האָב איך אין אַ צייט אַרום בעגעגענט אין גלופּסק, אַרומלויפענדיג דאָרט אין די גאַסען בתורת שטאָדט-משוגע'נער, און קינדער-קונדסים מיט אַ געשריי, אַ געלעכטער, העמדום-פעמדום, נאָך אים...

שלום־עליכם

האָדל

קלײנע נאָטיץ.

שלום־ראַבינאָוויטש אָדער שלום־עליכם, דער וואַרימסטער נאָמען פאַר די ברייטסטע יודישע מאַסען, איז געבוירען געוואָרען דעם 18־טען פעברואַר אין יאָהר 1859, אין אַ שטעדטיל נעבען פּערעיאַסלאַוו, פּאָל־טאַווער גוב. שרייבען האָט ער אָנגעהויבען גאַנץ פריה, און שוין אין אָנהויב פון זיין שרייבען האָט ער אונז געבראַכט פרישען, לויטערן געלעכטער און טיילמאָל געלעכטער מיט געוויין אינאיינעם. דאָס לעצטע לאָזט זיך בע־זונדערס פיהלען אין זיין טביה דעם מילכיגער און אין די האַרציגע דערצעהלונגען פון קינדערלעבען. אין טביה דעם מילכיגער זענען פאַראַן אַזוינע שטעלען, וואו דער לעזער קלויבט זיך צו וויינען און הויבט גאָר אָן לאַכען, און פער־קערט. איבערלייענען שלום־עליכם'ס ווערק, הייסט איבערקוקען, איבער־זעהן און איבערפילען אַ געוואַלטיג שטיק יודיש לעבען מיט ליבע האַרצי־גע טביה'ס, מיט צוטומעלטע הונגעריגע מנחם־מענדעלס, מיט טייערע יודישע קינדערלעך, מיט גוטע און טרייע מאַמעס, מיט וואוילע טאַטעס, מיט שלעכטע טאַטעס און שלעכטע מאַמעס און שלעכטע קינדער און הונדערטער פערשידענע יודען און יודענעס — מעקלער, שווינדלער, אָבנאַרער, לצים, סתם שלים־מזל'ס, שוטים, טומלער, משוגע'דיגע בריאות און נאָך און נאָך און נאָך. דאָס איז אַ שטיק האַרץ, שווער און משונה לעבען. אָבער שלום־עליכם האָט עס בעשטראַלט מיט אַ קלוגער טרער און אויסגעווייכט מיט אַ שמייכעל און פון דעמאָלט־אָן זעהט שוין דערויף אַ'אַנדער שיין, וואָס מאַכט אונז אונגעהויער נאָהנט און טייער זיינע אַלע פערשוינען און זייער סביבה, און מער פון אַלץ, פערשטעהט זיך, שלום־עליכם'ן גופא

האָדל.

מעשה פון טביה דעם מילכיגער, וואָס האָט זיך פערלאָפען מיט אים גאָר אין דער לעצטער צייט. דערצעהלט פון טביה'ן אַליין און איבערגעגעבען וואָרט ביי וואָרט פון

שלום-עליכם.

איר חדוש'ט זיך, פּאַני שלום-עליכם, וואָס מע זעהט אים נישט? ער האָט זיך, זאָגט איר, שטאַרק אַ רוק געטון, מיט אַמאָל, זאָגט איר, גרוי געוואָרען? עך-עך-עך! ווען איר זאָלט וויסען מיט וואָס פאַר צרות, מיט וואָס פאַר וועהטאָגען אָט דער טביה טראָגט זיך אַרום! ווי אַזוי שטעהט דאָרט ביי אונז געשריבען: אדם יסודו מעפר וסופו לעפר, אַ מענש איז שוואַכער פון אַ פליג און שטאַרקער פון אייזען... טאַקי נאָר אַ בעשרייבונג מיט מיר! וואו ערגיץ אַ שלאַק, אַ צרה, אַן אָנשיקעניש — מיך אויסמיידען טאָר עס נישט. פון וואַנען נעמט זיך עס, ווייסט איר נישט? אפשר דערפון, וואָס בטבע בין איך אַ פּתי יאמין, וואָס גלויבט איטליכען אויף נאמנות? טביה פערגעסט, וואָס אונזערע חכמים האָבען אונז אָנגעזאָגט טויזענד מאָל: כבדהו וחשדהו. בלשון אשכנז הייסט עס: „נע וויר סאָבאַקי"... נאָר וואָס זאָל איך טאָן, פרעג איך אייך, אַז ס'איז ביי מיר פאָרט אַזאַ טבע? איך בין, ווי איר ווייסט, אַ גרויסער בעל-בטחון און האָב צו דעם, וואָס לעבט אייביג, קיינמאָל קיין טענות נישט; ווי אַזוי

ער פיהרט, אַזוי איז גוט; וואָרום פּרובט זיך, אדרבה, פּער־קערט, האָט יאָ טענות, וועט זיך אייך עפּיס העלפֿען? אַז וויבאַלד מיר זאָגען אין די סליחות: „הנשמה לך והגוף שלך", הייסט וואָס הייסט אַ מענש און וואָס האָט ער פאַר אַ „ווערדע"? שטענדיג טענה איך אָבער מיט איר, מיט מיינער, הייסט דאָס: „גאָלדע, זאָג איך, דו זינדיגסט! פאַראַן, זאָג איך, ביי אונז אַ מדרש..." „וואָס מיר מדרש, מיר האָבען, זאָגט זי, אַ טאָכטער אויף התונה צו מאכען, און נאָך דער טאָכטער, קיין עין־הרע, געהען נאָך צוויי טעכטער, און נאָך די צוויי, נאָך דריי, קיין ביין אויג זאָל נישט שאַדען!..."—„עס, זאָג איך, ס'איז בלאָטע, גאָלדע! אונזערע חכמים, זאָג איך, האָבען דאָס אויך בעוואָרענט; ס'איז פאַראַן, זאָג איך, דערויף אויך אַ מדרש..." לאָזט זי זיך נישט רעדען: „טעכטער, זאָגט זי, דערוואַקסענע, זענען אַליין אַ גוטער מדרש"... און געהט טענה'ט מיט אַ יודענע!

הקיצור, פון דעם זעהט איר אַרויס, אַז ס'איז פאַראַן, ס'איז דאָ, קיין עין־הרע, ביי מיר סחורה אויף אויסצוקלויבען, און דוקא פיינע סחורה, נישט צו פערזינדיגען, איינע שענער פון דער אַנדערער. ס'איז נישט שייך, אַז איך אַליין זאָל לויבען מיינע קינדער, נאָר איך הער, וואָס די וועלט זאָגט: „קראַסאַוויצעס"! און זעל כלם די עלטערע, האָדל רופט מען זי, די אַנדערע פון ציילען, די, וואָס האָט זיך פערקאָכט, אויב איר געדענקט, אין'ם היגן, איז זי שען, זאָג איך אייך, די אַנדערע טאָכטער מיינע, האָדל מיין איך, וואָס זאָל איך אייך זאָגען? טאַקי ווי אין דער הייליגער מגילה שטעהט געשריבען: כי טובת מראה היא—שיינט ווי אַ שטיק גאָלד. און צו די צרות בעדאַרף זי נאָך האָבען אַ קאָפּ אויך, שרייבט און לייענט יודיש און רוסיש, און ביכלעך, ביכלעך שלינגט זי, ווי האַלעשקעס. וועט איר דאָך פרעגען אַ קשיא: וואָס פאַר אַ מחותן איז טביה'ס טאָכטער מיט ביכלעך? אַז דער טאַטע אירער האַנדעלט גאָר מיט קעז און מיט פּוטער? הערט, אָט וואָס פרעג איך דאָך ביי זיי, ביי די פיינע בחורים, הייסט עס, וואָס קיין הויזען, איך בעט אייבער אייער כבוד, איז נישטאָ, און שטודירען גלוסט זיך זיי, ווי מיר זאָגען אין דער

הגדה: כלנו חכמים—אַלע ווילען לערנען, כלנו נבונים—אַלע ווי-לען שטודירען. פרעגט זיי: וואָס שטודירען? ווער שטודירען? זאָלען אַזוי ציגען וויסען אין פרעמדע גערטנער צו שפּרינגען! אַז בסך הכל לאָזט מען דאָך זיי גאָרנישט צו, ווי זאָגט ער: אל תשלח ידך—אַ קאָטער פון דער פוטער!... זאָלט איר זעהן פונדעסטוועגען ווי מע לערנט! און ווער? בעל-מלאכה'שע קינ-דער, פון שניידער'ס, פון שוסטערס, גאָט זאָל מיר אַזוי העלפען בכל אשר אפנה! מע לאָזט זיך אַוועק קיין יעהופּעץ, אָדער קיין אָדעס, מע וואַלגערט זיך אויס אויף אַלע בוידעמס, עסען עסט מען מכות מיט בכורות, און פערבייסען פערבייסט מען מיט קדחת, גאַנצע חדשים דורכאַנאַנד קוקט מען נישט אָן קיין שטי-קעל פליישׁ אין די אויגען, מע לעגט זיך צונויף זעקס פאַרשווינדלען אויף איין בולקע מיט אַ הערינג און ושמחת בחגך—הוליע קבצן!...

בקיצור, האָט זיך איינער פון דער „חברה" פערהאַקט אין אונזער ווינקעל, עפּיס אַ שלים-מזל, נישט ווייט פון דאַנען. איך האָב געקענט דעם טאַטען זיינעם, ער איז געווען אַ פּאַפּיראָסניק און אַ קבצן, זאָל ער מיר מוחל זיין, אין זיבען פּאָלעס. מילא, בין איך אייך דערויף נישט אויסען. וואָרום אַז דעם תנא רב יוחנן הסנדלר איז אָנגעשטאַנען צו גייען שטיוועל, מעג איש שוין, דאַכט זיך, אָנשטעהן צו האָבען אַ טאַטען, וואָס דרעהט פּאַפּיראָ-סען. פערדריסען פערדריסט מיך נאָר איין זאַך: למאי זאָל זיך אַ קבצן גלוסטען לערנען, שטודירען? פּראַוודאַ, דער גוטער יאָר האָט איהם נישט געגומען, ער האָט אַ גוט קעפּעל, גאָר אַ גוט קעפּ-עלע, פערטשיק, הייסט ער, דער שלים-מזל, האָבען מיר איבער-געלעגט אויף יודיש פעפעריל. ער זעהט טאַקי אויס, ווי אַ פּע-פּעריל, איר זאָלט אָנקוקען—אַ ווערוריקעל, אַ קליינס, אַ שוואַרץ, אַ פערזעהעניש, נאָר ס'איז פול, מלא וגדוש, און אַ מויל—אש להבה, שוועבעל און פעך.

ויהי היום, טרעפט זיך אַ מעשה, איך פאָר איינמאָל אַהיים פון בויבעריק, קאָנבעזעצט דאָס ביסעל סחורה, אַ גאַנצען טראַנס-פּאָרט קעז און פוטער און סמעטענע און שאר ירקות, זיץ איך פערטראַכט, ווי דער שטייגער איז, אין הימעל-זאַכען, פון דעם,

פון יענעם און פון די יעהופעצער נגידים, וואָס עס געהט זיי, קיין עין-הרע, אַזוי גוט, און פון טביה דעם שלים-מזל מיט זיין פערדעל, וואָס ווערען כל-ימיו פערשוואַרצט וכדומה נאָך אַזעלכע ענינים. זומער, די זון באַקט, די פליגען בייסען, און די וועלט אַרום און אַרום איז מחיה גרויס, אָפּען, האָטש הויב זיך אויף און פליה, האָטש ציה זיך אויס און שווים!...

דערווייל, איך טו אַ קוק, אַ בחור׳ל שפּאַנט זיך מיט די רגלים איבער׳ן זאַמד, האַלט אַ פּעקעל אונטער׳ן אָרעם און שוויצט, פּאָכט מיט דער נשמה. „יעמוד החתן רב יאָקיל בן פלעקיל!— זאָג איך צו אים—זעץ זיך אויף, הער נאָר, וועל איך דיך אַ ביסעל אונטערפירען, איך פאָר במילא לעדיג. ווי שטעהט דאָר-טען, זאָג איך, ביי אונז געשריבען: „דיין חבר׳ס אייזעל, אַז דו בעגעגענסט, איז עזוב תעזוב—דאַרפסטו אים נישט פערלאָזען, היינט לא כל-שכן אַ מענטש”... לאַכט ער, דער שלים-מזל, און לאָזט זיך דוקא לאַנג נישט בעטען און קריכט אין וועגעלע אַריין. „פון וואַנען, זאָג איך, שפּאַנט דאָס, למשל, אַ בחור׳ל?—פון יעהופעץ. „וואָס האָט, זאָג איך, אַזאַ בחור׳ל ווי דו, צו טון אין יעהו-פעץ?”—אַזאַ בחור׳ל, ווי איך, זאָגט ער, גיט אָב אקזאַמענט. „אויף וואָס, זאָג איך, שטודירט אַזאַ בחור׳ל, ווי דו?”—אַזאַ בחור׳ל, ווי איך, זאָגט ער, ווייס נאָך אַליין נישט אויף וואָס ער שטודירט. „אם כן, זאָג איך, וואָס-זשע דולט זיך, אַזאַ בחור׳ל, ווי דו, אומזיסט דעם קאָפּ?” זאָרגט זיך נישט, רב טביה, אַזאַ בחור׳ל, ווי איך, ווייס שוין, וואָס ער האָט צו טאָן. „זאָג מיר נאָר, זאָג איך, וויבאַלד אַז איך בין דיר שוין יאָ בעקאַנט, טאָ ווער ביזטו למשל?” ווער איך בין? איך בין, זאָגט ער, אַ מענטש. „איך זעה, זאָג איך, אַז נישט קיין פערד, איך מיין, וועמענס ביז-טו?”—וועמענס, זאָגט ער, זאָל איך זיין? איך בין גאָט׳ס. „איך ווייס, זאָג איך, אַז גאָט׳ס; עס שטעהט, זאָג איך, ביי אונז גע-שריבען: כל החיה וכל הבהמה. איך מיין, זאָג איך, פון וואַנען שטאַמסטו, צי ביזטו אַנ׳אונזעריגער, צי אפשר פון דער ליטאָ?”— שטאַמען, זאָגט ער, שטאַם איך, פון אדם הראשונ׳ען און אַליין בין איך, זאָגט ער, אַ היגער. איר קאָנט מיך. „ווער-זשע, זאָג

איך, איז דער טאַטע דײַנער? לאָמיר שוין הערען!"—מײַן טאַטע, זאָגט ער, האָט געהײסען פּערטשיק. „טפו זאָלסטו װערען! האָס-טו, זאָג איך, בעדאַרפט אַזױ לאַנג מוטשען? ביזטו, הײסט דאָס, פּערטשיק, דעם פּאַפּיראָסניק'ס אַ זוהנדעל?" — בין איך, זאָגט ער, פּערטשיק דעם פּאַפּיראָסניק'ס אַ זוהנדעל. „און שטודירסט, זאָג איך, אין די קלאַסען?"—און שטודיר, זאָגט ער, אין די קלאַסען. „נו-נו, מהכתיתי, זאָג איך, אדם אַ מענטש, צפור אַ פויגעל, קאַטש-קע רוק זיך. זאָג-זשע מיר, זאָג איך, תכשיט מײַנער, פון װאָס, למשל, לעבסטו, אַ שטײגער?"—פון דעם, זאָגט ער, װאָס איך עס. „אַהאַ, זאָג איך, גאַנץ גוט. װאָס-זשע, זאָג איך, עסט דו?" —אַלסדינג, זאָגט ער, װאָס מע גיט מיר. „איך פערשטעה, זאָג איך, ביזט נישט קײן איבערקלױבער: אַז ס'איז דאָ, װאָס צו עסען, עסט דו, און אַז ס'איז נישטאָ, װאָס צו עסען, פערבײַסט דו מיט אַ ליפּ און לעגסט זיך שלאָפען אַ ניכטערער. נאָר װאָס דען, זאָג איך, ס'איז אַלסדינג כדאי, אַבי שטודירען אין די קלאַסען, זאָג איך. גלײַכסט זיך, זאָג איך, צו די יעהופּעצער נגידים, װי אין פּסוק שטעהט: כלם אהובים, כלם ברורים... אַזױ זאָג איך צו איהם, מיט אַ פּסוק און מיט אַ מדרש, װי טביה קאָן. מײנט איר דאָך, אַז ער שװײַגט מיר אָב, פּערטשיק, הײסט עס?—נישט דערלעבען, זאָגט ער, װעלען די נגידים, אַז איך זאָל זיך צו זײ גלײַכען! איך האָב זײ, זאָגט ער, אין דער ערד! „ביזט מיר עפּיס שטאַרק, זאָג איך, אױפגעטראָגען, זאָג איך, אױף די נגידים? איך האָב מורא, זאָג איך, אױב זײ האָבען זיך נישט צוטײלט, זאָג איך, מיט דײַן טאַטענ'ס ירושה".— זאָלט איר טאַקי װיסען, זאָגט ער, אַז איך און איר און מיר אַלע, קאָן זײַן, האָבען אַ גרױסען חלק בײַ זײ אין דער ירושה... „װײסטו װאָס, זאָג איך, לאָזען שױן דײַנע שונאים רײדען פאַר דיר. איך זעה אַרױס, זאָג איך, נאָר אײן זאַך, אַז דו ביזט אַ יונגעל נישט קײן פערפאַלענער און די צונג בעדאַרף מען דיר נישט פּיקען. אױב דו װעסט, זאָג איך, האָבען צײַט, קאָנסטו זיך אַרײַנכאַפּען צו מיר הײַנט אױף-דער-נאַכט, װעלען מיר אַ ביסעל שמועסען און טאַקי בדרך הליכה—כאַפּען מיט אונז אַ װעטשערע"...

אודאי האָט זיך מיינער נישט געלאָזט איבער׳חזר׳ן די ווערטער און איז געקומען צו-גאַסט. געטראָפען אַקוראַט צום סמיטשיק, בשעת דער באָרשט איז געשטאַנען אויפ׳ן טיש און די מיל-כיגע קנישעס אין אויוען האָבען זיך נאָך געפּרעגעלט. „דו האָסט, זאָג איך צו אים, אַ לעבעדיגע שוויגער. קאָנסט זיך, זאָג איך, געהן האַשען און אַז נישט קאָנסטו, זאָג איך, עסען אומגעוואַשען. איך בין נישט גאָט׳ס סטראַפּטשע, זאָג איך, מיך ווערט מען אויף יע-נער וועלט פאַר דיר נישט שמייסען״. אַזוי שמועס איך מיך אויס מיט אים און פיהל, אַז עס ציהט מיך עפּ׳ס צו דעם דאָ-זיגען מענטשעל, וואָס-ווייס איך אַליין נישט, נאָר עס ציהט; איך האָב ליב, פערשטעהט איר, אַ מענשען, וואָס מע קען מיט אים ריידען אַ וואָרט: אַמאָל אַ פּסוק, אַמאָל אַ מדרש, אַמאָל אַ שטיקעל חקירה אין הימעל-זאַכען, דאָס, יענץ, לאָקש, בוידעס, ציבעלע. אָט אַזאַ מענש איז טביה. פון יענער צייט אָן האָט מיין בחור אָנגעהויבען אריינקומען צו מיר כמעט אַלע טאָג. אָב-געפּאַרטיגט זיך מיט די „שטונדען״, פלעגט ער קומען צו מיר זיך אָברוהען און אַ ביסעל פערברענגען. מאָלט אייך, אַז אָך און אַז ווערה איז געווען צו אים מיט זיינע שטונדען אינאיינעם, אַז בסך-הכל, דאַרפט איר וויסען, ביי אונז דער גרעסטער נגיד איז געוועגט צו צאָלען גאַנצע ח״י גילדוינים, אי דאָס זאָל דער לערער אים העלפען לייענען דעפעשען, שרייבען אַדרייסים און טאַקי פאָלגען אַ גאַנג אויך. פאַרוואָס נישט? אַ בפירוש׳ער פּסוק: בכל לבבך ובכל נפשך—עכּ״ז דו ברויט, דאַרפסט דו וויסען פאַר וואָס. אַ שטיקעל גליק כאָטש, וואָס געגעסען האָט ער, אייגענטליך, ביי מיר, און דערפאַר האָט ער אונטערגעקנעלט מיט מיינע טעכ-טער. ווי זאָגט ער: עין תחת עין, אַ פּאַטש פאַר אַ פּאַטש. און אָט אַזוי איז ער געוואָרען ביי אונז אין שטוב אַ גאַנצער בן-בית. די קינדער האָבען אים אונטערגעטראָגען אַ גלעזעל מילך און מיין אַלטע האָט אַכטונג געגעבען, ער זאָל האָבען אַ העמד אויפ׳ן לייב און אַ פּאָר זאָקען גאַנצע—און טאַקי דעמאָלט האָבען מיר דאָס אים געקרוינט מיט׳ן נאָמען „פעפעריל״, איבערגעמאַכט, הייסט דאָס אויף יודיש פון פעטשיק, און מע קאָן זאָגען, אַז

מיר האָבען אים אַלע ליב געקריגען עפּיס גאָר ווי אַנ'אייגענעם, מחמת בטבע איז ער, דאַרפט איר וויסען, דוקא נישקשה פון אַ מענטשעל, אַ פּשוט'ער, אַ פּראָסטער חי-וקים, הייסט דאָס, שלי שלך, שלך שלי, מיינס-דיינס—הפקר ציבעלעס...

פאַר איין זאַך נאָר האָב איך אים פיינט געהאַט: פאַר זיין פערפאַלען ווערען. פלוצים פלעגט ער זיך אויפהויבען, אַהעקגעהן און והילד איננו—נישטאָ פּעפּעריל! „וואו ביזטו געווען, מיין טייערער שפּיל-פויגעל?" שווייגט, ווי אַ פיש... איך ווייס נישט, ווי אַזוי איר, איך האָב פיינט אַ מענטשען מיט סודות. איך האָב ליב, ווי זאָגט ער: וידבר—גערעדט און ויאמר—געזאָגט. דערפאַר האָט ער אָבער אַ מעלה, צורעדט ער זיך שוין, איז מי באש ומי במים—פאַר פייער און פאַר וואַסער. אַ פיסק—נישט געדאַכט זאָל ער ווערען! רעדט על ה' ועל משיחו, און אויף „בנתקה", און דער עיקר טאַקי אויף „בנתקה"... מיט פלאַנען אַלץ אַזעלכע ווילדע, קרומע, משוגע'נע גענג, עפּיס אַלסדינג לאַקירדע, פּאָפּעריק, מיט די פיס אַרויף. למשל, אַ נגיד קומט אויס, נאָך זיין משוגע'נעם פערקערטען שכל, איז אָבגעפרעגט, און אַ קבצן איז, פערקערטס, אַ גאַנצער צימעס, און ווער שמועסט אַ בעל-מלאכה—דער איז גאָר דאָס אויבערשטע פונ'ם שטייסעל, טייערער פון חרוסת, מחמת יגיע כפיך, זאָגט ער, דאָס איז דער עיקר. „פונדעסטוועגען, זאָג איך, צו געלד, זאָג איך, קומט דאָס נישט?" ווערט ער מלא כעס און וויל מיר איינדרינגען, אַז געלד איז אַ שחיטה פאַר דער וועלט; פון געלד, זאָגט ער, נעמען זיך אַלע פאַלשקייטען אויף דער וועלט, און אַלצדינג, וואָס סע טוט זיך אויף דער וועלט, טוט זיך עס נישט על-פּי יושר. און ער ברענגט מיר צענטויזענד ראיות און משלים, וואָס קלעפּען זיך ביי מיר, ווי אַנ'אַרבעס צי דער וואַנט... „קומט-אויס, נאָך דיין משוגע'נעם שכל, זאָג איך, אַז דאָס, וואָס מיין בהמה מעלקט זיך און וואָס מיין פערדעל פּאָרט, איז אויך נישט על-פּי יושר?"... וכדומה נאָך אַזעלכע קלאָץ-קשיות פרעג איך אים און שטעל אים אָב, ווי זאָגט ער, על כל דברי שירות ותשבחות—אויף יעדען טריט, ווי טביה קאָן! מיין פּעפּעריל אָבער קאָן אויך, נאָך אַ מין קאָנען! הלואי וואָלט ער אַזוי נישט קאָנען, ווי ער

קאָן! און האָט ער עפּיס אויפן האַרצען, אַזוי זאָגט ער דאָס אַרויס! איין מאָל—זיצען מיר אַזוי פאַרנאַכט ביי מיר אויף דער פּריזבע און חקירה'ן אַלץ מכּח די דאָזיגע ענינים, פילאָזאָפיע הייסט עס... רופט ער זיך אָן צו מיר, מעפּערל, הייסט עס: איר ווייסט, רב טביה, איר האָט טעכטער, רב טביה, זעהר געראָטענע. טאַקי, באמת? זאָג איך, אַ דאַנק דיר פאַר דער בשורה; זיי האָבען, זאָג איך, אין וועמען געראָטען צו זיין".—איינע, זאָגט ער צו מיר ווייטער, די עלטערע, די איז גאָר, זאָגט ער, אַ בר-דעת, אַ פאָלנע מענש.—„איך ווייס עס אָהן דיר, זאָג איך, דאָס עפּעלע, זאָג איך, פאַלט נישט ווייט פון בוימעלע". אַזוי זאָג איך און דאָס האַרץ, געוועגטליך, וואַקסט פאַר תענוג. וואָרום וואָסער פאָטער, איך בעט אייך, האָט נישט ליב, אַז מע לויבט אים זיינע קינדער? געה זיי אַ נביא, אַז פון אַזאַ מין לויבעניש, וועט גאָר אַרויסשפּרינגען אַ פעּרקאָכעניש. זאָל גאָט שומר ומציל זיין! איר מעגט דאָס האָרכען.

בקצור, ויהי ערב ויהי בקר—געווען איז דאָס צווישען טאָג און נאַכט, אין בויבעריק טאַקי. פאָר איך מיר אַזוי מיט מיין וועגעלע איבער די דאַטשעס, שטעלט מיך עמיצער אָב. איך טו אַ קוק—ס'איז אפרים דער שדכן. אפרים דער שדכן, דאַרפט איר וויסען, איז זיך אַ יוד אַ שדכן, ווי אַלע שדכנים, פערנעמט זיך, הייסט דאָס, מיט שדוכים. דערזעהט ער מיך, אפרים הייסט עס, אין בויבעריק און שטעלט מיך אָב: „זייט-זשע מוחל, רב טביה, איך דאַרף אייך עפּיס, זאָגט ער, זאָגען".—„מהכתיתי, אַבי גוטס", זאָג איך און שטעל-אָב דאָס פערדעל. „איר האָט, זאָגט ער, רב טביה, אַ טאָכטער!"—„איך האָב, זאָג איך, זיבען, זאָלען געזונד זיין".—„איך ווייס, זאָגט ער, אַז איר האָט זיבען, כ'האָב אויך זיבען".—„האָבען מיר, זאָג איך, אינאיינעם, אַזוי גרויס ווי פירצען".—„בקצור, ווערטלעך אויף אַ זייט, זאָגט ער, די מעשה, רב טביה, דערפון, זאָגט ער, איז אַזוי: איך בין דאָך, ווי אייך איז ידוע, אַ יוד אַ שדכן, האָב איך, זאָגט ער, פאַר אייך אַ חתן. נאָר אַ חתן—פון חתנ'לאַנד אַ חתן, טאַקי פערווע שבפערוועו!"—„דהיינו, זאָג איך, וואָס ווערט אָנגערופען ביי אייך אַ חתן פון חתנ'לאַנד

פערווע שבפערווע? אויב, זאָג איך, אַ חיט אָדער אַ סנדלר, אָדער אַ מלמד, מעג ער, זאָג איך, זיצען דאָרט, און איך, זאָג איך, רוח והצלה יעמד—מיין גלייבען וועל איך מיר געפינען ממקום אַזוי ווי דער מדרש, זאָג איך, זאָגט..."—„ע! זאָגט ער, רב טביה, איר הויבט שוין אָן מיט אייערע מדרשים? מיט אייך, זאָגט ער, ר׳ידען, בעדאַרף מען זיך גוט אונטערגאַרטלען! איר פערשיט, זאָגט ער, די וועלט מיט מדרשים. איר הערט בעסער אויס, זאָגט ער, וואָס פאַר אַ מין שדוך אפרים דער שדכן איז אַ בעלן אייך פאָרצולעגען; איר זאָלט, זאָגט ער, נאָר האָרכען און שווייגען". אַזוי מאַכט ער צו מיר, אפרים הייסט דאָס, און נעמט און לייענט מיר אויס אַ צעטעל, וואָס זאָל איך אייך זאָגען, טאַקי עפּיס קפּריסין. ראשית איז דאָס אָרט, זעהר אַ שען אָרט, אַ טאַטענס אַ קינד, זאָגט ער, נישט קיין „האָץ דרגא", און דאָס, דאַרפט איר וויסען, איז ביי מיר דער עיקר, וואָרום איך בין אַליין אויך נישט אַבי-ווער; ביי מיר אין דער משפחה זענען פאַראַן אַלערליי, ווי זאָגט ער: עקודים, נקודים וברודים. פאַראַן פּראָסטע מענשען, פאַראַן בעל-מלאכות און פאַראַן בעלי-בתים. הייגט איז ער אַ יודע נגן, וואָס פערשטעהט אין די קליינע אותיות, און דאָס איז ביי מיר אודאי נישט פון די קליינע זאַכען, וואָרום אַ גראָבען יונג האָב איך דאָך פיינט ווי חזיר! ביי מיר אַנ׳עם-הארץ איז ערגער טויזענד מאָל פון אַ הולטיי; איר מעגט אייך געהן אָהן צו היטעל און אפילו מיט׳ן קאָפּ אַראָב און מיט די פיס אַרויף, אַבי איר ווייסט, וואָס רש״י מאַכט, זענט איר שוין פון מיינע לייט. אָט אַזאַ יוד איז טביה... הייגט איז ער, זאָגט ער, רייך, אָנגעשטאָפּט מיט געלד. פאָרט אַרויס, זאָגט ער, מיט אַ קאַרעטע מיט אַ פּאָר ברענענדיגע סוסים, עס געהט אַזש אַ רויך!... נו, מהכתיתי, טראַכט איך מיר, דאָס איז אויך נישט פון די גרויסע חסרונות. איידער אַ קבצן, איז שוין גלייכער אַ נגיד, ווי זאָגט ער: יאה עניותא לישראל—גאָט אַליין האָט אויך פיינט אַ קבצן. אַ סימן האָט איר, אַז גאָט זאָל ליב האָבען אַ קבצן, וואָלט אַ קבצן קיין קבצן נישט געווען. „נו, לאָמיר הערען ווייטער", זאָג איך.—ווייטער, זאָגט ער, וויל ער מיט אייד

אַ שדוך טאָן, ער געהט אויס, ער חלש׳ט, זאָגט ער, דאָס הייסט נישט נאָך אייך, נאָך אייער טאָכטער חלש׳ט ער, ער וויל אַ שע-גע, וויל ער. „אַזוי, זאָג איך, לאָז ער זיין פאַר איר די כפרה. ווער, זאָג איך, איז ער, דער אַנטיק אייערער: אַ בחור? אַן-אַלמן? אַ גרוש? אַ שוואַרץ-יאָר?" ער איז אַ בחור, זאָגט ער, אַ בחור, אפילו אין די יאָרען שוין, נאָר אַ בחור.—„ווי אַזוי-זשע, זאָג איך, איז דער הייליגער נאָמען זיינער?" וויל ער מיר נישט זאָגען, חאָטש בראָט אים. „ברענגט זי, זאָגט ער, צו פירען, קיין בויבעריק, וועל איך אייך נאָכדעם, זאָגט ער, זאָגען".— „וואָס הייסט, זאָג איך, איך זאָל זי ברענגען צופירען? ברענ-גען, זאָג איך, ברענגט מען צופירען אַ פערד, זאָג איך, אויפ׳ן יריד, אָדער אַ בהמה צו פערקויפען"...

בקצור, די שדכנים, ווייסט איר דאָך, קאָנען איבעררייִדען אַ וואַנט; ס׳איז געבליבען, אַז אם ירצה השם נאָך שבת ברענג איך זי צופירען קיין בויבעריק. און אַלערליי גוטע, זיסע „מחשבות" קומען מיר אויף די „געדאַנקען" און איך שטעל מיר שוין פאָר מיין האָדלען, ווי זי פאָרט אין אַ קאַרעטע מיט אַ פּאָר ברענענדיגע סוסים, און די וועלט איז מיר מקנא, נישט אַזוי אויף דער קאַרעטע מיט די סוסים, ווי אויף די טובות, וואָס איך טו דער וועלט דורך מיין טאָכטער, די נגידית. העלף-אויס די געפאַ-לענע מיט אַ גמילת-חסד, וועמען אַ כף הייער, וועמען אַ פופציגער און וועמען אַ הונדערטער, ווי זאָגט איר, יענער האָט אויך אַ נשמה... אַזוי טראַכט איך מיר פאָרענדיג, פאַרנאַכטליך, צוריק-וועגס אַהיים און שמייס דאָס פערדעל און שמועס מיך דורך מיט אים אויף פערדיש לשון: „לסוסתי, זאָג איך צו אים—וויאָ, אַנו מאַך נאָר, זאָג איך, מ׳ט די רגלים אַ ביסעלע גיכער, בעקומסטו דיין פּאָרציע האָבער, וואָרום אין קמח אין תורה—שטעהט ביי אונז געשריבען—אַז מע שמירט נישט, פאָרט מען נישט"...

און ווי איך רייד מיר דאָ אַזוי מיט מיין פערדעל, זעה איך פון יואַלד אַרויס שניידט זיך אַ פּאָרל, צוויי מענשען, נכר אַ זכר מיט אַ נקבה. געהן געהען זיי באַנט, האַרט איינער צום אַנדערן און מע רעדט עפּיס זעהר געשמאַק. ווער קאָן דאָס זיין

פּלוצים, אין מיטען דערינען? קלער איך מיר און קוק מיך איין דורך די פייערדיגע ריטער פון דער זון.—איך וואָלט געמעגט שווערען, אַז ס'איז פּעפּערל!... מיט וועמען געהט ער דאָס דער שלים-מזל אַזוי שפּעט? איך פערשטעל מיך מיט דער האַנד פון דער זון און קוק מיך איין נאָך שטאַרקער! ווער איז די נקבה'-קע? אוי! דאַכט זיך האָדל? יאָ, ס'איז זי, ווי איך בין אַ יוד, ס'איז זי!... אַזוי? אָט דאָס האָט מען אַזוי געשמאַק געלערנט גראַמאַטיקעס, געלייענט ביכלעך!? אוי, טביה, ביזט דו אַ בהמה! אַזוי טראַכט איך מיר און שטעל אָב דאָס פערדעל און רוף זיך אָן צו מיינע לייט: „אַ גוטען אָוועגד אייך, זאָג איך, וואָס הערט זיך עפּיס מכּח מלחמה? ווי קומט איר, זאָג איך, פּלוצים גאָר אַהער? אויף וועמען קוקט איר דאָ אַרויס? אויפ'ן נעכטיגען טאָג?"... דערהערט אַזאַ מין ברוך-הבא, איז מיין פּאַרל געבלי-בען שטעהן, ווי זאָגט ער, לא בשמים ולא בארץ, דאָס הייסט נישט אַהין, נישט אַהער, מחילה, צודרעהט און רויטליך אויפ'ן פּנים... געשטאַנען אַזוי אַ פּאָאַר מינוט אָהן ווערטער, לאָזט מען אַראָב די אויגען, נאָכדעם הויבט מען אָן קוקען אויף מיר, איך אויף זיי, זיי ביידע איינס אויף דאָס אַנדערע.

„נו? זאָג איך—עפּיס בעטראַכט איר מיך, זאָג איך, גלייך אַזוי ווי איר האָט מיך שוין לאַנג נישט געזעהען. איך בין, דאַכט מיר, דער אייגענער טביה, זאָג איך, וואָס געווען, נישט געמינערט אַ האָר". אַזוי מאַך איך צו זיי האַלב פּערדדראָסיג און האַלב אויף קאַטאָוועס... רופט זיך אָן צו מיר די טאָכטער מיי-נע, האָדל, הייסט דאָס, און ווערט נאָך רויטער ווי פריהער: „טאַטע, אונז קומט מזל-טוב"...—מזל-טוב אייך, זאָג איך, מיט מזל זאָלט איר לעבען. וואָס איז די מעשה? איר האָט געפונען, זאָג איך, אַנ'אוצר אין וואַלד? צי איר זענט נאָר-וואָס נצול גע-וואָרען, זאָג איך, פון אַ גרויסער סכנה?" „אונז קומט, זאָגט ער, מזל-טוב, מיר זענען חתן-כּלה".—„וואָס הייסט, זאָג איך, איר זענט חתן-כּלה?" „חתן-כּלה, זאָגט ער, ווייסט איר נישט וואָס הייסט? חתן-כּלה הייסט, זאָגט ער, איך בין איר חתן, זי איז מיין כּלה". אַזוי מאַכט ער צו מיר פּעפּערל, הייסט דאָס, און

קוקט מיר דוקא גלייך אין די אויגען אַריין. איך קוק אים אָבער אויך גלייך אין די אויגען אַריין און מאַך צו אים: „ווען איז געווען ביי אייך, זאָג איך, דאָס קנס-מאָל? און פאַרוואָס האָט איר נישט גערופען מיך אויך אויף דער שמחה? איך קער מיך, דאַכט זיך, אָן דאָ אַ שטיקעל מחותן, צי ניין?"... איר פערשטעהט, איך לאַך און ווערעם עסען מיך, טאָטשען מיין לייב. נאָר גאָר-נישט, טביה איז נישט קיין יורענע, טביה האָט ליב אויסהאָרכען ביז'ן סוף... רוף איך מיך אָן צו זיי: „איך פערשטעה נישט אַ שדוך אָהן אַ שדכן, אָהן תנאים?"—וואָס דאַרפען מיר, מאַכט ער, פעפעריל, הייסט דאָס, שדכנים? מיר זענען שוין לאַנג, זאָגט ער, חתן-כלה.—„אַזוי? גאָט'ס נסים! וואָס-זשע האָט איר, זאָג איך, געשוויגען ביז אַהער?"—וואָס זאָלען מיר, זאָגט ער, שרייען? מיר וואָלטען אייך היינט אויך נישט דערצעהלט, נאָר אַזוי ווי מיר האַלטען אין גיכען ביי צושיידען זיך, איז ביי אונז געבליבען, מיר זאָלען שטעלען פריהער אַ חופה"... דאָס האָט מיך שוין פערדראָסען. ווי זאָגט איר, באו מים עד נפש, דערלאַנגט אין ביין אַריין! מילא, וואָס ער זאָגט חתן-כלה, איז נאָך צו דער-ליידען. ווי שטעהט דאָרטען געשריבען: אהבתי—ער וויל זי, זי וויל אים. אָבער חופה? וואָס איז דאָס פאַר אַ ווערטער: שטעלען אַ חופה? עפּיס תרגום-לשון!... ווייזען ווייזט אויס, אַז מיין חתן האָט פערשטאַנען, אַז איך בין פון דער מעשה אַ ביסעל מטושטש! רופט ער זיך אָן צו מיר: „פערשטעהט איר, רב טביה, די מעשה דערפון איז אַזוי, איך האַלט ביי אָבפאָרען פון דאַנען."—„ווען פאָרסט דו?"—„אין גיכען".—„וואוהין, אַ שטייגער?"—„דאָס קאָן איך אייך, מאַכט ער, נישט זאָגען, ס'איז, זאָגט ער, אַ סוד"... איר הערט? ס'איז אַ סוד! ווי געפעלט דאָס אייך, אַ שטייגער? קומט צוגעהן אַ פעפעריל, אַ קליינס, אַ שוואַרצס, אַ פערזועהעניש, פער-שטעלט זיך פאַר אַ חתן, וויל שטעלען אַ חופה, האַלט ביי אַוועקפאָרען און זאָגט נישט וואוהין! קאָן נישט צוזעצט ווערען די גאַל? „מילא, זאָג איך צו אים, אַ סוד איז אַ סוד; ביי דיר איז גאָלע סודות... גיב מיר אָבער צו פערשטעהן, ברודערל, אָט דאָס: דו ביזט דאָך אַ מענטש, זאָג איך, פון סאַמע יושר און ביזט איינגעטונקען אין

מענשליכקייט פון אויבען ביז אַראָב, ווי קומט דאָס, זאָג איך, צו דיר, אַז דו זאָלסט פּלוצים, אין מיטען דרינען, צונעהמען ביי טביה'ן אַ טאָכטער און מאַכען זי פאַר אַנ'עגונה? אָט דאָס הייסט ביי דיר יושר? מענשליכקייט? אַ שטיקעל גליק, זאָג איך, וואָס דו האָסט מיך נישט בע'גנב'עט אָדער אונטערגעצונדען".

—טאַטע! זאָגט זי צו מיר, האָדל, הייסט דאָס—דו ווייסט גאָרנישט ווי גליקליך מיר זנענען, איך און ער, וואָס מיר האָבען דיר אויסגעזאָגט דעם סוד. ס'איז ביי אונז, זאָגט זי, אַראָב אַ שטיין פונ'ם האַרצען. קום אַהער, לאָמיר זיך צוקושען". און נישט לאַנג געטראַכט, כאַפּען זיי מיך אַרום ביידע, זי פון איין זייט, ער פון דער אנדערער זייט און מע הויבט מיך אָן קושען און האַלזען, זיי מיך און איך זיי. און פון גרויס אימפּעט, אַפּנים, זיי ביידע צווישען זיך דאַוואַי קושען זיך: אַ בעשרייבונג זאָג איך אייך, אַ טעיאַטער מיט זיי! „טאָמער וואָלט שוין געווען, זאָג איך, גענוג קושען זיך? צייט עפּיס ריידען מכח תכלית".—„מכח וואָסער תכלית?" זאָגען זיי, „מכח נדן, זאָג איך, מלבושים, הוצאות החתונה, דאָס, יענץ, לאָקש, בוידעם, ציבעלע." „מיר דאַרפען נישט, זאָגען זיי, גאָרנישט ניט: נישט קיין לאָקשען, נישט קיין בוידעם, נישט קיין ציבעלעס".—„וואָס-זשע דען, זאָג איך, דאַרפט איר יאָ?"—„מיר דאַרפען, זאָגען זיי, נאָר חופּה-וקדושין... איר הערט ווערטער?...

בקצור, איך וועל אייך נישט מאריך זיין. עס האָט מיר געהאָלפען ווי דער פּאַראַיאָריגער שניי—מע האָט געשטעלט אַ חופּה. אַלץ הייסט אַ חופּה! אודאי, וואָס זאָלט איר קלערען, נישט אַזאַ חופּה, ווי טביה'ן שטעהט אָן. אויך מיר אַ חופּה!... אַ שטילע חתונה... אָך און וועה!... און דערצו איז נאָך פאַראַן אַ ווייב. ווי זאָגט איר, אויף אַ מכה אַ בלאָטער. מוטשעט זי, איך זאָל איר נאָר זאָגען, וואָס איז דאָס עפּיס אַזוי כאַפּ-לאַפּ, בחפּזונ'דיג? נו, געהט גיט צו פערשטעהן אַ יודענע, אַז עס ברענט! וואָס טויג אייך, איך האָב איר געמוזט אָבטאָקען פון דרך שלום וועגען אַ ליגען אַ הגדול הגבור והנורא, אַ מעשה מיט אַ ירושה, אַ רייכע מומע פון יעהופּעץ, נעכטיגע טעג—אַבי זי זאָל

מיך לאָזען צורוה. און טאַקי באותו היום, דאָס הייסט אַ פּאָר
שעה נאָך דער שענער חופּה שפּאַן איך איין דאָס פערד און
וועגעלע און מיר זעצען זיך אויף זאַלבעדריט, דאָס הייסט. איך
און זי און ער, דער געניידעם מיינער, און הלך משה-מרדכי—
מאַרש צום באַן קיין בויבעריק. זיצענדיג אַזוי מיט מיין פּאָר-
פאָלק אין וועגעלע, כאַפּ איך מיר אַ קוק מן הצד אויפ׳ן דאָזי-
גען פּאָרל און טראַכט מיר: וואָס פאַר אַ גרויסען גאָט מיר האָ-
בען און ווי מאָדנע שען ער פירט זיין וועלטעל! און וואָס פאַר
מיני משונה נפשות, ווילדע בּרואים עס געפינען זיך ביי אים!
אָט האָט איר אייך אַ פּאָר-פאָלק, נאָר-וואָס פון דער נאָדעל אַרויס,
פאָרט ער אַוועק, דער גוטער יאָר ווייסט אים וואוהין, און זי
בּלייבּט איבער דאָ—און מע זאָל דאָס לאָזען אפילו אַ טרער
כאָטש פון יוצא וועגען. נאָר גאָרנישט, טביה איז נישט קיין יו-
דענע, טביה האָט צייט, קוקט און שווייגט, וואָס וועט דאָ זיין...
זעה איך עפּיס אַ פּאָר יונגעלייטלעך, גוטע כתריליקעס מיט אויס-
געטראָטענע שטיוועל, זענען אַרויסגעקומען אויפ׳ן באַן, זיך גע-
זעגענען מיט מיין שפּיל-פויגעל. איינער פון זיי איז געגאַנגען
עפּ׳ס ווי אַ שייגעץ, איך בעט איבער אייער כבוד, מיט׳ן העמ-
דעל איבער די הויזען, און האָט עפּיס געשושקעט זיך מיט מיי-
נעם שטילערהייד. זעה נאָר, טביה, טראַכט איך מיר, צי האָס-
טו זיך נישט אַריינגעכאַפּט [illegible] צווישען חברה פערד-גנבים, ביי-
טעל-שניידערס, שלעסער-ברעכער, אָדער פאַלשע מאָנעטשיקעס?”...

פאָרענדיג צוריק מיט מיין האָדלען פון בויבעריק אַהיים,
קאָן איך מיך נישט איינהאַלטען און זאָג איר אַרויס דעם דאָ-
זיגען געדאַנק גאַנץ אָפענטליך. צולאַכט זי זיך און וויל מיר
איינריידען, אַז ס׳איז לויטער פיינע מענטשלעך, ערליכע, לעצט-
ערליכע לייט, וואָס זייער גאַנץ לעבען איז נאָר פון יענעמס
וועגען, זיך האָבען זיי נישט אין זינען אפילו אין דער לינקער
פּיאַטע... „אָט אַ יענער, זאָגט זי, וואָס מיט׳ן העמדעל, דער איז
גאָר אַ טאַטענס אַ קינד; ער האָט, זאָגט זי, אַוועקגעוואָרפען רייכע
טאַטע-מאַמע אין יעהופּעץ, וויל נישט נעמען ביי זיי קיין צו-
בּראָכענעם גראָשען”.—„אַזוי? גאָט׳ס וואונדער! זאָג איך. טאַקי

זעהר אַ פיין בחורל. כלעבען, צום העמדעל, וואָס ער געהט אי־בער די הויזען, מיט די לאַנגע האָר, ווען גאָט העלפט אים נאָך אַ האַרמאָניע, אָדער אַ הונט זאָל אים נאָכלויפען פון אונטען, דע־מאָלט האָט דאָס שוין גאָר דעם זיבעטען חן!

אָט אַזוי רעכען איך זיך אָב מיט איר שוין פאַר אים אויך, און לאָז אויס מיין גאַנץ ביטער האַרץ, הייסט דאָס, צו איר געבאַך... און זי? גאָרנישט! אין אסתר מגדת—מאַכט זיך תמ׳ע־וואַטע. איך איר: „פעפעריל". און זי מיר: טובת הכלל, אַרביי־טער, נעכטיגע טעג... „וואָס טויג מיר, זאָג איך, אייער טובת הכלל מיט אייער אַרבייטען, אַז עס געהט צו ביי אייך בסוד? פאַ־ראַן זאָג איך, אַ שפּריכוואָרט: וואו אַ סוד, דאָרט איז אַ גנבה... אַמער, זאָג מיר גלייך, וואָס איז ער געפּאָרען פעפעריל, און וואו־הין?"...—אַלסדינג יאָ, זאָגט זי, נאָר דאָס נישט. פרעג זיך, זאָגט זי, בעטער נישט נאָך; גלויב מיר, זאָגט זי, ווערסט מיט דער צייט אַליין אַלסדינג וויסען. ווערסט אם ירצה השם הערען, און אפשר אין גיכען, פיל נייעס, פיל גוטס! „אמן, הלואי, זאָג איך, פון דיין מויל אין גאָט׳ס אויערן. נאָר אונזערע שונאים, זאָג איך, זאָלען אַזוי וויסען פון זייער געזונט, ווי איך הויב אָן צו פער־שטעהן, וואָס דאָ טוט זיך ביי אייך און וואָס בעדייט די שפּילו"...—אָט דאָס איז טאַקי, זאָגט זי, דער אומגליק, וואָס דו ווערסט דאָס נישט פערשטעהן. „וואָס־זשע, ס׳איז אַזוי טיף? מיר דאַכט, זאָג איך, אַז איך פערשטעה מיט גאָט׳ס הילף גרעסערע זאַכען"...—דאָס לאָזט זיך נישט, זאָגט זי, פערשטעהן מיט׳ן שכל אַליין. דאָס דאַרף מען זאָגט זי, פיהלען, פיהלען מיט׳ן האַרצען... אַזוי זאָגט זי צו מיר, האָדל, הייסט עס, און דאָס פנים ביי איר בשעת מעשה פלאַמט און די אויגען ברענען. נישט געדאַכט זאָלען זיי ווערען, די טעכטער מיינע! פערקאָכען זיי זיך אין עפּיס, איז מיט האַרצען און מיט לייב און לעבען און מיט׳ן גוף און מיט דער נשמה.

בקצור, וועל איך אייך דערצעהלען, עס געהט אַוועק אַ וואָך און צוויי און דריי און פיר און פינף און זעקס און זי־בען—אין קול ואין כסף, נישטאָ נישט קיין בריף, נישט קיין

ידיעה. „פערפאַלען, זאָג איך, פעפעריל!" און כאַפּ אַ קוק אויף מיין האָדלען. נעבען, קיין טראָפּען בלוט נישטאָ אין פּנים. זוכט אויף אַלעמאָל אַנ׳אַנדער שטיקעל אַרבייט אין שטוב, וויל, ווייזט-אויס, פערגעסען דורך דעם די גרויסע צרות אירע, נאָר, איר זאָלט זאָגען, זי זאָל דאָס אים אפילו דערמאָנען! שאַ, שטיל, גלייך ווי ס׳איז קיינמאָל נישט געווען קיין פעפעריל אויף דער וועלט.

נאָר איינמאָל טרעפט זיך אַ מעשה, איך קום צופאָרען אַהיים, איך זעה מיין האָדל איז פערוויינט, געהט אַרום מיט אָנגעשוואָלענע אויגען. הויב איך מיך אָן דערפרעגען. ווער איך געוואָר, אַז דאָ איז נישט לאַנג געווען עפּיס איינער אַ שלים-מזל מיט לאַנגע האָר און גע׳סוד׳עט זיך עפּיס מיט איר, מיט האָדלען, הייסט עס. „אַהאַ! טראַכט איך מיר, דאָס איז יענער חברה-מאַן, וואָס האָט אַוועקגעוואָרפען רייכע טאַטע-מאַמע און האָט אַראָבגעלאָזט דאָס העמדיל איבער די הויזען..." און נישט לאַנג געטראַכט, רוף איך אַרויס מיין האָדלען פון שטוב אין הויף אַרויס און טו זי אַ כאַפּ גלייך אויף דער ווענטקע: „זאָג מיר נאָר, טאָכטער, האָסט שוין פון אים „אַ גרוס"?—„יאָ".—„וואו איז ער ערגיץ דיין בעשערטער?"—„ער איז, זאָגט זי, ווייט".—„וואָס טוט ער?"—„ער זיצט!"—„ער זיצט?"—„ער זיצט..." „וואו זיצט ער? פאַרוואָס זיצט ער?" שווייגט זי. קוקט מיר גלייך אין די אויגען אַריין און שווייגט. „זאָג מיר נאָר, זאָג איך, טאָכטער מיינע, וועדליג איך פערשטעה, זיצט ער נישט פאַר קיין גנבה; פערשטעה איך נישט דעם שכל, אַז וויבאַלד קיין גנב נישט און קיין שווינדלער נישט, הייגט פאַרוואָס-זשע זיצט ער, פאַר וואָסערע מעשים-טובים?"... שווייגט זי. אין אסתר מגדת... האָב איך מיך מישב געווען: זאָגסט נישט, דאַרף מען נישט. ער איז דאָך דיין שלים-מזל, נישט מיינער. אַ שענע ריינע כפרה! נאָר אינוועניג אין האַרצען טראָג איך אַ וועהטאָג. כ׳בין פאָרט אַ פאָטער, ווי מיר זאָגען אין דאַוונען: כרחם אב על בנים, אַ פאָטער בלייבט אַ פאָטער.

בקצור, געווען איז דאָס הושענא רבה אויף דער נאַכט.

יום-טוב איז ביי מיר אַ מנהג, איך רוה מיך אָב און אויך דאָס פערדיל רוהט זיך ביי מיר אויס. ווי אין דער תורה שטעהט געשריבען: אתה דו, ושורך און דיין ווייב, וחמורך און דיין פערדיל. און אגב איז שוין אין בויבעריק כמעט נישטאָ וואָס צו טאָן: טוט מען אַ בלאָז מיט'ן שופר, אַזוי צולויפען זיך אַלע דאַטשניקעס, ווי די מייז אין אַ הונגער, און בויבעריק ווערט אַ פוסטקע. דעמאָלט האָב איך ליב צו זיצען אין דערהיים, ביי זיך אויף דער פריזבע. פאַר מיר איז עס דאָס בעסטע שטיקעל צייט. די טעג זענען געשענקטע. די זון באַקט שוין נישט, ווי אַ קאַלך-אויווען, נאָר זי גלעט מיט אַ מין ווייכקייט, מחיה נפשות. דער וואַלד איז אַלץ נאָך גרין, די סאָסנעס הערען נישט אויף צו שמעקען מיט סמאָלע, און עס דאַכט זיך מיר, אַז דער וואַלד קוקט יום-טוב'דיג, ווי גאָט'ס אַ סוכה, אַ סוכה פון גאָט. אָט דאָ, טראַכט איך מיר, האַלט גאָט סוכות; דאָ און נישט אין שטאָדט, וואו סע טערעראַמט און מענטשען לויפען הין און הער, פינען מיט דער נשמה, יאָגען זיך נאָכ'ן שטיקעל ברויט און מע הערט נאָר געלד און געלד... און ווער שמועסט אויף דער נאַכט, הושענא רבה, למשל, איז דאָך גאָר אַ גן-עדן: דעמאָלט איז דער הימעל בלוי, די שטערען פינקלען, שעמערירען, בייטען זיך, פינטלען ווי, להבדיל, אַ מענטש מיט די אויגען; און אַמאָל, מאַכט זיך, פליהט דורך אַ שטערן פייל אויסען בויגען, לאָזט איבער נאָך זיך אויף אַ רגע'לע אַ גרינעם פאַס—דאָס האָט זיך אַראָבגעלאָזט אַ שטערענדיל, געפאַלען עמיצענס מזל, וואָרום וויפיל שטערען, אַזוי פיל מזלות... יודישע מזלות... „עס זאָל כאָטש נישט זיין מיין פינסטער מזל"—טראַכט איך מיר און עס קומט מיר אויפ'ן געדאַנק האָדל. שוין פון עטליכע טעג, אַז זי איז עפיס ווי אויפגעמונטערט, לעבעדיגער געוואָרען, גאָר אַנ'אַנדער פנים בעקומען. עמיצער האָט איר געבראַכט אַ בריוועל, אַפנים, פון אים טאַקי, פון איר שלים-מזל. ווילען ווילט זיך מיר זעהר וויסען, וואָס ער שרייבט איר, נאָר פרעגען וויל איך נישט; זי שווייגט, שווייג איך אויך. פתח שין שא, טביה איז נישט קיין יודענע, טביה האָט צייט..

דערווייל, אַזוי ווי איך טראַכט פון האָדלען, קומט די אָן, האָדל, הייסט עס, זעצט זיך צו נעבען מיר אויף דער פּריזבע, קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטען און רופט זיך אָן צו מיר שטי-לערהייד: „הערסטו, טאַטע? איך דאַרף דיר עפּיס זאָגען, היינט געזעגענען מיר זיך אָב מיט דיר... אויף שטענדיג”...

אַזוי זאָגט זי צו מיר שטיל, קוים וואָס מע הערט, און קוקט אויף מיר מיט אַ מאָדנעם מין קוק, מיט אַזאַ קוק, וואָס איך וועל אים אייביג נישט פערגעסען. און בשעת מעשה פליהט מיר דורך אַ מחשבה אין קאָפּ: „זי וויל זיך טרינקען”... וואָס איז מיר איינגעפאַלען טרינקען? ווייל עס האָט זיך געטראָפען נישט דאָ געדאַכט אַ מעשה: אַ מיידעל נישט ווייט פון אונז האָט זיך פערקאָכט אין אַ דאָרף-שייגעץ און האָט זיך צוליב דעם דאָרף-שייגעץ... איר ווייסט דאָך שוין וואָס, איז די מאַמע פאַר צרות קראַנק געוואָרען און איז געשטאָרבען און דער טאַטע האָט זיך אויסגעבראַכט, געוואָרען אַ קבצן. און דער דאָרף-שייגעץ האָט זיך מישב געווען און האָט התלירע געהאַט פאַר אַנ'אַנדערע. איז זי אַוועקגעגאַנגען צום טייך, דאָס מיידעל, הייסט דאָס, און האָט זיך אַריינגעוואָרפען אין וואַסער אַריין און האָט זיך דערטרונקען...

„וואָס הייסט, זאָג איך, דו געזעגענסט זיך אָב מיט מיר אויף שטענדיג?” אַזוי מאַך איך צו איר און קוק אַראָב. זי זאָל נישט זעהן, ווי איך בין טויט. „דאָס הייסט, זאָגט זי, איך פאָר, זאָגט זי, אַוועק מאָרגען, זאָגט זי, גאַנץ פריה, מיר וועלען זיך שוין מער קיינמאָל נישט זעהען... קיינמאָל נישט”..

דערהערט די דאָזיגע ווערטער, איז מיר געוואָרען אַ ביסעל גרינגער אויף דער נשמה. דאַנקען גאָט כאָטש דערפאַר, טראַכט איך מיר. ווי זאָגט ער: גם זו לטובה—עס קאָן זיין ערגער, בעסער האָט קיין שיעור נישט... „וואוהין, למשל, פאָרסט דו, אויב איך האָב, זאָג איך, די זכיה צו וויסען?”—„איך פאָר, זאָגט זי, צו אים”.—„צו אים? זאָג איך—וואו איז ער דען אַצינ-דער?” „לעת-עתה, זאָגט זי, זיצט ער נאָך; נאָר אין גיכען שיקט מען אים אַוועק”. „פאָרסטו, הייסט דאָס, זיך געזעגענען מיט אים?” אַזוי זאָג איך צו איר און מאַך זיך תמ'עוואַטע. „ניין,

זאָגט זי, איך געה אים נאָך גלייך אַהין". „אַהין? זאָג איך, וועד איז געווען דער אַהין? ווי אַזוי הייסט דאָס אָרט?" „מע ווייסט נאָך נישט אַקוראַט, זאָגט זי, ווי אַזוי דאָס אָרט הייסט, נאָר ווייט איז דאָס זעהר, זאָגט זי, ווייט מיט סכנות נפשות"...

אַזוי זאָגט זי צו מיר, האָדל, הייסט עס, און עס מאָלט זיך מיר אויסעט, אַז זי רעדט דאָס מיט גדלות, מיט גרויסקייט, גלייך ווי ער וואָלט דאָ אָבגעטאָן עפּיס אַזעלכס, וואָס סע קומט אים דערפאַר אַ מעדאַיל פון אַ פּוד אייזען!... וואָס ענטפערט מען איר, למשל, אויף אזאַ זאַך? פאַר אַזאַ זאַך נעמט אַ פאָטער און בייזערט זיך אויס אויף אַ קינד, שענקט אַ פּאָר פעטש, אָדער ער בייטעלט אויס אַלע בייזע וויסטע חלומות. טביה איז אָבער נישט קיין יודענע. איך געה מיט דעם גאַנג, אַז כעס איז עבודה-זרה. רוף איך מיך אָן צו איר מיט אַ פסוק, ווי געוועגטליך: „איך זעה ארויס, זאָג איך, טאָכטער מיינע, אַז דו ביזט מקים, ווי אין דער הייליגער תורה שטעהט געשריבען: על כן יעזב—וואַרפסט אַוועק, זאָג איך, צוליב אַ פעפעריל טאַטע-מאַמע, זאָג איך, און לאָזט זיך אַוועק אין אַנ'אָרט, וואָס מע ווייסט נישט וואו, ערגיץ אין די מדבריות, אַפּנים, אויפ'ן פערגליווערטען ים, דאָרט, וואו אלכסנדר מוקדן, זאָג איך, איז געפאָרען אויפ'ן אָקרענט און פערבלאָנזעט אויף אַ ווייטער וויספּע, זאָג איך, צווישען ווילדע מענטשען, ווי איך האָב געלייענט, זאָג איך, אַמאָל אין אַ מעשה-ביכעל"...

אַזוי זאָג איך צו איר, האַלב אויף קאַטאָוועס און האַלב מיט כעס און דאָס האַרץ בשעת מעשה וויינט, נאָר טביה איז נישט קיין יודינע, טביה האַלט זיך איין. און זי, האָדל, הייסט עס, פאַלט נישט אַראָב ביי זיך; ענטפערט מיר אָב על ראשון ראשון, און שטיל, נישט געכאַפּט און בעטראַכט, טביה'ס טעכ-טער קאָנען ריידען..

און כאָטש איך האַלט דעם קאָפּ אַראָב און די אויגען צו, פונדעסטוועגען דאַכט זיך מיר, אַז איך זעה זי, האָדלען, הייסט דאָס, איך זעה איר פּנים איז פּונקט אַזוי ווי די לבנה בלאַס און מאַט, און דאָס קול אירס, מאָלט זיך מיר אויס, איז עפּיס ווי פערדומפּען, ציטערט... זאָל איך איר, אַ שטייגער, פאַלען אויפ'ן

האַלז, בעטען, חלש'ן פאַר איר, זי זאָל נישט פאָרען? ווייס איך אַז ס'איז אַרויסגעוואָרפען. ימח שמם זאָלען זיי ווערען, טאַקי די טעכטער מיינע, פערקאָכען זיי זיך אין עמיצען, איז מיט'ן גוף און מיט דער נשמה און מיט'ן האַרצען און מיט לייב און לעבען!

בקיצור, מיר זענען אָבגעזעסען אַזוי אויף דער פריזבע אַ היבשע שטיק צייט, לאָז זיך אייך דאַכטען כמעט די גאַנצע נאַכט. מער געשוויגען, ווי גערעדט, און דאָס, וואָס מיר האָבען גערעדט, איז אויך געווען כמעט ווי נישט גערעדט, האַלבע ווערטער... זי האָט גערעדט און איך האָב גערעדט. איך פרעג זי נאָר איין זאַך: וואו איז דאָס געהערט געוואָרען, אַ מיידעל זאָל נעמען און חתונה האָבען פאַר אַ בחור צוליב דעם, זי זאָל אים קענען נאָכ־געהן ערגיץ אין אַלדע שוואַרץ יאָר? ענטפערט זי מיר: „מיט „אים" איז אַלץ איינס, אפילו אין אַלדע שוואַרצע יאָר..." גיב איך איר געוועגטליך צו פערשטעהן מיט'ן שכל, ווי נאַריש דאָס איז. גיט זי מיר צוריק צו פערשטעהן מיט איר שכל, אַז איך וועל דאָס קיינמאָל נישט פערשטעהן. ברענג איך איר אַ משל מיט אַ הון, אַ קוואָקע, וואָס האָט אויסגעזעסען קאַטשקעלעך. די קאַטשקעלעך האָבען זיך נאָר אויפגעכאַפּט אויף די פיסלעך, האָ־בען זיי זיך געלאָזט אויפ'ן וואַסער און די קוואָקע, נעבעך, קוואָ־קעט. „וואָס, זאָג איך, ווערסטו זאָגען, זאָג איך, דערויף, טאָכ־טער-לעבען?" „וואָס, זאָגט זי, זאָל איך דערויף זאָגען? ס'איז אודאי אַ רחמנות, זאָגט זי, אויף דער קוואָקע; נאָר צוליב דעם, זאָגט זי, וואָס די קוואָקע קוואָקעט, זאָלען די קאַטשקעלעך נישט שווימען?"... איר פערשטעהט דבורים? טביה'ס טאָכטער רעדט נישט גלאַט...

און דערווייל די צייט שטעהט נישט, עס הויבט שוין אָן צו שאַריען אויף טאָג, די אַלטע אין שטוב וואָרטשעט. זי האָט שוין עטליכע מאָל געשיקט זאָגען, אַז ס'איז שוין צייט מאַכען נאַכט. און געזעהן, אַז עס העלפט זיך נישט, האָט זי אַרויסגע־שטעקט דעם קאָפּ דורכ'ן פענסטער און מאַכט צו מיר, מיט אַ אַ שענעם יברכך, געוועגטליך: „טביה! וואָס טראַכסטו זיך?" „לאָז

זיין שטיל, זאָג איך, גאָלדע, ווי אין פסוק שטעהט: למה רגשו.
האָסט פערגעסען, אַפּנים, אַז ס'איז הײנט הושענא-רבה; הושענא-
רבה, זאָג איך, ווערט אונז אָנגע'חתמ'עט דאָס גוטע קוויטעל,
הושענא-רבה דאַרף מען זיין אויף. פּאָלג מיך, גאָלדע, זאָג איך,
דו נעם, זיי מוחל, צובלאָז נאָר דעם סאַמאָוואַר, זאָג איך, און
לאָז זיין טיי, און איך וועל געהן דערווײלע שפּאַנען דאָס ווע-
געלע. מיר פאָרען מיט האָדלען צום באַהן". און ווי דער שטיי-
גער איז, טאָק איך איר אָב אַ שפּאָגעל-נייעם ליגען, אַז האָדל פאָרט
אַוועק קיין יעהופּעץ און פון דאָרטען נאָך ווייטער, אַלץ מכּח
יענעם עסק, מכּח דער ירושה, הייסט דאָס. און עס קאָן געמאָלט
זיין, זאָג איך, אַז זי זאָל שוין דאָרטען בלייבען איבער'ן גאַנ-
צען ווינטער, און אפשר איבער'ן ווינטער מיט'ן זומער, מיט נאָך
אַ ווינטער; לכן דאַרף מען איר, זאָג איך, מיטגעבען עפּיס צדה
לדרך, אַ ביסעל גרעט, אַ קליידעל, אַ פּאָר קישענס, טשיכלעך, דאָס-
יענץ און שאר-ירקות.

אַזוי קאָמאַנדעווע איך און זאָג אָן, ס'זאָל נישט זיין קיין
געוויינען. ס'איז הושענא-רבה אויף דער וועלט, הושענא-רבה,
זאָג איך, טאָר מען נישט וויינען, ס'איז אַ בפירוש'ער דין! הערט
מען דאָך מיך מיט'ן דין, מסתמא, ווי די קאַץ, און מע וויינט
דוקא יאָ, און אַז סע קומט צום געזעגענען זיך, ווערט אַ יללה,
אַלע וויינען—די מאַמע, די קינדער און טאַקי זי אַליין, האָדל,
הייסט דאָס, און ועל כּלם, אַז ס'איז געקומען צו דער עלטערער
טאָכטער מיינער, צייטיל, מיין איך (אויף יום-טוב קומט זי צו
מיר מיט איר בעשווערטען, מיט מאָטיל קאַמזויל), האָבען זיך
ביידע שוועסטער אַ וואָרף געטאָן איינס דאָס אַנדערע אויפ'ן
האַלז—מע האָט זיי קוים אָבגעריסען...

נאָר איך איינער האָב מיך געהאַלטען שטאָל און אייזען;
דאָס הייסט, עס רעדט זיך נאָר אַזוי שטאָל און אייזען; אינ-
ווענייג קאָכט, ווי אַ סאַמאָוואַר, נאָר יענעם אַרויסבעווייזען, פע!
מביה איז דאָך נישט קיין יודענע... דעם גאַנצען וועג קיין
בויבעריק שווייגט מען, און אַז מיר האַלטען שוין נישט ווייט
פון דער באַן, רוף איך מיך אָן צו איר זי זאָל מיר זאָגען

דאָס לעצטע מאָל, וואָס פאָרט האָט ער געטאָן אַזעלכעס, פּע-פּעריל, הייסט דאָס?... איטליכע זאַך, זאָג איך, בעדאַרף דאָך האָ-בען עפּיס אַ טעם... ווערט זי אָנגעצונדען און שווערט מיר מיט כל-השבועות שבעולם, אַז ער איז ריין ווי גין-גאָלד, ער איז, זאָגט זי, אַ מענטש, וואָס קאַטאָרי פאַר זיך אָרט אים נישט, דאָס גאַנצע טועכץ זיינס איז נאָר, זאָגט זי, יענעמס טובה, דער וועלט'ס טובה—און דער עיקר פאַר די יגיע-כפּים'ניקעס, די בעלי-מלאכות—און געהט זייט אַ חכם און טרעפט, וואָס דאָס הייסט! „זאָרגט ער זיך, זאָג איך צו איר, הייסט דאָס, פאַר דער וועלט? למאי-זשע, זאָג איך, זאָרגט זיך נישט די וועלט פאַר אים, אַז ער יאָ אַזאַ וואוילער בחור? זאָלסט אים כאָטש לאָזען גרוסען, זאָג איך, דעם אלכסנדר מוקדן דיינעם, זאָלסט אים זאָגען, זאָג איך, אַז איך פערלאָז מיך אויף זיין יושר. ער איז דאָך אַ מענטש פון סאַמע יושר, זאָג איך, אַז ער וועט מיין טאָכטער, מכתמא, נישט פערפירען און שרייבען אַמאָל, זאָג איך, אַ בריוועל דעם אַלטען טאַטען"...

און אַזוי ווי איך רייד, פאַלט זי מיר נישט פלוצים אויפ'ן האַלז און הויבט נישט אָן צו וויינען? „לאָמיר זיך, זאָגט זי, געזעגע-נען. זיי געזונד, טאַטע, גאָט ווייסט, זאָגט זי, ווען מיר וועלען זיך זעהן!?"... אַנ'עק! אָט דאָ האָב איך מיך שוין נישט געקאָנט איינהאַלטען... עס איז מיר געקומען אויפ'ן געדאַנק, פערשטעהט איר, טאַקי די אייגענע האָדל, בשעת זי איז נאָך געווען אַ ברע-קעל... אַ קינד, הייסט דאָס... זי געהאַלטען אויף די הענד... אויף די הענד געהאַלטען... האָט קיין פּעריאיבעל נישט, פאַני, וואָס איך האָב מיך... מעשה יודענע... איר זאָלט וויסען, הערט איר, וואָס דאָס איז פאַר אַ האָדל, דאָס איז!... איר זאָלט זעהן די בריוולעך, וואָס זי שרייבט... ס'איז אַ האָדל פון גאָט!... זי איז ביי מיר אָט אַ דאָ-אָ, איז זי ביי מיר... טיף, טיף... איך קאָן עס אייך אַזוי פיל נישט אַרויסגעבען. . . . .

. . . .

ווייסט איר וואָס, פאַני שלום-עליכם? לאָמיר בעסער ריידען פון עפּיס פרעהליכערס: וואָס הערט זיך עפּיס מכח דער מלחמה?

י. ל. פרץ

אַ גלגול פון אַ נגון

י. ל. פרץ

קלאגענאמיין.

יצחק-לייבוש פרץ איז געבוירען געוואָרען דעם 25-סטען מאי 1851 אין זאמאָשץ, לובלינער גוב. געוועהנליך ווערט פרץ צוגערעכענט צו דעם עלטערן דור פון אונזערע שריפטשטעלער, אָבער ביז'ן סאמע טויט איז פרץ פערבליבען אין זיין שאפען דער יונגסטער פון די יונגסטע. שיין און יונגקייט — דאָס איז פרץ. שיין און יונגקייט שפראָצען-ארויס פון א יעטווידער שורה זיינער, און דאָס איז, ווארשיינליך, די סבה, וואָס קיין איין יודישער שרייבער האָט נישט ארויסגערופען אזוי פיל נאָכאמער, ווי פרץ. פרץ איז דער פאָטער פון דער נייסטער יודישער ליטעראטור. ער האָט איר אָנגעטאָן זיין מאנטעל פון שטראַלען און צוגעגעבען דעם חן פון זיין שמייכעל. די בעסערע ווערק פון דער נייסטער יודישער ליטעראטור זענען בעשאָטען מיט פרצ'ס פעריל און בעהויכט מיט זיין אָטעם.

פרץ האָט זיך אויך שטארק אינטערעסירט מיט'ן געוועהנליכען יודישען לעבען. קיין איין בעוועגונג ביי יודען האָט ער נישט פערביי-געלאָזט. דער צער פון די געטריבענע און פערוואָגעלטע יודען אין דער גרויסער וועלט-מלחמה האָט אים, מעגליך, פערלאָשען די אויגען אויף אייביג, די מערקווירדיגע פרץ-אויגען, וואָס האָבען אויסגעדריקט, ווי זיין שאפען, טיפקייט און גלאנץ צוזאמען — א זאך, וואָס טרעפט אזוי זעלטען. פרץ איז געשטאָרבען אין ווארשוי פסח-צייט אין יאָהר 1915. צו זיין לויה זענען געקומען צענדליגער טויזענדער יודען. זיין טויט האָט טרויעריג אָנגעקלונגען אין די סאמע פערווארפענסטע ווינקעלעך פון דער יודישער קהלה אין ווארשוי, און די דאָזיגע שטאָדט האָט נאָך אזא לויה נישט געזעהן.

UNITED WORKERS
LIBRARY
2700 Bronx Pk. East
No.........
COOPERATIVE ASSOCIATION

י. ל. פרץ.

אַגלגול פון אַנגון.

— אַטאַלנער נגון ווילט איר?

דאַכט זיך, אין פלוג אַקלייניגקייט—נעמען אַנגון פון אַטאַלנער שלש-סעודות און נאָכזינגען! עס איז אָבער נישט אַזוי, ווי עס דאַכט זיך!

דער טאַלנער נגון מוז געזונגען ווערען ברב עם, חברה מוז אים זינגען!

אונטערהעלפען ווילט איהר? ניין, ברידער! מיט דער הילף פון פוילישע חסידים זינגט זיך נישט קיין טאַלנער נגון!

איר האָט גאָר קיין השגה, קיין ידיעה אין נגינה!

איך הער דאָך אייערע כּלי-זמרים, אייערע חזנים! עס גרימפּעלט זיך, נישט עס שפּילט, און ביים זינגען רייסט איר אייך, ווי געקוילעטע הענער! אפילו די סיני-נגונים קומען ביי אייך אַרויס משונה-ווילד... און אייערע מאַרשען, אייערע קאָזאַקלעך? זיי זענען נאָך ווילדער ווי אייערע תנועות און הויות! איר זאָגט, עס איז חסידות?... ביי אונז זענען אַנדערע חסידים!..

פון וואַנען מיר האָבען נגינה? אפשר קומט עס שוין בירושה און אפשר ליגט עס אין דער געגענד!

אין אונזער קיעווער געגענד איז צין בית אָהן אַ פידעלע! אַבעל-בתי'ש קינד, אַדער, ווי מען זאָגט אין יענע קאַנ-

טען: אַ טאַטענס אַ קינד מוז האָבען אַ פידעלע, מוז קענען שפּילען ...

איר ווילט וויסען, וויפיל מאַנסלייט עס געהערען צו אַ שטוב? קוקט אויף די ווענט! וויפיל עס הענגען פידעלעך, אַזוי פיל מאַנסלייט!

אַלע שפּילען: עס שפּילט דער זיידע, עס שפּילט דער פאָטער, עס שפּילט דער זוהן ...

עס איז נאָר אַ שאָד, וואָס יעדער דור שפּילט זיך זיינס, שפּילט אַנדערש, שפּילט בעזונדער!

דער אַלטער זיידע שפּילט סיני-נגונים אָדער אַזוי חזנישע זאַכען: אַ „כל-נדרי", „שושנת-יעקב", אַ „גדי קשור-ידים" — אַ דאגה וואָס? דער פאָטער, אַ חסידישער מענש, צוגעהט זיך אין אַ גוט-יודישען שטייגער! דער זוהן ווייטער — שפּילט שוין פון נאָטען! מען שפּילט שוין גאָר פון טעאַטער!

אַזוי ווי דער דור, אַזוי איז דער נגון!

*

— וואָס טוען חסידים, אַז עס פעלט אַ ביסעל בראָנפען? רעדט מען פון בראָנפען!... זינגען איינער אַליין, אָהן חברה, אָהן אַ ברען פון עולם, קען מען נישט; וועל'מיר רעדען פון נגינה ...

נגינה, מוזט איר וויסען, איז אַ גרויסע זאַך! גאַנץ טאַלנע איז געשטאַנען אויף מלוה-מלכה'ס, און דער עיקר מלוה-מלכה איז געוועזן דער נגון!

עס ווענדט זיך נאָר, ווער עס זינגט און וואָס ער זינגט ...

מיט די אייגענע ציגעל קען מען שטעלען אַ שוהל און אַ קלויסטער, אַ פּאַלאַץ און אַ תפיסה, און גאָר אַ הקדש!

מיט די אייגענע אותיות שרייבט מען סודות התורה און, להבדיל, דאָס גרעסטע אפיקורסות! און מיט די אייגענע קולות קען מען אַרויף צו דער העכסטער מדרגה פון התלהבות און

דבוקות, און מען קען אַראָב ביז'ן שאול תחתיה און וואַלגערן זיך דאָרט, ווי אַ וואָרים אין בלאָטע!

אַ בריוועל—ווי מען לייענט עס; אַ נגון—ווי מען זינגט אים!

נעמט, למשל, אַ „פּרעהליכס"; קען עס זיין אַ טאַלנער שבת-שירה'דיגע מלוה-מלכה,—אַ שמחה פון גבורות און מטיבי-טובים; און עס קען זיין די פרייד פון אַנ'אויסגעלאַסענעם פוי-געל אין אַ הפקר-וועלט!

אַ נגון ברענט, טאַקי „תוכו רצוף אהבה"—אויסגעווייקט איז ער מיט ליבשאַפט; נאָר ליבשאַפטען זענען פאַראַן אַ סך: עס איז פאַראַן אהבת המקום, אהבת הבריות, אַ ליבשאַפט צו כל-ישראל... איינער האָט גאָר זיך אַליין ליב, צי גאָר, רחמנא-ליצלן, אַנ'אשת-איש!

אַ נגון קלאָגט זיך, אַ נגון וויינט, נאָר איינער וויינט אויפ'ן נחש, אויפ'ן פערלאָרענעם גן-עדן; אַ צווייטער—אויף גלות השכינה, אויף חורבן בית-המקדש, אויף אונזער דלות און שפלות!... „ראה עמידתנו..." קלאָגט ער זיך, דער נגון... און נאָך אַ נגון וויינט, אַז עמיצען איז אַ יפה-פיה אַנטלאָפען!

עס איז פאַראַן אַ נגון, פול מיט בענקשאַפט; נאָר צו וואָס בענקט ער, דער נגון? עס בענקט אַ נשמה צוריק צו איר שורש, און עס בענקט אַנ'אַלטער כלב אָהן ציין צו יונגע יאָרען מיט'ן יונגען יצר-הרע!

נעמט כאָטש דאָס לידעל:

ר' דוד'ל האָט געוואוינט אין וואַסילקאָוו—
אין וואַסילקאָוו
און היינט וואוינט ער אין טאַלנע!
ר' דוד'ל, ר' דוד'ל האָט געוואוינט אין וואַסילקאָוו,
היינט וואוינט ער אין טאַלנע!...

עס זינגען עס טאַלנער, עס זינגען עס וואַסילקאָווער!

נאָר, אַז די טאַלנער זינגען, איז עס אַנ'אמת „פּרעהליכס", שפּריצט עס און ברענט מיט שמחה, מיט תענוג; זינגען עס אָבער וואַסילקאָווער, איז עס אויסגעווייקט מיט צער און מרה-שחורה! און ווענדען ווענדט זיך עס אָן דער נשמה, וואָס מען

גיט אַריין אין נגון!...

דער נגון, מוזט איר וויסען, איז אַ סך-הכל פון קולות, אָדער, ווי יענע זאָגען—טענער.

די קולות אָדער די טענער נעמט מען פון דער טבע; זיי איז קיינער נישט מחדש, און אין דער טבע פעלט נישט קיין קולות, אַלץ האָט אַ קול, זיין אייגענעם קלאַנג, אויב נישט גאָר אַ גאַנצען נגון!

די גלגלים, האָבען מיר אַ קימא-לן, זינגען; טאָג און נאַכט—„יום ליום... לילה ללילה...” האָבען זייער זמר... מענשען און פויגעל זינגען, חיות ובהמות זאָגען שירה... אַ שטיין אָן אַ שטיין קלאַפּט, מעטאַל קלינגט... וואַסער, אַז עס לויפט, שווייגט עס נישט; היינט אַ וואַלד! ביים קלענסטען ווינטעל, זינגט ער דאָך אַ „וואָלאַך”, אַנ'אמת'ן, שטילען, זיסען וואָלאַך! און די באַן, למשל, — די חיה רעה, מיט די רויט-פלאַמענדיגע אויגען, אַז זי לויפט, בעטויבט זי נישט מיט איר געזאַנג? אפילו די שטומע פיש, האָב איך אין אַנ'אַלט ספר געזעהן, גיבען אויך אַמאָל אַרויס פון זיך אַ קול נגינה. טייל פיש, שטעהט אין ספר, שווימען פון צייט-צו-צייט צו צום ברעג, קלאפען מיט די עקען אין זאַמד, אויף אַ שטיין, און זענען זיך דערמיט מחיה!

וועניג קולות? מען דאַרף נאָר האָבען אַנ'אויער, עס זאָל די קולות אויפכאַפּען, ווי אַ נעץ, איינזאַפּען, ווי אַ שוואָם!

נאָר פון טענער אַליין איז קיין נגון נישט!

אַ הויפען ציגעל איז נאָך נישט קיין הויז!

דאָס איז ערשט דער גוף פון נגון; ער דאַרף נאָך אַ נשמה!

און די נשמה פון אַ נגון איז שוין אַ געפיהל פון אַ מענש: זיין ליבשאַפט, זיין צאָרן, לייטזעליגקייט, נקמה, האַרץ-בענקעניש, חרטה, צער,—אַלץ, אַלץ, וואָס אַ מענש פילט, קאָן ער אַריינגעבען אין אַ נגון און דער נגון לעבט!

וואָרום איך, רבותים, גלויב, אַז דאָס, וואָס איך איז מחיה,

מוז אַליין האָבען אַ חיות, לעבט אַליין!

און היינט, אַז אַ נגון איז מיך מחיה, אַז איך בעקום פון אַ נגון אַנ'אמת חיות, אַ נייע נשמה, זאָג איך, אַ נגון לעבט...

און אַ והא ראיה: נעמט אַ נגון און צושפּרײט אים, זינגט אים קאַפּויר. כאַפּט פריער אַרויס די מיט און דערנאָך זינגט ז'י התחלה מיט'ן סוף, נו, האָט איר אַ נגון? בסך-הכל האָט איר אַלע קולות, עס פעלט אייך קיין איינציגער טאָן, נאָר די נשמה איז אַרויס! איר האָט אַ לעבעדיגע ווייסע טויב געקוילעט און אונטער'ן מעסער איז אַרויס די נשמה!

עס איז געוואָרען אַ מת, אַ בר-מנן פון אַ נגון!

אין טאַלבע איז ברור כשמש, אַז אַ נגון לעבט!

— — — — — — — — — — — —

און אַ נגון לעבט, און אַ נגון שטאַרבט; און מען פערגעסט אַ נגון, ווי מען פערגעסט אַ שוכן עפר!

יונג איז פריש איז ער אַמאָל געווען, דער נגון, מיט פריש לעבען האָט ער געשפריצט... מיט דער צייט איז ער אָבגעשוואַכט געוואָרען, ער האָט אָבגעלעבט זיין צייט און די כחות זענען אים אויסגעגאַנגען... עבר ובטל איז ער געוואָרען... דערנאָך איז זיין לעצטער הויך אַריין אין דער לופט און ער'ז'ן פֿאַרשטיקט געוואָרען — ואיננו!...

נאָר אַ נגון קען אויפשטעהן תחית המתים...

פּלוצים דערמאָנט מען זיך אַנ'אַלטען נגון. ער שווימט פּלוצים אַרויס און רייסט זיך פון מויל אַראָב... נישט ווילענדיג, לעגט מען אין אים אַריין אַ ניי געפיהל, אַ נייע נשמה, און כמעט אַ נייער נגון לעבט...

דאָס איז שוין אַ גלגול פון אַ נגון...

— — — — — — — — — — — —

איר פערשטעהט איך ווייניג... רעדט מיט אַ בלינדען וועגען ליכט!

ווייסט איר וואָס? מעשיות האָט איר דאָך ליב, וועל איך אייך דערצעלען אַ מעשה וועגען אַ גלגול פון אַ נגון... הערט!

דריי-פיר מייל אונטער בערדיטשעוו, באַלד נאָכ'ן וואַלד, איז פאַראַן אַ שטעדטיל מאַכנאָווקע; און אין דעם מאַכנאָווקע איז געווען אַ נישקשה'דיגע קאַפּעלע כלי-זמר, נאָר דער ראש-וראשון זייערער, ר' חיימ'ל האָט ער געהייסען, דער איז געווען אַ בריה פון אַ מוזיקאַנט,—פדהצור בערדיטשעווערס אַ תלמיד. דער ר' חיימ'ל איז נישט געוועזען קיין מחדש פון נגונים, דאָס הייסט: ער איז נישט געוועזען קיין קאָמפּאָזיטאָר; נאָר אויס-פירען אַ זאַך, מטעים זיין, פערטייטשען, ממש אַריינלעגען אין האַרץ—דאָס האָט ער געקאָנט; אין דעם האָט שוין זיין גבורה געשטעקט!

אַ יוד איז ער געווען אַ דאַרער, אַ טרוקענער, האָט ער אָבער אָנגעהויבען שפּילע, איז עס פלוצים געוואָרען גאָר אַן אַנדער מענש: די אייביג-אַראָבגעלאָזטע ברעמען האָבען זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבען, און פון די שטילע, טיפע אויגען איז געפאַלען אַ אמת'ער שיין פון רוחניות איבער'ן בלאַסען פנים. מען האָט גע-זעהן בחוש, אַז צינד איז ער נישט קיין היגער, זיינע הענט שפּי-לען אַליין, פון זיך, און די נשמה פליהט ערגיץ אַרום הויך, הויך אין עולם הזמרה... טיילמאָל פלעגט ער זיך פערגעסען און אָנהויבען זינגען אויך. און אַ קול האָט ער געהאַט אַ קלאַר-נעט—אַזוי קלאָר און אַזוי ריין...

וואָלט דער חיימ'ל נישט געוועזען קיין פרומער, פשוט'ער יוד, כמעט אַ תם, וואָלט ער זיך נישט געקוועלט מיט אַכט קינדערלעך אין מאַכנאָווקע. ער וואָלט שוין ערגעץ געשפּילט אָדער געזונגען אין אַ טעאַטער, און אפשר קאָר-חזן געוואָרען אין אַ בערלין צי פּאַריז... נאָר אַזוינע לייט גיט שוין אַרויס פון זיך בערדיטשעוו. חיימ'ל תּם זיצט זיך אין דערהיים און באָרגט חדשים-לאַנג אין אַלע שפּייזגעוועלבלעך על חשבון פון אַ בעל-הבתי'שער חתונה, וואָס מוז דאָך אַמאָל זיין!

און דעמאָלט האָט זיך פונקט געמאַכט אַ גביר'ישע חתונה! און ביים פּער פון מאַכנאָווקע, ביי בעריל קאַצנערס אלמנה.

בעריל קאַצנער אַליין,—ווערגען זאָל ער מיך קומען,— איז געוועזען אַ גרויסער וואָכערניק, אַ קמצן—נאָך אַ גרעסערער,

אין מויל אַריין האָט ער זיך נישט פערגונען... ער פלעגט אַרומגעהן און קלויבען קרישקעלעך נאָך די קינדערס עסען... אַנ'אַייזערן האַרץ האָט ער געהאַט, דער מענש!

פאַר'ן טויט, כמעט אין מיט'ן דער גסיסה, רופט ער צו דעם עלטסטען זוהן, הייסט זיך דערלאַנגען די ביכער, און ווייזט-אָן מיט אַ ברוינבלויען פינגער, וואו עס איז נישט בעצאָלט קיין ראַטע! „און פראָלאָנגירען, זאָגט ער, חס ושלום הערסט! בגזרת כבוד אב!"

דערנאָך האָט ער צוגערופען דאָס ווייב און געהייסען בעהאַלטען דאָס קופער, וואָס האָט געהאַנגען אויף דער וואַנט: „מאַך איך צו אַנ'אויג, — זאָגט ער—איז אַלץ הפקר!" און מיט דעם איז די נשמה אַרויס!

איבערגעלאָזט האָט ער טאַקי אַ האַלבען מיליאָן!

ווי געזאָגט, חתונה דער טאָכטער מאַכט די אלמנה, און זי אַיילט צו, ווייל זי וויל זיך אַליין לאָזען ריידען אַ שידוך; אַ שטיין איז איר אַראָב פון האַרץ! אויפגערעכט איז זי געוואָרען!..

און אַז חיימ'ל כלי-זמר דאַרף אויף חתונה מאַכען אַ טאָכטער, וואַרט ער מן הסתם אויף דער חתונה, ווי אויף משיח'ן...

פאַלט אָבער אַיין דער אלמנה, אַז זי וויל אַראָפּברענגען פדהצור'ן פון בערדיטשעוו.

באשר בכן? עס וועלען זיין קיעווער מחותנים, קיעווער מבינים, וויל זי צום בעדעקענס אַ נייעם אל מלא רחמים; נישט, זאָגט זי, קיין אַלטע אָבגעשלאָגענע הושענא! עס קאָסט אַזוי פיל, זאָל נאָך קאָסטען, און זאָלען די קיעווער זעהן!

חיימ'ל איז שיער אויסגעגאַנגען.

אין שטאָדט איז אויך געוואָרען אַ גערודער; מען האָט אים זעהר ליב געהאַט, חיימ'לען; און עס איז גלאַט אַ רחמנות אויף אַ יוד אַנ'אביון!... מען לעגט זיך אַריין אויף אַ פשר, און סוף-כל-סוף איז געבליבען, אַז שפּילען זאָל טאַקי

חיימ'ל מיט דער קאַפּעלע, נאָר פאַר דער חתונה זאָל ער זיך אָראָפּכאַפּען, אויף דער גבירה'ס הוצאות, קיין בערדיטשעוו און ברענגען פון פדהצור'ן אַ נייעם אל מלא רחמים.

חיימ'ל כאַפּט עטליכע רובל, — דערפון לאָזט ער איבער אַ גרעסערע העלפט דעם ווייב מיט די קינדער — דינגט אַ פור, און לאָזט זיך קיין בערדיטשעוו.

און דאָ הויבט זיך אָן די מעשה מיט'ן גלגול.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ווי זאָגט מען עפּיס, אַנ'אָרעמאַן האָט מזל! פאָרט חיימ'ל פון איין זייט אַריין קיין בערדיטשעוו, און פדהצור פאָרט פון דער אַנדערער זייט אַ ר ו י ס פון בערדיטשעוו! פונקט האָט מען אים פערבעטען קיין טאַלנע אויף אַ מלוה מלכה! דער טאַלנער, מוזט איהר וויסען, האָט שטאַרק געהאַלטען פון פדהצור'ן. „סודות התורה", פלעגט ער זאָגען, „שטעקען אין זיינע נגונים! עס איז נור אַ שאָד, וואָס ער אַליין ווייסט זיי נישט!"

מילא, חיימ'ל דרעהט זיך אַרום ווי אַנ'אָבגע'סמ'טער אין די גאַסען.

וואָס זאָל ער טאָן? אַהיימפאָרען אָהן אַנ'„אל מלא רחמים" טאָר ער נישט — די וועלט וועט זיך קערען! נאָכפאָרען קיין טאַל-נע אָדער וואַרטען, ביז פדהצור וועט צוריקקומען, קען ער נישט — ער האָט אויסגערעכענטע הוצאות! די גבירה האָט אים יו ע נ י ג-וואָס געגעבען און איבערגעלאָזט דעם ווייב האָט ער אַ סך! האָט ער טאַקי ווילד צער!

פלוצים דערזעהט ער אין גאַס אַזאַ מין סצענע:

שטעלט אייך פאָר, אין אַ שענעם, העלען וואָכענטאָג, געהט זיך איבער דער גאַס אַ ווייבעל, אָנגעטאָן בגדי שבת ויום-טוב, אָדער, ווי מען זאָגט אין יענע קאַנטען, אויסגעפּוצט אין האָניג און אין עסיג... אויפ'ן קאָפּ טראָגט זי אַ מאָדנעם ציפּיק, מיט לאַנגע, לאַנגע בענדער, סטענגעס פון פערשידענע לעבעדיג-שריי-ענדיגע קאָלירען!

אין דער האַנד האַלט זי אַ גרויסע ווייסע, זילבערנע טאַץ...

זעם ווייבעל געהען נאָך כּלי-זמר און שפּילען און דאָס ווייבעל געהט, טאַנצענדיג. טיילמאָל שטעלט זי זיך אָב מיט די כּלי-זמר פאַר אַ שטוב, אָדער פאַר אַ קלייט, און מאַכט אַ טענצעל אויפ׳ן אָרט... די מוזיק רופט-אַרויס מענשען פון אַלע זייטען, טירען און פענסטער זענען אָנגעפּראָפּט—קאָפּ אויף קאָפּ...

די מוזיק שפּילט, דאָס ווייבעל טאַנצט, די קאָלירטע בענדער צופליהען זיך אין די לופטען, די טאַץ בלאַנקט און בליצט... דער עולם שרייט: „מזל-טוב" און וואַרפט מטבעות; דאָס ווייבעל טאַנצט-אונטער און כאַפּט זיי אַריין אין טאַץ,—די מטבעות בליצען און קלינגען-צו צום טאַקט...

וואָס איז עס? אַ קלייניגקייט; בערדיטשעוו איז אַ יודישע שטאָדט און האָט יודישע מנהגים; אַזוי איז מען זיך נוהג צוזאַמענצונעמען אויף הכנסת-כּלה!...

חיימ׳ל האָט געוואוסט פון מנהג. ער האָט געוואוסט, אַז די ווייבער קלערען זיך אויס טענץ, און פדהצור אַליין מאַכט פאַר יעדען מאָל אַ נייעם נגון? דאָס איז שוין זיין מצוה! געוועזען! מען קומט צו אים, מען דערצעלט אים פון דער כּלה, פון איר משפּחה, פון שדוך, פון דלות... ער הערט שווייגענדיג, מיט פערמאַכטע אויגען, טיילמאָל פערשטעלט ער זיך דאָס פּנים מיט די הענט, און אַז מען ענדיגט, עס ווערט שטיל, הויבט אָן פדהצור צו ברומען אַ נגון...

דאָס אַלץ האָט חיימ׳ל געוואוסט, וואָס דען שטעהט ער מיט אָפענע מויל און אויערן?

ער האָט נאָך אַזאַ „פרעהליכס" נישט געהערט. עס לאַכט און וויינט צוזאַמען; עס פיהלט זיך אי צער, אי תענוג, הארץ-ווענה און גליק; אַלץ אויסגעמישט, צוזאַמענגעשמאָלצען... אַן אַמת׳ער יתומה׳ס א חתונה!

פלוצלונג איז ער אונטערגעשפּרונגען: ער האָט, וואָס ער דאַרף!

בורקפאָרענדיג פון בערדיטשעוו, האָט דער בעל-עגלה אויפגענומען פּאַרשוינען, חיים׳ל האָט אים נישט געוועהרט. און די פּאַרשוינען, און גראָד מבינים, האָבען דערצעלט, אַז אַזוי ווי זיי זענען אַריינגעפאָרען אין וואַלד, האָט חיים׳ל אָנגעהויבען צו זינגען.

געזונגען האָט ער פּדהצור׳ס „פּרעהליכס״; נאָר דערפון איז שוין געוואָרען גאָר אַן אַנדער זאַך, דער מזל-טוב פון הכנסת-כלה איז מגולגל געוואָרען אין אַן אמת׳ן „אל מלא רחמים״.

און אין מיטען שטילען געריש פון בוימער איז אַרויסגעשוואומען אַ שטילער, זיכער-שטילער נגון...

און דעם נגון, האָט זיך געדאַכט, האַלט-אונטער אַ גרויסע, נאָר אַ שטילע קאַפּעלע משוררים. דאָס האָבען געוויישט די בוימער אין וואַלד...

שטיל און האַרציג האָט זיך דער נגון געקלאָגט, געבעטען זיך רחמים, ווי אַ קראַנקער בעט אויף זיין לעבען...

דערנאָך הויבט דער נגון אָן צו זיפצען, צו בעטען זיך מיט קורצע אויסגעשרייען; מען פיהלט, אַז עמיץ קלאַפּט זיך אין האַרץ אַריין „על-חטא״—צי איז עס יום-כפור, צי זאָגט עמיץ ודוי?

נאָר העכער און אינאיינוועגס צובראָכענער ווערט דער קול; וואָס אַמאָל אָבגעריסענער, ווי פון טרערען דערשטיקט, ווי פון יסורים איבערגעהאַקט,—דערנאָך עטליכע טיפערע זיפצען, אַ שאַרפער אויסגעשריי! איינער... אַ צווייטער, און פלוצלונג ווייסט זיך עס אינגאַנצען אָב, שטיל,—עמיץ איז געשטאָרבען...

דער נגון וועקט זיך ווייטער אויף, און ער פאַלט שוין אַריין אין הייסע, ברענענדיגע געשרייען. און די געשרייען פליהען, יאָגען און פלאָנטערן זיך; עס ווערט אַ הימעלגעשריי, אַ יאָמער—ווי ביי אַ לויה!

און אין מיטען דער לויה שווימט-אַרויס אַ דין, ריין, קינדיש קול; איז עס נאַס, ציטערדיג און דערשראָקען.—

קדיש זאָגט אַ קינד!

און עס געהט-איבער אין אַ שטייגער: הוריות, דמיונות

טויזענדער געדאַנקען, וואָס געהען לאַנגזאַם איבער אין זיסע, באַרמ־האַרציג-זיסע מעלאָדיען... עס טרייסט, עס רעדט איין... און מיט אַזאַ גוטסקייט, מיט אַזאַ מסירת-נפש, מיט אַזאַ פעסטען גלויבען, אַז עס ווערט ווייטער גוט, ווייטער זיס; עס גלויבט זיך ווייטער צו לעבען, עס ווילט זיך לעבען, עס ווילט זיך האָפען!

אויסגעגאַנגען זענען שיער די מענשען.

—וואָס איז עס? פרעגען זיי.

—אַנ׳„אל מלא רחמים״, ענטפערט ר׳ חיים,—פאַר קאַצנער׳ס יתומה אַנ׳אל מלא רחמים!

—נישט כדאי אפילו, — ענטפערן זיי,— אַנ׳עבירה דער נגון, נאָר די וועלט וועט איר אָננעמען, ר׳ חיימ׳ל, די קיעווער לייט וועלען אויסגעהן...

די קיעווער לייט זענען נישט אויסגעגאַנגען.

ביי די קאַצנערס איז שוין קיין יודיש בעל-הבתי׳שע חתונה נישט געווען... און דער אל מלא רחמים האָט פאַר׳ן עולם נישט געפאַסט.

די קיעווער לייט וועלען בעסער מאַנצען מיט דאַמען, נאָך וואָס „שטייגער״? נאָך וואָס „מאָראַלישע״ זאַכען?

און גלאַט נאָך וועמען אנ׳אל מלא רחמים? נאָכ׳ן אַלטען קמצן?

דער אַלטער קמצן זאָל לעבען, וואָלט די כלה העלפט נדן נישט געהאַט, קיין אויסשטייער אַודאַי נישט. עס וואָלט די חתונה גאָר אנ׳אַנדער פנים געהאַט! זאָל ער היינט אויפשטעהן און זעהן דאָס ווייס-אַטלאַסענע קלייד מיט שפיצען, דעם שלייער; זאָל ער זעהן די ווייבען, די טאָרטען, די פישען און פליישען, אונטער וועלכע עס ברעכען זיך די טישען, — וואָלט ער דאָך נאָך אַמאָל געשטאָרבען און — שוין נישט אַזוי לייכט, ווי פריער!

און וואָס דאַרף מען די גאַנצע צערעמאָניע, די גאַנצע בעדעקענס... אַלטע נאַרישע מנהגים.

— געשווינטער! שרייט דער קיעווער עולם

דער אָרימער חיימ'ל! ער האָט אָבגעשטעלט די קאַפּעלע, מיט הארצקלאַפּען געצויגען דעם סמיטשיק איבער די סטרונעס... דער פראָסטער עולם האָט שוין אָנגעהויבען פינטלען מיט די אויגען, ביי טייל רינגען שוין טרערען, — און דאָ גיט איינער, אַ קיעווער, אַ געשריי:

— וואָס איז דאָ? אַ חתונה, צי אַ לויה?

און אָן חיימ'ל מאַכט זיך נישט הערענדיג און שפּילט ווייטער, הויבט ער אָן, דער קיעווער, צו פייפען...

און פייפען פייפט ער גראָר אויסגענומען־וואויל... ער האָט שוין געכאַפּט דעם נגון און פייפט אים כהויה! און פייפט, ווי'ס אַמאָל געשווינטער, אויסגעלאַסענער, ווילדער! און אַלץ דעם אייגענעם נגון...

די קאַפּעלע בלייבט שטיל. און עס הערט זיך גאָר אַ מלחמה צווישען דער מאָראַלישער פידעל מיט'ן עזות־מחוצפ'ען פייפען..

און דאָס פייפען איז גובר! עס יאָגט־אונטער דעם סמיטשיק! די פידעל וויינט שוין נישט, פריהער קרעכצט זי, דערנאָך הויבט זי אויך אָן צו לאַכען!

און פלוצים האָט חיים איבערגעהאַקט, מיט פערביסענע ליפּען און ווילד־ברענענדיגע אויגען, שפּרינגט ער איבער אויף אַ'נאַנדער סטרונע, און הויבט אָן נאָך געשווינטער צו שפּילען. איבעריאָגען וויל ער דאָס פייפען!

ניין, עס איז שוין קיין שפּילען נישט געוועזען! די פידעל וואַרפט־אַרויס פון זיך אָבגעריסענע געשרייען, געוואַלדיגע קולות... און זיי וואַרפען זיך, און דרעהען זיך אַרום, ווי אין אַ ווירבעלווינט, אַלץ אַרום, דאַכט זיך, טאַנצט: די שטוב, די קאַפּעלע, די געסט, די כלה אויף דער שטול, חיימ'ל אַליין מיט דער פידעל...

עס איז קיין פרעהליכס, קיין אל מלא רחמים, עס איז קיין שפּילען! אַ טאַנצענדיג־משוגעת איז עס, אַ ווילד־משונה'דיגער חולה־נופל, רחמנא־ליצלן...

און עס האָט אַזוי לאַנג געדויערט, ביז די סטרונע האָט געפּלאַצט.

— בראַוואָ, חיים׳ל, בראַוואָ! — האָבען די קיעווער לייט געשריען ...

צי האָבען זיי דערמיט דעם אַלטען קמצן אַ טובה געטאָן? אַז אסור!

אין עטליכע יאָר אַרום איז דער נגון, מן הסתם דורך איינעם פון די קיעווער לייט, אַריין אין טעאַטער!

וואָס איז אַזוינס טעאַטער? אַלטע משכּילים פלעגען גלויבען, אַז טעאַטער איז בעסער פאַר אַ מוסר ספר, שטאַרקער פאַר׳ן „ראשית חכמה", להבדיל! איר זאָגט אודאי, אַז טעאַטער איז טריף ווי חזיר ...

ביי אונז זאָגט מען, אַז עס ווענדט זיך אין דעם, וואָס מען שפּילט אין טעאַטער!

געוועזען איז עס שוין אין וואַרשוי ...

דאָס טעאַטער איז פול, קאָפּ אויף קאָפּ, די מוזיק הויבט אָן שפּילען.

וואָס שפּילט די מוזיק?

אַ געריוש, אַ מהומה שפּילט זי, — אַ דור הפלגה! חיים׳לס „אל מלא רחמים", נאָר אויפ׳ן אָרט פון וואָלאַך — אַ מהומה: די כּלים יאָגען זיך, טרייבען זיך און קנאַקען!

עס רודערט, עס קלאַפּט און עס פייפט... נישט עס דונערט, נישט הייזער פאַלען, גלאַט אַ געפּילדער! צי גליטשען זיך שדים אויפ׳ן ים הקרח, צי רייסען זיך טויזענדער חיות רעות פון גיהנם אַרויס? אַ ציטערניש נעמט דורך דאָס טעאַטער!

פּלוצים רייסט זיך אַריין דער באַס! מפלומר׳שט, אין כּעס איז ער! ער בייזערט זיך. וואָס איז דאָס? נאָר פאַלש! מען פיהלט, אַז ער בייזערט זיך נישט ערנסט, און אַ מאָדנע פייפערל שפּרינגט-אונטער, עס פליהט-דורך די קאַפּעלע מיט זיגזאַגען פון אַ בליץ און מיט אַ געלעכטער פון אַ׳אמת׳ן לץ: כאַ-כאַ-כאַ! כי-כי-כי! דער קלאַרנעט איילט זיך נאָך! און מעשים טוט ער, דער קלאַרנעט! להכעיס טוט ער, מען פיהלט בחוש דעם להכעיס!

און אַצינד ערשט שווימען-אַרויס דריי-פיר פידעל... און משונה-זיס שפּילען זיי, די פידעל, משונה-זיס, ווי די תּאווה אַליין, ווי דער יצר-הרע, ווען עס רינט אים האָניג פון מויל! און עס נאַרט זיך אַריין, דאָס שפּילען, אין די הערצער! עס פליסט אַריין, ווי אַ בוימאייל, און פער'שכור'ט, ווי אַלטער וויין!

אויפגעפלאַמט ווערט דאָס טעאַטער: די מיילער אָפען און די אויגען בליצען!

און דאָ הויבט זיך ערשט אויף דער פאָרהאַנג און עס בעווייזען זיך אנ'„ער" און אַ „זי" — אַ בן-מלך" מיט אַ „בת-מלכה", און זיי זינגען!

זיי זינגען מיט ווערטער, מיט פלאַמענדיגע ווערטער, ווי ברענענדיגע שלאַנגען פליהען זיי פון די מיילער אַרויס! און דאָס גיהנם ברענט זיי אויף די פּנים'ער; ווי די טייוולאָנים שפּרינגען זיי זיך אַקעגען! און דאָס האַלזען זיך, דאָס קושען זיך, דאָס זינגען און דאָס שפּרינגען — געהט אַלץ שנעלער און שנעל'ער און ווערט פייער-פלאַמענדיגער מיט יעדער רגע!

און אינ'ם פייער ברענט שוין דאָס גאַנצע טעאַטער, די גאַנצע גאַלעריע מיט זכרים און נקבות, מיט די דערהיצט-פער-שוויצטע פּנים'ער און ווילד-פלאַמענדינע אויגען... ווי אַ מבול האָט עס פערפלייצט!

און דאָס גאַנצע טעאַטער זינגט!

אַ ים פון ברענענדיגער תּאווה האָט זיך אויסגעגאָסען — אַ גיהנם ברענט! שדים טאַנצען, מלאכי-חבלה פירען אַ פייערדיג ראָד...

דאָס איז געוואָרען פון פדהצור'ס „הכנסת-כלה", דורך חיים'לס אל מלא רחמים, מיט'ן קיעווערס הילף!

נאָר פאַלען האָט קיין שיער נישט!

חרוב געוואָרען איז דאָס „יודישע" טעאַטער. די „בני-מלאָכים" זענען צוריק שוסטער און שניידער געוואָרען; די בת-מלכה'ס האָבען זיך צוריק געשטעלט צום קוימען. און מאַנכע פון

די טעאַטער-נגונים זענען מגולגל געוואָרען אין שאַרמאַנקעס ...

אונזער נגון איז שוין קוים צו דערקענען!

אנ׳אויסגעקראָכענער דיוואַן ליגט אויסגעשפּרייט אויף אַ הויף ... צוויי מענער אין ליבקאָליר מאַכען קונצען, צוזאַמען מיט אנ׳אויסגעדאַרט בלאַס מיידעלע, וואָס זיי האָבען ערגיץ גע׳גנב׳עט ...

איינער כאַפּט אַ לייטער אויף אַ צאָן. פייל פון בויגען לויפט דאָס מיידעלע אַרויף ביז׳ן העכסטען שטאַפּעל, און שפּרינגט פון דאָרטען אַראָב און בלייבט שטעהן אויפ׳ן צווייטענס אַקסעל! דער ערשטער דערלאַנגט איר דערווייל אין פּלייצע; זי מאַכט עטליכע קאָזיאָלקעס אין דער לופט און בלייבט שטעהן פאַר׳ן עולם אין הויף מיט אַנ׳אויסגעשפּרייטער האַנט און בעטעלט אַ נדבה!

עס איז אַ טעאַטער, נאָר אַ טעאַטער פאַר געמיינע לייט, פאַר משרתים און דינסטען!

אונטער׳ן הימעל שפּילט מען, קאָסט עס ביליג, קויפט מען קיין בילעטען נישט, וואַרפט מען צווייערס און דרייערס! און זי מאַכט עס אזוי קונציג, דאָס דאַרע מיידעלע!

דיקע טראָפּען שווייס רינען איר פון רויט-געמאָלטען פּנים, אין די איינגעפאַלענע אויגען ברענט אַ צער, — נאָר דאָס זעהט נישט דער עולם; זי אָטעמט שווער, דאָס הערט ער נישט! ער זעהט נאָר די שענע קונצען, ער הערט נאָר די שענע מוזיק פון שאַרמאַנקע!

און די נשמה אין דעם דאַרען גוף פון אָרימען, גע׳גנב׳עטען קינד, און דער אָרימער נגון אין דער הייזעריג-בלעכערנער שאַרמאַנקע, — ביידע קרעכצען, וויינען און צאַפּלען, ביידע בעטען זיך תקון ...

עס איז אָבער בעשערט געוועזען, אַז פּדהצור׳ס „הכנכת כלה" זאָל אויפגעריכט ווערען! געהענדיג פון הויז צו הויז, וואַנדערענדיג פון שטאָדט צו שטאָדט, האָבען די קונצענמאַכער

אַזוי לאַנג מיטגעשלעפּט דאָס אָרימע קינד, ביז עס איז, לא עליכם, קראַנק געוואָרען...

עס איז געוועזען אין ראדזיוויל, ביי דער גרענעץ. דאָרט האָבען זיי דאָס קראַנקע קינד איבערגעלאָזט אונטער אַ צוים און זענען די גרענעץ אַריבער. יאָג נאָך דעם ווינט אויפ'ן פעלד! האַלב נאַקעט, מיט בּרויגע-בלויע צייכען פון שלעג אויפ'ן לייב, איז עס געלעגען אין אַ היץ!

רחמנות'דיגע לייט האָבען דאָס קינד אויפגעהויבען און געטראָגען אין הקדש אַריין... אויסגעהאַלטען האָט דאָס קינד א טיפוס און אַרויס איז עס פון שפּיטאָל אַ בלינדע אויף ביידע אויגען!

און אַצונד בעטעלט דאָס אָרימע קינד. פון הויז צו הויז געהט עס, פון טיר צו טיר, און בעטעלט...

און כמעט זי רעדט גישט... זי קען מיט ווערטער נישט בעטלען... זי שטעלט זיך ערגיץ אָב, און וואַרט; דערזעהט מען זי נישט, הויבט זי אָן זינגען איר נגון, מען זאָל זי דערהערען... און דער נגון איז פון דער שאַרמאַנקע!

און וואָס זאָגט אַצונד דער נגון?

רחמים בעט ער זיך! רחמנות פאַר אַן'אומגליקליך קינד...

„שלעכטע מענשען האָבען מיך אַרויסגעגנב'עט פון אַ גוטען טאַטען, פון אַ האַרציגער מאַמען, פון אַ וואַרימער און זאַטער היים".

„מען האָט מיך אַרויסגעריסען פון אַלעם גוטען; אויסגעניצט און אַרויסגעוואָרפען, ווי אַ שאָל פון אַן'אויפגעגעסענער נוס!"

„רחמנות פאַר אַן'אָרים, אָרים קינד;"

און נאָך בעט זיך דער נגון:

„עס איז קאַלט און איך געה נאַקעט! הונגעריג בין איך אויך... און דעם קאָפּ, וואו אַנידערצולעגען, האָב איך אויך נישט. און בלינד בין איך דערצו!"

אַזוי האָט דער נגון געבעטען. און דאָס איז געוועזען זיין ערשטע מדרגה אַרויף — מען האָט דורך אים צדקה געגעבען!

אין ראַדזיוויל איז געווען אַ ייד אַ למדן... ער איז אַפילו קיין מתנגד נישט געווען, קיין חולק אודאַי נישט, נאָר ער האָט פשוט קיין צייט נישט געהאַט צו פאָרען... ער האָט די גמרא נישט פערמאַכט!

פאַר בטול תורה האָט ער מורא געהאַט.

מען זאָל אים אין בית-המדרש נישט מבטל זיין פון למוד, פלעגט ער זיצען און לערנען אין דערהיים; דאָס ווייב זיצט אַ גאַנצען טאָג אין קלייט, די קינדער — אין חדר.

עס פלעגט אים אַמאָל דורכפליהען אין קאָפּ אַ רעיון: אפשר פאָרען ערגיץ? דאָס האָט אים דער יצר-טוב, מן הסתם, אונטערגעזאָגט. וואָס טוט דער יצר-הרע? פערשטעלט ער זיך אין יצר-טוב און ענטפערט: מהיכא תיתי, אודאַי דאַרף מען אַמאָל פאָרען; נאָר עס איז נאָך צייט: מען דאַרף פריער ענדי-גען די מסכתא, יענע מסכתא... און אַזוי זענען אַוועק חדשים און יאָרען!

פון הימעל האָט מען אָבער, אַפּנים, געוואָלט, ער זאָל קומען צו ר' דוד'לען!

מאַכט זיך אַזאַ מעשה:

איינמאָל זיצט ער זיך, דער למדן, און לערנט, און דער-הערט אַ געזאַנג פאַר דער טיר; בייזערט ער זיך אויף זיך אַליין:

אַז מען זיצט און לערנט, דאַרף מען נישט הערען, וואָס אין גאַס, וואָס פאַר דער טיר טוט זיך; מען דאַרף בטול ווע-רען אין דער תורה.

ער הערט דאָך אָבער פאָרט; נעמט ער און פערשטאָפּט זיך מיט די פינגער די אויערן. דער נגון גנב'עט זיך אָבער פאָרט אַריין; אונטער די פינגער גנב'עט ער זיך. ווערט ער נאָך מער בייז, כאַפּט ער מיט כעס די לאַנגע באָרד אין מויל אַריין און, בייסענדיג די באָרד, לערנט ער ווייטער! מיט כח לערנט ער!

דער נגון לאָזט נישט אָב. ער הערט אים וואָס אַמאָל שאַרפער. אין מיטען דערפיהלט ער, אַז עס איז קול באשה —

אַ מיידעל זינגט! גיט ער שוין אַ געשריי-אַרויס אויף אַ קול: חצופה! אַוועק פון מיין הויז! געהט דער נגון אַוועק... נור אַ מעשה נורא — מען זינגט שוין נישט, און ער הערט ווייטער! דער נגון זינגט זיך אים אַליין אין אויער, אין דער נשמה! מיט כּח קוקט ער אין ספר אַריין, מיט כּח וויל ער זיך דורכנעמען מיט דער סוגיא, עס געהט נישט! דעם למדנ׳ס נשמה ווערט וואָס אַמאָל פולער און פולער מיט׳ן נגון...

פערמאַכט ער די גמרא און שטעלט זיך דאַוונען מנחה. —

ער קען אָבער נישט, נישט לערנען, נישט דאַוונען, גאָר-נישט! ווי אַ זילבערן גלעקעל קלינגט אין אים דער גנון! דער מענש האַלט עס נישט אויס! ער געהט ממש אויס פאַר צער! עס געהט אַוועק אַ טאָג, אַ צווייטער, אַ דריטער — ער פאַלט שיער נישט אין אַ מרה-שחורה אַריין... ער פאַסט תּענוֹתים — עס העלפט נישט! ער קען דעם נגון נישט פּטור ווערען! ער וועקט אים ביינאַכט פון שלאָף!

און דאָס איז אַ מענש, וואָס האָט, זייט ער לעבט, קיין מנחה פאַר אַנ׳עמוד נישט געדאַוונט; כמעט קיין קול נגינה פון זיך נישט אַרויסגעגעבען! שבּת פלעגט ער די זמירות אָבּ-זאָגען און אויפ׳ן אָרט פון זינגען — לערנען אַ בלאַט גמרא!

פערשטעהט ער דאָך, אַז עס איז נישט פּשוט!

„מעשה שטן״! טראַכט ער און פאַלט ביי זיך אָב גאָר אינגאַנצען.

דאַכט זיך, אַז אַצונד מוז מען שוין פאָרען?

פרעגט אָבער דער יצר הרע: יאָ פאָרען, נור וואו אַהין? צדיקים איז דאָ אַ סך, — וועלכער איז דער אמת׳ער צדיק. ביי וועמען קען מען באמת אַ פּעולה האָבען? הויבט אָן דער למדן צו קלערען

בעקומט ער נאָך אַ וואונק פון אויבען.

מאַכט זיך אַ מעשה און ר׳ דוד׳ל טאַלנער מוז עוקר זיין און פאָרען איבער ראַדזיוויל...

די מעשה פון דער מסורה ווייסט איר אַודאַי. און „גען זאָג איך אייך, אַז עס איז אַנ׳עונש געוועזען! מען האָט נישט גע-

דאַרפט אַרויס׳גנב׳ענען ר׳ דוד׳לען פון וואַסילקאָוו און פאַרען קיין טאַלנע; מען האָט נישט געדאַרפט מבייש זיין קיין שטאָדט! און חרב ונחרב איז דאָס וואַסילקאָוו, נעביך, געוואָרען!

די גאַסטהייזער האָט מען פערמאַכט; אַרום און אַרום די קרעטשמעס זענען בטל געוואָרען; עד ככר לחם זענען זיי, לא עליכם, געקומען...

נאַ דיר! מסר׳ט מען און טאַלנע ווערט אויך חרוב!

ר׳ דוד׳ל האָט געהאַט אַ גאָלדענע שטול, מיט אַנ׳אויס־געקריצטען פסוק: דוד מלך ישראל חי וקים! מאַכען מוסרים דערפון אַ פּאָליטיקע און עס שלאָגט אָן אין פעטערבורג...

מילא, מיר ווייסען, אַז עס איז געוועזען בבחינת: מאן מלכי רבנן... נאָר געה פערטייטש עס די גענעראַלען אין פעטערבורג!

הכלל, ר׳ דוד׳ל מוז עוקר זיין, האַלט ער, דורכפאָרענדיג, שבת אין ראַדזיוויל, און אונזער ראַדזיווילער למדן געהט למזל צום שלוש סעודות!

דער יצר־הרע גיט זיך אָבער נאָך נישט אונטער. ער קומט אַריין און זעהט אַ קליין יודעלע, טאַקי אַ פּיצעל יודעלע זיצט אויבען־אָן ביים טיש, מען זעהט נישט מער אַרויס נאָר אַ גרויס, גאָר אַ גרויס שטריימעל מיט זילבערנע האָר, וואָס פאַלען אים אויפ׳ן פנים! מען זיצט שוויינענדיג, מען זאָגט קיין תורה נישט... ענטפאַלט אים טאַקי, דעם למדן, דאָס האַרץ...

דאָס איז עס און גאָר? טראַכט ער, דער למדן.

נאָר ר׳ דוד׳ל האָט אים שוין דערזעהן און גיט אַ זאָג:

— זעץ דיך, למדן.

און באותו הרגע איז ער שוין צו זיך געקומען. ער האָט שוין געכאַפּט ר׳ דוד׳לס אַ בליק, עס האָט אים שוין אַ בריה געטאָן ביי דער נשמה!

איר האָט אַוודאי געהערט פון טאַלנערס אויגען! אין זיינס אַ בליק האָט געשטעקט אי שררות, אי קדושה, אי גבורה! וואָס איר ווילט האָט אין בליק געשטעקט!

און, אַז ר׳ דוד׳ל זאָגט: זעץ דיך, מאַכט מען שוין דעם למדן אַנ׳אָרט ביים טיש. זעצט ער זיך און וואַרט.

און אַז ר׳ דוד׳ל זאָגט ווייטער:

— מען איז מכבד דעם למדן מיט אַ נגון, ענטפאַלט אים די מוטערס מילך: ער — און אַ נגון...

נאָר עמיץ דערלאַנגט אים שוין אין פּלייצע: אַז ר׳ דוד׳ל הייסט, זינגט מען! מילא, זינגט ער!

און ער הויבט, נעבעך, אָן מיט אַ ציטער; און ער שטאַמעלט קוים אַרויס אַ התחלה פון אַ נגון. און וואָס וויל ער זינגען, דער למדן? מן הסתם דער יתומה׳ס נגון; קיין אַנדערן קען ער נישט! און ער ציטערט, און שטאַמעלט, און זינגט. און דער נגון ווערט שוין ווייטער אַנ׳אַנדערער! ער האָט שוין אַ ריח תורה, אַ יניקה פון קדושת שבת, מיט אַ הרהור תשובה פון אַ יוד אַ למדן... און, זינגענדיג, דערפיהלט ער, דער למדן, דעם נגון, און הויבט אָן וואָס אַ רגע בעסער און פרייער צו זינגען...

אין מיטען הויבט אָן ר׳ דוד׳ל, ווי זיין שטייגער פלעגט זיין, שטילערהייט אונטערצוברומען, דער עולם דערהערט און כאַפּט-אונטער. מיט׳ן עולם צוזאַמען צוהיצט זיך דער למדן אויך, ער קריגט אַ ברען; ער איז שוין גאָר אַרויס פון די כלים, — ער זינגט טאַקי

און דער נגון הויבט זיך אָן פלוצים צו גיסען ווי אַ „נהר-די-נור" — אַ פייערפלאַמענדיגער טייך... און די פאַליעס שלאָ-גען אַלץ ברייטער און העכער. אַלץ פייערדיגער און פלאַמענדיגער!

און עס ווערט דעם נגון שוין אייננ אין שטוב, און ער רייסט זיך דורך די פענסטער אין גאַס אַריין! און עס גיסט זיך אין גאַס אַריין אַ ים פון קדושה, פון פייערדיגער קדושה; און גבהל ונשתומם רופט דער עולם אין גאַס:

— דער יתומה׳ס נגון! דער יתומה׳ס נגון!

דער נגון האָט בעקומען תקון און דער למדן אויך!

פאַר׳ן אוועק[illegible]רען האָ[illegible] א[illegible] ר׳ דוד׳ל אַוועקגענומען אין אַ זייט און געזאָגט אַ פּאָר ווערטער.

— למדן — האָט ער אים געזאָגט — האָסט מבייש געוועזן אַ בת ישראל! דו ביזט אויפ׳ן שרש פון איר נגון קיין מבין נישט געוועזען! האָסט זי געררופען חצופה! —

— גיט מיר, רבי, אַ תשובה דערויף — בעט זיך דער למדן.

— נישט נויטיג. — מאַכט דער רבי, זכרונו לברכה — אויפ׳ן אָרט פון תשובה, טו בעסער אַ מצוה!

— וואָס פאַר אַ מצוה, רבי?

— מאַך דעם מיידעל חתונה. הכנסת כלה איז אַ גרויסע מצוה!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און צונד הערט די צווייטע זייט פון דער מעשה:

אין עטליכע יאָר שפּעטער, אַז דאָס מיידעל האָט שוין לאַנג חתונה געהאַט מיט אַנ׳אַלמן אַ סופר, איז מען ערשט געוואָר געוואָרען, פון וואַנען זי קומט אַרויס!

עס האָט זיך אויסגעוויזען, אַז דאָס מיידעל איז דעם אַלטען קאַנצערס אַנ׳אייניקעל! און די מעשה איז אַזוי געווען:

דער איידעם זיינער, דער קיעווער, איז זיך אַמאָל געגאַנגען מיט׳ן ווייב אין טעאַטער אַריין אויף אַ גאַנצען אָוונד. און טאַקי דעם אָוונד האָט מען זיי אַוועקגע׳גנב׳ט דאָס איינציגע קינד...

נאָר אָבגעבען זיי די טאָכטער האָט מען שוין נישט געקאָנט...

די מוטער האָט שוין לאַנג נישט געלעבט און דער פאָטער איז שוין לאַנג געוועזען אין אַמעריקע...

ד. פרישמאַן

געגעסען

קליינער נאטיץ.

דוד פרישמאן איז געבוירען געווארען דעם 18 דעצעמבער 1865(?) אין זגערזש, ווארשויער גוב. צוערשט איז ער אויפגעטראטען אין דער העברעאישער ליטעראטור, וואו ער פערנעמט זעהר א בעדייטענד ארט, און שפעטער אין דער יודישער. זיינע לידער און דערצעלונגען זענען דורכגעוועבט מיט א בעזונדער צארטקייט און צייכענען זיך אויס מיט אנ'איידעלען לירישען טאן. אבער בעזונדערם איז ער שטארק אין זיינע פעליעטאנען, וואס זענען פול סארקאזם און שארפזין און האבען, לויט זייער פארם, לויט זייער געשליפענעם זאץ, קיין גלייכען נישט צו זיך אין דער יודישער ליטעראטור. נאר דער טייוועל אין פרישמאנ'ען האט טיילמאל א טרער אין אויג, און דיזאזיגע פעליעטאנען קאנען אויך נישט בעפרייט ווערען פון יענעם פיינעם ליריזם, וואס איז אזוי כאראקטעריסטיש פאר פרישמאנ'ם שאפען

דוד פרישמאַן

געגעסען.

אַ מעשה פון דריי, וואָס האָבען געגעסען.

נישט אין אַנ׳איינפאַכען געווענליכען טאָג האָבען זיי געגעסען, נאָר אין יום-כפור; נישט בעהאַלטענערהייט, וואו קיינער זעהט נישט, נאָר עפענטליך, אין דער גרויסער שוהל, פאַר דעם גאַנצען עולם; און נישט עפּיס פּראָסטע גאַסענמענשען זענען עס געוועזען, וואָס קיינער קען זיי נישט און קיינער ווייס זיי נישט, נאָר די גרעסטע חשובים. די אָנגעזעהענסטע, די גרעסטע לייט פון שטאָדט: דער רב און די ביידע דינים—און פאָרט זענען זיי געבליבען אויך ווייטער, נאָך דער מעשה פונ׳ם עסען, די גרעסטע חשובים פון דער שטאָדט, און גאַנץ קהל האָט אויף זיי געקוקט, ווי מען קוקט אויף הייליגע...

עפּעס אַ מערקווירדיגע מעשה!

איך בין געוועזען דענסטמאָל נאָך אַ קליין קינד און האָב נישט רעכט פערשטאַנען, וואָס עס טוט זיך; אָבער געפיהלט האָב איך פאָרט שוין, אַז דאָ ווערט עפּיס אַ גרויסע זאַך געטאָן.

יאָ, עס זענען דענסטמאָל געווען ביטערע, פינסטערע טעג, ווי קיינמאָל נישט צופאָר און קיינמאָל נישט דערנאָך. אַנ׳אומגליק איז געווען פון הימעל געקומען — צום ערשטען איז עס געקומען — און גערופען האָט מען עס מיט דעם נאָמען: כאָלערע!...

פון ווייטע לענדער, פון אַזיען, איז זי געקומען צו פאָרען, צו אונז, צו אונזער קליין שטעדטעל איז זי דערגאַנגען. אין דער גאַס האָט זי געאַרבייט אומדערבאַרמלעך און אין די הייזער האָט זי געשטיקט אָהן אַנ׳אויפהער. שטיל האָט זי זיך געשלעפּט דורך די נעכט און אומגעזעהן דעם העלען ליכטיגען טאָג. ווער קען צעלען די טויטע, וועלכע זענען געפאַלען יענע טעג? ווער קען זיי אָנרופען ביי די נעמען און ווער ווייס דעם חשבון פון די פרישע בערגלעך, פון די נייע קברים?...

איבערהויפּט האָט די מגפה מעשים געאַרבייט אין דער יודישער גאַס. ווי די פליגען זענען דאָרט געפאַלען, יונג און אַלט, קליין און גרויס. עס איז נישט געווען קיין הויז, וואו דאָרטען זאָל נישט זיין כאָטש עטליכע טויטע.

אויבען, אין דעם דאַכשטיבעל, איבער דער וואוינונג פון מיינע עטערן, זענען געפאַלען אין איין טאָג ניין נפשות; אונטען, אין דער קעלערשטוב, אונטער אונז, איז געשטאָרבען אַ מאַמע מיט פיר קינדערלעך, און אין דעם הויז אַקעגען האָבען מיר געהערט די גאַנצע נאַכט נאָר אַ קרעכצען און אינדערפריה האָבען מיר זיך דערוואוסט, אַז עס איז דאָרט קיין איינציגער מענש נישט געבליבען לעבען...

און די מתעסקים זענען אָבגעשטאַנען און די מקברים זענען מיד געוואָרען און האָבען נישט מער געקענט די אַרבייט ביי-קומען. ווי זאַמד זענען די טויטע געלעגען אויף דער ערד, אַ גוף נעבען אַ גוף, און קיינעם האָט עס נישט מער געאַרט. וואָס האָט דענסטמאָל שוין אַ מענש אויסגעמאַכט? ווער האָט דענסטמאָל גאָר געקוקט דערויף?

און אַזוי איז אַוועק דער זומער, אַלע מאָל ווייטער, און דערנאָך זענען געקומען די הייליגע טעג, און נאָך זיי—דער הייליגסטער טאָג פון אַלע, דער יום-כפור.

און דאָס איז דער טאָג, וועלכען איך וועל שוין קיינמאָל נישט פערגעסען אַזוי לאַנג, ווי איך וועל לעבען, און ווען איך זאָל אפילו אַזוי אַלט ווערען, ווי מתושלח!

אָט איז דער כל-נדרי...

פאַר׳ן עמוד ביים אָרון-קודש שטעהט דאָסמאָל נישט דער חזן מיט צוויי חשוב׳ע בעלי-בתים, ווי דער מנהג איז פון קדמונים, נאָר עס שטעהט דער רב מיט זיינעביידע דינים. אַרום און אַרום ברענען די ליכט, און ברענענדיג קנאַקען די פלאַמען פאַמעליך. דער עולם שטעהט צו דער וואַנט צו, איינ- געהילט אין די טליתים און אין די ווייסע קיטלען, מיט ווייסע יאַרמאָלקעס און ווייסע גאַרטלען, אויף די ווענט פליסען די שאָטענס אַהין און אַהער און שאָקלען זיך אָהן אַנ׳אויפהער, און פיל שטעהען און קוקען אָן די שאָטענס אויף די וואַנט. זענען עס אפשר די שאָטענס פון די טויטע, וועלכע זענען היינט, וועלכע זענען נעכטען, וועלכע זענען אייערנעכטען גע- שטאָרבען? שאָקלען זיי זיך דאָ אויף די ווענט? קענען זיי נישט איינרוהען אין זייערע קברים און זענען דאָ אַהער געקומען?...

שטיל! דעם רב׳ס קול הערט זיך איצט, און דערנאָך דאָס קול פון די דינים — און דערנאָך ציטערט עס, ווי אַ קרעכץ, דורך דעם גאַנצען עולם.

און נאָך דעם קרעכץ הערען זיך ווערטער. אָ! מען זאָגט: „על דעת המקום ועל דעת הקהל — מיט גאָט׳ס דעה און מיט קהל׳ס דעה זענען מיר מתיר צו דאַוונען איצט מיט אַלע בעלי-עברה׳ס צוזאַמען!“

און איך האָרך און האָרך. צו וואָס רעדט דאָס דער רב אַזעלכע רייד? וואו זענען דאָס היינט פאַראַנען בעלי-עברה׳- ניקעס? צו וואָס דערמאָנט ער גאָר היינט אַזאַ וואָרט? האָט ער נישט מורא פאַר דעם שטן היינט אַזעלכעס צו דערמאָנען, היינט, אין אַזאַ צייט, אין אַזאַ ביטערע, אומגליקליכע, פינסטערער צייט?...

און אַ מורא, אַ פינסטערע, וויסטע מורא פאַלט אָן אויף מיר פלוצלונג, און איך מיין, אַז דיזעלביגע מורא פאַלט-אָן בזה הרגע אויף אַלעמען, וואָס זענען דאָ אין שוהל, אויף אַלט און יונג...

און פלוצלונג דערזעה איך, ווי דער רב געהט אַרויף אויף דעם באַלעמער.

וועט ער היינט זאָגען אַ דרשה? וויל ער דעם עולם טרייסטען און שטאַרקען?...

אָבער איך הער, אַז ער זאָגט נישט קיין דרשה. עפּיס נייעס איז עס, אַ נייער מנהג, וועלכער איז פריער גאָרנישט בעקאַנט געווען: ער שטעהט און איז מזכיר-נשמות אַלע טויטע, וועלכע זענען געשטאָרבען אין דער לעצטער צייט, אין די לעצטע טעג. אַך, גרויסער גאָט! ווי לאַנג איז די מאָס פונ'ם דאָזיגען צעטעל, ווי גרויס איז די צאָל פון די נעמען, וועלכע ער דערמאָנט איצט! די מינוטען שווינדען, אַ מינוט נאָך אַ מינוט, און דער רב האַלט אַלץ נאָך נישט ביים סוף. וועט גאָר קיינ-מאָל נישט אויפהערען די לאַנגע רשימה? וועט שוין דאָס אייביג, אייביג דויער'ן?...

און פּלוצלונג פאַלט מיר איין, אַז דער רב וואָלט טויזענד מאָל גלייכער טאָן, ווען ער זאָל אויסרעכנען די לעבעדיגע, וועלכע לעבען נאָך—דען זיי זענען דאָך שוין אַזוי ווינציג, אַזוי קנאַפּ, אַז אין אַ פּאָר מינוט קען מען פאַרטיג זיין מיט זייער אויסרעכענען, ווערענד די רשימה פון די געשטאָרבענע איז אַזוי לאַנג, אַז זי נעמט קיינמאָל נישט קיין סוף.

און יענעם אָוועגד וועל איך קיינמאָל נישט פערגעסען, און דאָס דאַווענען דענסטמאָל וועל איך אייביג געדענקען! אַך, עס איז דאָך גאָר קיין דאַווענען נישט געווען, נאָר אַ קרעכץ, אַ גרוי-סער לאַנגער קרעכץ, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסען פון דער טיפעניש פון האַרץ, אום צו שטייגען ביז צו די וואָלקענס און דורכצולעכערן די הימלען! נאָך קיינמאָל נישט האָבען יודען גע-דאַווענט מיט אַ מער-צובראָכען און צוריסען האַרץ, נאָך קיינ-מאָל נישט האָבען געברענט הייסערע טרערען אין מענשענ'ס אויגען..

אין יענער נאַכט האָט קיינער מער פערלאָזט די שוהל. נאָך דעם דאַווענען האָט מען געזאָגט שירי-היחוד, און נאָך די שירי-היחוד האָט מען זיך גענומען צו תהלים-זאָגען, און נאָך דעם תהלים—צו די משניות'ן, און נאָך דעם משניות-לערנען האָט מען זיך גענומען צו די אַנדערע הייליגע ספרים.

איך שטעה בײנאַכט אין שוהל און איך פיהל, װי עס לאָזען זיך אַראָב אויף מיר עפּיס װי כמאַרעס, און אַ טומאַן לעגט זיך מיר אויף די אויגען און מאַכט מיך בעטויבט. עס רוישט אין מיר עפּיס און איך װייס נישט—װאָס.

„ומלאכים יחפזון, חיל ורעדה יאחזון — און מלאכים פלאַ־טערען, און שרעק און ציטערן כאַפּט אַלע אָן". פּלוצלונג מיין איך, אַז איך זעה זיי אַלעמען דורך די כמאַרעס און דורך דעם טומאַן, און די מלאכים שטייגען אַרויף און אַראָב, אַרויף און אַראָב...

און צווישען זיי דערזעה איך פּלוצלונג אויף דעם פינ־סטערן, דעם שוואַרצען מלאך, מיט די אויגען אָהן אַ צאָל, פון קאָפּ ביז צו די פיס איז ער פול מיט אויגען—אָך, די אויגען, די אויגען...

אין יענער נאַכט האָט קיינער נישט פערלאָזט די שוהל — און פּאָרט האָ־ען איינדערפריה עטליכע געפעלט אַרויס פון דעם און נישט מער אויפגעשטאַנען, זיי זענען געשטאָרבען אין דער מנין. צוויי זענען דענסטמאָל בײנאַכט פּלוצלונג אַנידער־געפאַלען אין שוהל, צווישען דעם גאַנצען עולם, נאָך איינגע־הילט אין די טליתים מיט די קיטלען אַזוי, אַז זיי האָט שוין כמעט גאָרנישט געפעלט, אום אַריבערצופאָרען פונ׳ם לעבען אין דעם טויט אַריין...

און אויס דער יודישער גאַס קומען אָן נאַכריכטען אין שוהל אַריין, — נאַכריכטען, װי נאָך קיינמאָל נישט צופאָר און קיינמאָל נישט דערנאָך. אָבער אין דער שוהל הערט קיינער נישט און פרעגט קיינער נישט און קיינער איז נישט נייגעריג, יעדער איינציגער האָט מורא צו הערען, יעדער איינציגער האָט מורא צו װיסען, װאָס עס טוט זיך ביי אים אין דער־היים...

און יענע נאַכט װעל איך קיינמאָל נישט פערגעסען, און װען איך זאָל אפילו גרייז־גרוי װערען און װען איך זאָל לעבען אפילו אַזוי לאַנג װי מתושלח! און פּאָרט אָבער איז טויזענד מאָל פירכטערליכער געװען דער טאָג דערויף, דער יום־כפור...

פירכטערליך איז געווען דער דאָזיגער טאָג, און פירכ-טערליך אַלעס, וואָס איך האָב געזעהן און וואָס איך האָב גע-הערט אין יענעם טאָג.

און נאָך היינט, ווען איך פערמאַך אויף איין מינוט מיינע אויגען, זעה איך פאַר מיר יענע סצענע, וואָס איך האָב דענסט-מאָל געזעהן, און אָפטמאָל מיין איך, אַז איך שטעה נאָך יעצט אין דער שוהל דאָרט, צווישען עולם...

אָט איז יום-כפור נאָכמיטאָג.

אויף דעם באַלעמער אין שוהל שטעהט דער רב מיט הויך געשטאַלט, און זיין קאָפּ האַלט ער האַלב פעררייסען.

ליגט אַ בעהאַלטענער כשוף אין דעם פּנים פון דעם דאָזיגען מענשען? איז עפּיס אַ בעזונדערע מאַכט אין זיין גע-שטאַלט פאַראַנען, וועלכע ציהט-צו צו זיך יעדעס אויג?

אין דעם ווינקעל שטעהט דאָס יונגעלע — איך אַליין בין עס — און זיינע אויגען זענען צו יענעם מענשען, ווי צוגעקלעפּט, און ער קען זיי פון אים נישט אַראָבנעמען...

אמת, אַזאַ הדרת פּנים, אַזאַ שענקייט, אַזאַ ליכטיגע געט-ליכע געשטאַלט האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געזעהן! דער רב איז דאָך אַלט, אַן אַלטער גרייז-גרויער מאַן, אפשר אַכציג אָדער עטליכע און אַכציג יאָר אַלט, און פאָרט איז זיין געשטאַלט אַזוי פּראַכטפול און אַזוי גלייך און הויך, אַז ער גרייכט אַריבער איבער יעדען אין גאַנצען עולם. זיין באָרד איז ווייס, ווי זילבער ווייס, און נאָר די געדיכטע האָר פון׳ם קאָפּ זענען ווייסער, ווי דער געפאַלענער שניי ווייס. אויך זיין פּנים איז ווייס אַזוי, אַז מען קען עס קוים אָבשיידען פון זיין ווייסען קיטעל, און ווייס זענען דאָסמאָל אויך די ליפּען, און נאָר די אויגען, די גרויסע ברענענדיגע אויגען זענען שוואַרץ, ווי אַ סאַמעט שוואַרץ, און זיי לייכטען און גלאַנצען, גאָרנישט ווי די אויגען פון אַן׳אַלטען מאַן.

פון מיין פריערסטער קינדהייט אָן בין איך געוועגט גע-וואָרען דעם דאָזיגען מענש צו ערען און צו אַכטען און נאָך אַ קינד זענענדיג, האָב איך געוואוסט, אַז דאָס איז אַ הייליגער

געטליכער מאַן, אַ גאון עולם, וואָס אַלעס וואָרט אויף זיינס אַ וואָרט און וואָס רבנים מופלגים פון דער גאַנצער וועלט קוקען אים אין מויל אַריין. איך האָב אויך געוואוסט פון תמיד אָן, אַז דאָס איז אַ גדול אַ מקיל, אַ גאון, וואָס זוכט צו אַלצדינג רק אַ היתר, און דאָס אַלע רבנים בויגען זיך פאַר איהם און זיין וואָרט און זיין פסק איז פאַר דער גאַנצער וועלט תורת משה.

און אויך היינט זעה איך נאָך פאַר מיר די גאַנצע ער-האַבענע, פירכטערליכע סצענע, פונקט ווי איך האָב זי געזעהן אין יענעם טאָג, בשעת איך בין געשטאַנען צווישען עולם אין דער שוהל!

אויף דעם באַלעמער שטעהט דער רב און זיינע ברענענ-דיגע שוואַרצע אויגען לייכטען און גלאַנצען-אַרויס פון דעם ווייסען בלאַסען פנים, וואָס איז אַריינגעריינגעלט אין די ווייסע האָר מיט דער ווייסער באָרד. מוסף איז שוין לאַנג אָבגעדאַווענט, און דער עולם שטעהט און שווייגט און וואַרט אויף דעם, וואָס דער געטליכער מאַן וועט רייד'ען. קיינער וואַגט זיך נישט אפילו דעם אָטעם, הערענדיג, צו ציהען.

און דער רב רעדט...

זיין שוואַך, נידריג קול ווערט וואָס אַ מאָל שטאַרקער, וואָס אַ מאָל העכער, ביז עס ווערט הויך און שטאַרק, ווי איך האָב עס נישט געהערט נאָך קיינמאָל נישט ביי אים. ער שטעהט און רעדט פון דער קדושה פון אַ יום-טוב און פון דער כונה, וואָס דער נותן-התורה האָט דערביי געהאַט; ער רעדט פון לעבען און שטאַרבען און פון די לעבעדיגע און טויטע. איבער-הויפט האָט ער לאַנג גערעדט פון די טויטע. און פון דער גרויסער מגפה, וואָס איז אַריינגעקראָכען ווי אַ רייסענדיגער שטראָם, פלוצלונג, שרעקליך, פירכטערליך, און זי רויבט און זאָגט נישט גענוג, עסט און ווערט נישט זאַט, טרינקט און שטילט נישט איר דאָרשט—ווי לאַנג, ווי לאַנג-זשע נאָך?

זיינע בלייכע באַקען רויטלען זיך ביסלעכווייז, זיינע בלויע ליפען פאַרבען זיך וואָס אַמאָל רויטליכער, און פלוצלינג הער איך ווי ער זאָגט—: „ובשעה שאדם רואה יסורין באין עליו—

און זעהט דער מענש, עס קומען אויף אים יסורים, דאָ איז ער מחויב בודק צו זיין און משפש צו זיין אין זיינע מעשים״— און נישט נאָר בנוגע צו די מעשים צווישען זיך און גאָט, נאָר אפילו בנוגע צו די מעשים צווישען זיך און זיין אייגען נפש; און נישט נאָר בנוגע צו די מעשים צווישען זיך און זיין נפש, אלא אפילו בנוגע צו די מעשים צווישען זיך און זיין אייגענעם גוף, צווישען זיך און זיין אייגען פלייש, צווישען זיך און זיין טעגליך לעבען...

איך בין דענסטמאָל געוועזען נאָך אַ קינד גאָר—אָבער איך געדענק, אַז ווי איך האָב דערהערט די דאָזיגע ווערטער, איז מיר פלוצלונג געוואָרען קאַלט און וואַרים. איך האָב פלוצלונג פערשטאַנען, איך האָב פלוצלונג געפיהלט, וואָס ער רעדט...

און ער שטעהט נאָך אַלץ און רעדט. ער רעדט פון די ריינליכקייט, וואָס דערהאַלט דעם מענשענס לעבען, און פון די שמוציגקייט, וואָס ברענגט-אַוועק דעם מענשען פון דער וועלט; ער רעדט פון הונגער און דאָרשט, און אַז הונגער און דאָרשט זענען די שלעכטע מלאכים, וועלכע ברענגען אַוועק דעם מענשען פון דער וועלט, בשעת עס קומט אַ מגפה, בכדי צו טויטען און אומצוברענגען, אומצוברענגען און אויסצוראָטען...

און דאַן הער איך ווי ער זאָגט: „אין דער הייליגער גמרא שטעהט: „וחי בהם ולא שימות בהם, איז דער טייטש: לעבען זאָל מען דורך זיי, דורך די מצוות, אָבער נישט שטאַרבען דורך זיי!״ און ווידער זאָגען די הייליגע חכמים: „משום עת לעשות הפרו תורתך, אַמאָל מאַכט זיך אַ צייט, אַז עס איז פראָסט אַ מצוה, אַ זאַך פון דער תורה מבטל צו זיין!״—טייל-מאָל איז פאַראַנען, אַז אַ מענש מעג צושטערן תורה כולה, אַבי דאַדורך צו דערהאַלטען אַ גאַנצע וועלט מיט לעבען!...״

איך שטעה און אַלע מיינע ביינער פלאַטערן אין מיר.— וואָס וויל דער רב דען האָבען? וואו-אַהין צילען זיינע ווער-טער? וועלכען פונקט שטרעבט ער צו דערגרייכען?...

און פלוצלונג הער איך אַ געוויין, און מיר ווערט אַזוי וואַרים און אַזוי וויך ביי דער נשמה. פאַרוואָס-זשע ווייגט

ער? — פאַרוואָס-זשע וויינט ער?...

און ווי איך שטעה דאָרט אין ווינקעלע, ציטערענדיג און פלאַטערענדיג, הויב איך אָן אַליין צו וויינען און די טרערען גיסען זיך.

און נאָך היינט, ווען איך פערמאַך די אויגען אויף איין מינוט, זעה איך אים נאָך שטעהענדיג דאָרט, אויבען, אויפ'ן באַלעמער. איך זעה אויך, ווי ער שטרעקט אויס די האַנט און ווינקט צו די דינים, און אויך ביידע דינים זעה איך, ווי זיי געהען צו אים אַרויף אויף דעם באַלעמער.

און אַלע דריי שטעהען זיי דאָרט, אויף דעם באַלעמער, דער רב, דער העכסטער פון אַלע, און ביידע דינים, די נידעריגערע פון אים, איינער פון זיין רעכטער און איינער פון זיין לינקער זייט.

וואָס עפּיס רוימט זיי אַיין דער רב איצט אין זייערע אוירען? פאַרוואָס עפּיס איז זייער פּנים געוואָרען פּלוצלונג בלייך, ווי קרייד?

און פּלוצלונג הער איך ווערטער און פערשטעה זיי נישט.

די ווערטער גרייכען בלויז ביז צו די אוירען, און אין האַרץ אַריין דערלאַנגען זיי נישט. און פּאָרט זענען די ווערטער אַזוי קלאָר און אַזוי דייטליך פון אַלע דריי מיילער אַרויסגעקומען!

און, ווי אַ רייסענדיגער קרעכץ, צוקט עס דורך דעם גאַנצען עולם, פון דעם באַלעמער ביז צו די פיר ווינקעלעך — און נאָך דעם קרעכץ הערען זיך ווערטער:

„על דעת המקום ועל דעת הקהל — מיט גאָט'ס דעה און מיט קהל'ס דעה זענען מיר מתיר צו עסען און צו טרינקען היינט!" —

אַ פירכטערליכע שטילקייט, אַ טויט-שטילקייט הערשט אין דער גאַנצער שוהל. עס ריהרט זיך קיינער נישט. עס ציהט קיינער נישט קיין אָטעם.

אין ווינקעל פון דער שוהל שטעה איך נאָך אויף מיין אָרט און איך הער דייטליך, ווי מיין האַרץ קלאַפּט אין מיר: איינס, איינס און צוויי — און פּלוצלונג פאַלט אויף מיר אָן אַ

פינסטערע, פירכטערליכע מורא.

אויף די ווענט שווימען די שאָטענס אַהין און אַהער — און איך זעה צווישען די שאָטענס—די טויטע, וואָס זענען געכטען, די, וואָס זענען איירנעכטען, און די, וואָס זענען פאָר-אייער-נעכטען געשטאָרבען: אַ גרויסע שרעקליכע מחנה, אַ גרויסע שרעקליכע עדה...

און פלוצלונג פערשטעה איך קלאָר און דייטליך, וואָס דער רב פערלאַנגט דאָ פון אונז. דער רב פערלאַנגט פון אונז, אַז מיר זאָלען עסען היינט; דער רב פערלאַנגט, אַז יודען זאָלען עסען אום יום-כפור און זאָלען נישט פאַסטען — וועגען דער מגפה... וועגען דער מגפה... וועגען דער מ ג פ ה...

און איך שטעה און הויב פלוצלונג אָן הויך און שטאַרק צו וויינען.

און וואונדערליך איז עס! נישט איך אַליין שטעה דאָ אין דער שוהל און ווין, נאָר פילע-פילע שטעהן און וויינען הויך און שטאַרק. אויף די דריי דאָרט, אויף דעם באַלעמער, שטעהען און וויינען, און דער העכסטער פון זיי שטעהט און וויינט, ווי אַ קליין קינד.

און, ווי אַ קליין קינד, בעט ער זיך, און זיינע ווערטער זענען אַזוי ווייך, אַזוי ווייך. טיילמאָל נאָר קומען די טרערען און שטיקען אים די ווערטער אין האַלז. — „עסען! געהט עסען! די צייט איז אַזעלכע! עס מאַכט זיך אַמאָל אַ צייט, אַז עס איז פראָסט אַ מצוה, אַ זאַך פון דער תורה מבטל צו זיין! לעבען זאָל מען דורך זיי, דורך די מצוות, אָבער נישט שטאַרבען דורך זיי!"

אָבער אין דער שוהל ריהרט זיך נישט קיינער פונ׳ם אָרט.

און ער שטעהט נאָך אַלץ און בעט זיך. ער זאָגט, ער נעמט אויף זיך די גרויסע עבירה פון עסען אום יום-כפור; זיי אָבער וועלען אַלע ריין זיין פאַר גאָט, אָהן אַנ׳עבירה, אָהן אַ זינד.

אָבער אין דער שוהל רירט זיך נישט קיינער פונ׳ם אָרט.

און פלוצלונג ענדערט זיך זיין קול. ער בעט זיך נישט מער, נאָר ער בעפעלט: „איך בין מתיר! איך! איך!"—

ווי פיילען, פליהען די ווערטער, ווי דונערס שלאָגען זיי איין .

און דער עולם הערט—עס ריהרט זיך אָבער קיינער נישט פונ׳ם אָרט .

און דאָ הויבט ער ווידער אָן מיט זיין ערשטען קול, ער בעט זיך און וויינט, ווי אַ קליין קינד: „וואָס האָט איר זיך אַלע געבונטעוועט געגען מיר? פאַרוואָס ווילט איר דוקא טרייבען מיך ביז צום דעם גויטוועגדיגסטען? איז אייך דען ווייניג, וואָס איך האָב שוין אַלעס הייגט איבערגעליטען פון דערפריה ביז יעצט?"...

אויך די דינים הערפען אים אונטער און בעטען זיך ביי דעם עולם .

און פלוצלונג איז דאָס פנים פון דעם געטליכען מאַן נאָך בלייכער געוואָרען, ווי פריער. טיעף זינקט זיין קאָפּ אַראָב אויף זיין ברוסט אַ מינוט לאַנג — און אַ קרעכץ, אַ טיפער, האַרץ-צו-רייסענדער קרעכץ הערט זיך פון איין עק שוהל ביז צום אַנדערן עק, און נאָכ׳ן קרעכץ הערט זיך ווי אַ מורמלען: „גאָט׳ס ווילען איז עס" ,-זאָגט ער מיט אַ טרוקענער שטימע, און עס האָט אַ פנים, ווי ער וואָלט ריידען צו זיך גאָר אַליין — „צוויי-אונאַכציג יאָר בין איך אַלט און בין קיינמאָל נאָך נישט דער-צו געבראַכט געוואָרען , אויף אַ דין עובר צו זיין בידיעה. אָבער אויך דאָס איז אַ דין, אַ מצוה איז עס, אַ תורה איז עס. ווי עס ווייזט זיך אויס, איז עס גאָט׳ס ווילען אַזוי, איך זאָל נישט שטאַרבען פריער, ביז איך וועל נישט אויך אַ זעלכעס מקיים זיין!"

און שטיל איז געווען אַ מינוט לאַנג, שטיל ווי אויף אַ בית-עלמין .

און פלוצלונג הערט זיך די שטימע פונ׳ם רב, ווי ער רופט: „שמש!"

און דער שמש געהט אַרויף, און דער רב רוימט אים אייַן עפּיס אין אויער . דערנאָך איבעררעדט ער שטילערהייט עפּיס אויך מיט די דינים, די דינים שאָקלען אים צו מיט די קעפּ, ווי זיי וואָלטען אים מסכים זיין צו עפּיס . דערווייל איז

דער שמש צוריקגעקומען פונ׳ם רב׳ס וואוינונג אינ׳ם הויף און האָט מיטגעבראַכט אַ פלעשעל ווין און גלעזלעך מיט אַ פּאָר שטיקלעך לעקעך .

און ווען איך זאָל גרייז-גרוי אַלט ווערען , און ווען איך זאָל לעבען אַזוי לאַנג ווי מתושלח—יענעם טאָג און יענע ער-האַבענע סצענע וועל איך קיינמאָל , קיינמאָל נישט פערגעסען מער . נאָך איצט , ווען איך פערמאַך מיינע אויגען אַ מינוט לאַנג, זעה איך זיי נאָך פּאַר מיר : די דריי , וואָס האָבען געגעסען . דריי גרויסע , הייליגע מענער שטעהען אויף דעם באַלעמער אין שוהל און עסען אום יום-כפור פאַר דעם גאַנצען עולם ...

אָך , ה ע ל ד ע ן זענען זיי געווען ... ווער קען וויסען , ווי שווער עס איז געווען די מלחמה אין דער טיפעניש פון זייער האַרץ ? ווער קען וויסען, וואָס זיי האָבען דענסטמאָל איבערגע-ליטען און איבערגעטראָגען ? ...

„איר האָט עס דוקא פון מיר געוואָלט—און איך האָב עס געטאָן” . זאָגט דער רב יעצט און זיין ?טמע איז קלאָר און פעסט און ציטערט נישט מער ביים ריידען — גאָט׳ס נאָמען זאָל זיין געבענשט !”

און פילע פונ׳ם עולם עסען איצט , עסען און וויינען...

און גאַנצע טייכען ליכט ברעכען זיך אַרויס פון די דאָזיגע ערינערונגען און גיסען און פלייצען און ציהען זיך אַהער ביז צו דעם טישעל און ביז אויף דעם פּאַפּיר , אויף וועלכען איך שרייב די דאָזיגע מעשה ...

*

*

נאָך דריי קען איך , וואָס האָבען דענסטמאָל געגעסען .

אין דערזעלביגער שעה , וואָס מיין אויג האָט געזעהן אין שוהל יענע גרויסע און ערהאַבענע סצענע זענען דריי אַנדערע מיני מענשען געזעסען אין אַ הויז, פונקט אַנטקעגען, און האָבען אויך געגעסען . די דריי זענען געווען די דריי „משכילים” פון שטעדטעל : דער אַקציזניק , דער לערער און דער אַפּטייקער

דאָס פענסטער ביי זיי איז געווען ווייט אָפען, און אויפ'ן טיש
איז געשטאַנען דער סאַמאָוואַר, וואַרעניעס און ע־ליכע י־ ג
מיט רויט-וויין. די דריי האָבן געשפּילט פּרעפערענס.

דריי, וואָס האָבן געגעסן!

מ. ספעקטאָר

אַנאָרים מאָלצייט

קליינער נאָטיץ.

מרדכי ספּעקטאָר איז געבוירען געוואָרען אין יאָר 1858 אין אומאַן, קיעווער גוב. צו זיינע ערשטע ווערק געהערן: „א ראָמאַן אָהן א נאָמען״, „דער יודישער מוזשיק״ און אנד. אין יאָר 1887 איז ספּעקטאָר געוואָרען רעדאַקטאָר פון די בעוואוסטע ליטעראַרישע זאַמעלביכער „הויזפריינד״, וואָס זענען אמאָל געווען זעהר פּאָפּולער. ספּעקטאָר צייכענט זיך הויפּטזעכליך אויס מיט זיין אויג: ער זעהט געזונד און גוט און קאָן געבען א בילד פון א יודישען בעל-הבתי׳שען הויז. דאָס יודישע בעל-הבתי׳שע הויז—דערין ליגט ספּעקטאָרס שטאַרקייט, און אין מאַנכע נאָוועלען און גרעסערע דערצעהלונגען זיינע לאָזט זיך בולט און שאַרף זעהן דאָס לעבען, וואָס עס מאַלט פאַר אונז. צו זיינע בעסטע ווערק געהערן: „ר׳ טרייטעל״, „דער בעל-שם-טוב״ און אנד.

מ. ספעקטאָר.

אַנ׳אַרים מאָלצייט

מען האָט מיך פערבעטען אויף אַ חתונה.
נישט אויף אַ האָכצייט מיט דעקאָלטירטע דאַמען און פריילײַן, פון וועלכע עס שיט זיך פודער, און מענער אין פראַקען, ווייסע האַנטשו, מיט אָנגעשמירטע וואָנסען, פון וועלכע עס שמעקט מיט שוואַרצער פאָמאַדע.
נישט אויף אַ האָכצייט, וואו מען עסט פון אַ געדרוקטען צעטעל:
פיש אַ לאַ פרינץ דיע-וויאַ, בוליאָן — לא-פאַליוס, פלייש — דיפלאָמאַטיע, סאַלאַט — גרין-גאַל, דעסערט — פיפיאַ, ווײַן פון סאָבעסקעס צייטען, ד. ה. פון אויסגעשמירטע פלעשער מיט הײַיעריגער בלאָטע.
מען האָט מיך פערבעטען אויף אַ יודישע חתונה. אַ חתונה, וואו יודען און יודישע טעכטער געהען געקליידט אין די זעלבע שבת-יום-טוב׳דיגע קליידער, אין וועלכע זיי געהען אין שוהל אַריין.
אַ חתונה, וואו מען פערבייסט מיט לעקעך און שטרודעל, מען עסט שבת׳דיגע פיש מיט פרישע בולקעס, גאָלדענע יויך, געפילטע הינדלעך, געבראָטענע קאַטשקעס, און ווײַן טרינקט מען פון גרויסע ווייסע לויטערע פלעשער.

אַ חתונה מיט אויפרופעניש, אַ פּאָרשפּיל, אַ דאָבראָנ׳טש, אַ חתן-מאָל און מיט אַנ׳אָרים מאָלצייט.

ר׳ יצחק-אייזיק בערקאָווער האָט אויף אַלע זיינע קינדערס חתונות געמאַכט אַנ׳אָרים מאָלצייט, און איצט, אויף זיין מוזיניקס חתונה, האָט ער אויך פערבעטען אַלע אָרימעלייט פונ׳ם שטעד-טעל ליפּאָוועץ צו זיך אין דאָרף אריין, וואו ער האָט אַלע זיינע יאָרען געוואוינט.

עס איז שוין דער חופה-טאָג, שוין צוויי אַ זייגער, און די אָרימעלייט, נאָך וועלכע מען האָט נאָך אינדער-פריה גע-שיקט אַ משרת מיט דריי גרויסע וועגען, זענען נאָך נישטאָ. קיין ליפּאָוועץ איז אינגאַנצען פינף וויאָרסט. וואָס קען עס זיין? אַלע מחותנים און די געסט וואַרטען מיט דער חופה.

ענדליך, לויפט דער משרת, רייטענדיג אויף אַנ׳אויסגע-שפּאַנט פערדעל, נאָר אָהן אָרימעלייט.

— וואָס איז? צוריק אַליין? — האָט ר׳יצחק-אייזיק געפרעגט.

— זיי ווילען נישט! — ענטפערט דער משרת.

— וואָס הייסט, זיי ווילען נישט? — האָבען אַלע פער-וואונדערט געפרעגט.

— זיי זאָגען, אַז אויב מען וועט זיי נישט טיילען יעדען בע-זונדער צו קערבלעך, וועלען זיי נישט פאָרען אויף דער חתונה.

אַלע האָבען זיך צולאַכט, דער משרת האָט ווייטער דערצעלט:

— אין ליפּאָוועץ איז היינט אויך געווען אַ חתונה מיט אַנ׳אָרים מאָלצייט, האָבען זיי זיך אָנגעגעסען און אָנגעטרונקען; און איצט בונטעווען זיי זיך, אַז אויב מען וועט זיי נישט טיילען קיין קערבלעך, ריהרען זיי זיך נישט פון אָרט. מער פון אַלע אָרימע-לייט בונטעווען דער קרומער מיט ביידע קוליעס, דער לאַנגער מקבל, פייטעל היקעוואַטע און יעקעל פּאָנפּאַטש; די אָרימעלייט וואָלטען אפשר געפאָרען, נאָר די לאָזען נישט. נו, האָב איך נישט געוואוסט, וואָס איך זאָל טאָן. איך האָב מיט זיי אַ גאַנצע שעה גע׳טענה׳ט און גאָרנישט אויסגעפירט, האָב איך אויסגע-שפּאַנט אַ פערד און בין געלאָפען אייך פרעגען, וואָס מען טוט.

מיר אַלע האָבען נישט אויפגעהערט צו לאַכען פון די אָרימעלייט׳ס סטאַטשקע, נאָר ר׳ יצחק-אײזיק איז זעהר אין כעס געוואָרען.

— נו, און דו האָסט זיך געדונגען, זיי ווילען נישט ביליגער? האָט ער געפרעגט דעם משרת.

— יאָ, געדונגען זיך, זיי ווילען נישט נאָכלאָזען קיין קאָפּיקע.

— אַזוי טייער איז ביי זיי די סחורה געוואָרען? — האָט ר׳ יצחק-אײזיק זיך אָנגערופען מיט אַ בייזען געלעכטער - פאַר-וואָס-זשע האָסטו נאָך דאָרט איבערגעלאָזט די וועגען? מיר וועלען זיך בעגעהן אָהן די שלעפּערס!

— איך ווייס? איך האָב נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן. איך האָב מורא געהאַט, איר זאָלט נישט שרייען אויף מיר. איך וועל איצט לויפען ברענגען די וועגען.

וואַרט-אויס, לויף נישט! האָב צייט אַ ביסעל..

ר׳ יצחק-אײזיק האָט אָנגעהויבען טענה׳ן מיט די געסט און מיט זיך אַליין:

— וואָס הייסט עס? וואו איז דאָס געהערט געוואָרען? אָרימעלייט זאָלען מיר זאָגען אַ דעה, זיך דינגען מיט מיר דערפאַר. וואָס איך וויל, זיי זאָלען עסען אַ גוטען מיטאָג און געבען יעדען אַ שענע נדבה צו קערבלעך זאָל איך זיי געבען, ווען נישט, בעשטעהען זיי נישט. כאַ-כאַ! און אַז איך וועל זיי טיילען צו צוויי גילדען. לוינט זיי נישט? עס קאָסט זיי טייערער אין קראָם אַריין? — אַזאַ עזות פון אָרימעלייט! כאַפּט זיי דער וואַטעמאַכער, איך וועל זיך בעגעהן אָהן זיי.

— כלי-זמר. שפּילט! וואו איז דער שמש? מען קען שוין בעזעצען די כלה.

נאָר באַלד האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— וואַרט נאָך אויס אַ ביסעל, עס איז נאָך פריה.. פאַר-וואָס קומט עס מיר, מען זאָל מיר פערשטערן מיין שמחה? שוין-זשע זאָל איך חתונה מאַכען מיין מוזיניק אָהן אַנ׳אָרים מאָל-צייט? איך וואָלט זיי געטיילט צו האַלבע קערבלעך, עס געהט

מיר נישט אין געלד, נאָר וואָס הייסט דינגען זיך מיט מיר? נו, מילא, איך האָב מיינס געטאָן, זיי ווילען נישט—דאַרף מען נישט, זיי וועלען שפּעטער חרטה האָבען. נישט אַלע טאָג טרעפט זיך פאַר זיי אַזוינע חתונות, מיר וועלען זיך בעגעהן אָהן זיי.

— נו, מען קען שוין בעזעצען די כּלה?—איז צוגעגאַנגען דער שמש און געפרעגט ביי אים.

— מען קען שוין ... ניין, מען זאָל נאָך אַ ביסעל וואַרטען...

כמעט אַלע געסט האָבען מיט כּעס געשריגען, אַז מען זאָל זיך בעגעהן אָהן די שלעפּערס.

ר' יצחק-אייזיק'ס פּנים האָט זיך פלוצים איבערגעביטען, דער כּעס איז אַראָב און ער האָט זיך געווענדעט מיט אַ בקשה צו מיר און צו נאָך אַ פּאָר פריינד פון זיינע געסט, מיר זאָלען פאָרען אין שטעדטעל איבעררײדען מיט די אָרימעלייט.

— ער האָט קיין שכל נישט. מען קען זיך אויף אים נישט פערלאָזען—האָט ער אָנגעוויזען אויף דעם משרת.

מען האָט געשפּאַנט אַ פערד און וועגעל און מיר זענען אַוועקגעפאָרען. דער משרת איז אויך מיט דעם אויסגעשפּאַנטען פערדעל אונז נאָכגעלאָפען.

— אַ בונט, אַ שטרייק פון אָרימעלייט, ווי געפעלט עס אייך?—האָבען מיר דעם גאַנצען וועג גערעדט צווישען זיך— איך האָב געהערט אַ בונט פון אַרבייטער, זיי ווילען נישט אַרבייטען, מען זאָל זיי צאָלען טייערער, און דעסגלייכען אָבער אַ שטרייק, אַ סטאַטשקע פון אָרימעלייט — אָרימעלייט זאָלען וועלען העכערן דעם פּרייז פון דער נדבה פאַר אַנ׳אום-זיסטיגען מיטאָג, דאָס האָב איך נישט געהערט.

אין צוואַנציג מינוט אַרום זענען מיר שוין אַריינגעפאָרען אין שטעדטעל.

אין מיטען שטעדטעל אויף דעם מאַרקפּלאַץ זענען גע-שטאַנען דריי גרויסע פּויערשע וועגען, אָנגעפּאַקט מיט פרישע שטרוי. די קליינע פערדלעך, שטעהענדיג אויסגעשפּאַנט, האָבען געגעסען פון די טאָרבעס; אַרום די וועגען זענען געשטאַנען אַ הונדערט אָרימע לייט, שטומע, הינקענדיגע, אַ סך בלינדע,

און כמעט אַ האַלב שטעדטעל ווייסע חברה מיט אַזוי ליידיגגעהער.

אַלע האָבען ווילד געשריגען און גע׳רעש׳ט

דער קרומער איז געזעסען אויף דער פור און געקלאַפּט מיט די קוליעס אין וואָגען; דער לאַנגער מקבל מיט אַ רויטען פלאַסטער אויף דעם האַלז איז געשטאַנען נעבען קרומען.

די ביידע הויפטבונטאָוושטשיקעס האָבען גערעדט צום פאָלק—צו די אביונים,

— כאַ, כאַ! — האָט דער לאַנגער מקבל געשריגען, ווי ער האָט אונז מיט דעם משרת דערזעהן—זיי פאָרען אונז שוין בעטען.

— בעטען!—האָט דער קרומער געזאָגט און אַ קלאַפּ געטאָן מיט די קוליעס.

— פאַרוואָס פאָרט איר נישט אויף דער חתונה? אויף דער סעודה?—האָבען מיר געפרעגט—נדבות וועט מען יעדען געבען.

— וויפיל?—האָבען אַלע געפרעגט.

— מיר ווייסען נישט. וויפיל מען וועט אייך געבען, אַזוי פיל וועט איר נעמען.

— צו קערבלעך וועט מען אונז געבען? אַ נישט פאָרען מיר נישט

— וועט זיין אַ לאָך אין הימעל, אַז איר וועט נישט פאָרען—האָבען זיך אָנגערופען אייניגע פון די ווייסע חברה.

די אָרימעלייט האָבען זיך געוואָרפען אויף זיי מיט די שטעקענס, עס איז געוואָרען אַ שטיקעל געפּילדער.

דער לאַנגער מקבל האָט זיך, שטעהענדיג אויף דער פור, אויסגעצויגען אַזוי גרויס, ווי ער איז, און אָנגעהויבען שרייען:

— שאַט, שאַט, שאַ-אַ! שטילער, וויסטע קאַליקעס! מען הערט נישט, וואָס מען רעדט, לאָז מען הערען, וואָס מענשעןריידען!—און זיך געווענדט צו אונז מיט די ווערטער:

— איהר זאָלט וויסען, ליבע יודען, אַז מען וועט אונז נישט טיילען קערבלעך, וועלען מיר זיך נישט ריהרען פון אָרט, נישקשה, ר׳ יצחק-אייזיק וועט אָהן אונז נישט חתונה מאַכען זיין מוזינקע, און וואו וועט ער קריגען איצטער אַנדערע אָרימע-לייט? פאָרען קיין לונעץ, וועט אים קאָסטען טייערער פורען

דינגען, און ער וועט מוזען אָבלעגען די חופּה.

— וואָס מיינט איר, אַז מיר זענען אָרימעלייט, קען מען שוין טאָן מיט אונז, וואָס מען וויל? — האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף דעם ראָד פון וואָגען אַ נייער בונטאָווטשיק, אַ בלינדער אויף איין אויג און מיט אַ שמאַטע אונטערגעבונדען די ציין, —קיינער קען אונז נישט נויטען, מיר זאָלען פּאָרען, אפילו דער פּאָליצ-מייסטער און דער גובערנאַטאָר קענען אונז גאָר נישט טאָן— צו קערבלעך, אַז נישט דאַרף מען נישט.

— ק-ק-קערבלעך!—האָט זיך אָנגערופען אַ היקעוואַטער אביון.

— ניענבלעך!—האָט געשריגען אַ פּאָנפּאָוואַטע.

— אַ קאַרבוין! אַ קאַרבאָוואַניק! — האָבען אונטערגעטאַנצט צוויי פרעהליכע קבצנים.

— קערבלעך! קערבלעך! — האָבען געשריגען אַלע אָרימע-לייט.

אין זייער שרייען, אין זייער ריידען איז געלעגען אַזוי פיל כעס און נצחון, אַז זיי האָבען, דאַכט זיך, איצט אויסגע-גאָסען זייער גאַנצע ביטערע גאַל, וואָס האָט זיך אָנגעקליבען אין זייער טרויריג, אומגליקליך פערביטערט לעבען.

זייער גאַנץ לעבען האָבען זיי געשוויגען, געמוזט שווייגען, געמוזט אַראָבשלינגען אַלע בעליידיגונגען פון יעדען, וואָס האָט זיי אַ גראָשען געגעבען אָדער אַ שטיקעל ברויט מיט אַנ׳אָבגע-גריזעטען ביין געוואָרפען. איצט האָבען זיי דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבען געהאַט דאָס פערגעניגען אויסגיסען זייער גאַל. זיי האָבען איצטער געהאַט דאָסזעלבע פערגעניגען, וואָס די זאַטע, ווער שמועסט, די רייכע פון גרויס וואוילטאָג גיסען אויס יעדען טאָג די גאַל אויף זייערע דינסטען און משרתים און מען רופט דאָס אָן „גביר׳ישע קאַפּריזען”. אין דעם וואָרט „קערבעל” האָבען זיי דאָס ערשטע מאָל זיך אויסגערעדט זייער אייביג פער-ביטערט, פול מיט פערדראָס, אביוניש האַרץ. דאָס ערשטע מאָל האָבען זיי געפיהלט, אַז די זאַטע גליקליכע מענשען דאַרפען צו זיי אויך אַ מאָל אָנקומען, און זיי וועלען אויספּ׳רען, זיי וועלען מנצח זיין.

און טאַקי אַזוי טענה'דיג מיט זיי, איז אָנגעקומען אַ נייער שליח פון ר' יצחק-אײַזיק'ן, אַז די אָרימעלייט זאָלען באַלד קומען, מען וועט זיי טיילען צו קערבלעך.

עס איז געוואָרען אַ געוויש, אַ געפילדער, די דריי וועגען האָבען זיך אָנגעפילט מיט קבצנים. דער האָט געשריגען: מיין קראַנקע האַנט, דער — מיין פוס, און דער — אוי, מיינע צו-בראָכענע ביינער! פרעהליכע קבצנים, זיצענדיג אין וואָגען, האָבען זיי אונטערגעטאַנצט און אונטערגעזונגען.

די פערדלעך האָט מען דערווייל אײַנגעשפּאַנט און פרעהליך, לעבעדיג האָט מען אָנגעהויבען פאָרען. ווייסע חברה האָט זיי בעגלייט מיט אַ גרויסען „הורא" און נאָכגעוואָרפען שטיינדלעך מיט אַ קוויטשעריי און אַ געפייפעריי.

די אָרימעלייט האָט זיך, דאַכט זיך, אויסגעוויזען, אַז מע בעוואַרפט זיי מיט בלומען און בעגלייט זיי מיט מוזיק — אַזוי גליקליך האָבען זיי זיך איצט געפיהלט פון זייער נצחון

דאָס ערשטע מאָל און אפשר דאָס לעצטע מאָל אין זייער לעבען האָבען זיי היינט גערעדט מיט אַ הויך קול און אויס-געפירט וואָס זיי האָבען געוואָלט.

* *
*

נאָך דער חופה, נאָך דער גאָלדענער יויך, ד. ה. צו דער „וועטשערע", האָט מען געגרייט טישען פאַר די געסט און אויך בעזונדערע טישען פאַר די אָרימעלייט.

ר' יצחק-אײַזיק מיט זיינע נאָנטע הויז-מענשען האָבען בע-דינט די אָרימעלייט, געבעטען זיי עסען און טרינקען.

— לחיים ר' יצחק-אײַזיק! איר זאָלט האָבען נחת פון אײַערע קינדער און זיין אַ גרויסער גביר — האָבען די אָרימע-לייט געוואונשען.

— לחיים, לחיים, יודען! טרינקט געזונד, גאָט זאָל העלפען כלל ישראל און אײַך אויך צווישען זיי — האָט ר' יצחק-אײַזיק זיי געענטפערט.

נאָך דער װעטשערע האָבען די כּלי-זמר געשפּילט און די אָרימעלײט מיט ר׳ יצחק-אײזיק׳ן האָבען געטאַנצט אַ ראָד מיט אַ „פרעהליכס“.

דאָ איז שױן צו ר׳ יִצחק-אײזיק׳ס גליק קײן גלײכֿען געװען. ער האָט געטאַנצט אין מיטען ראָד, די זײדענע פּאָלעס פון זײן לאַנגער קאַפּאָטע זענען געפלױגען, װי צװײ פליגעל פון אַנ׳אָדלער; די אױגען, פון װעלכע עס האָבען זיך געגאָסען טרע־רען פון פרײד, פערגלאָצט אַרױף, און זײנע געדאַנקען זענען געפלױגען נאָך העכער פון „זיבעטען הימעל“. ער האָט גע-לאַכֿט און געװײנט, װי אַ קלײן קינד, זיך אַלע מאָל אַרומ-נעמענדיג מיט די אָרימעלײט, זײ געהאַלזט און געקושט.

— ברידער! — האָט ער געשריען טאַנצענדיג — לאָמיר זײן פרעהליך! לאָמיר זײן יודען! כּלי-זמרים! שפּילט אַ פרעהליכס! פרעהליכער, לעבעדיגער, שטאַרקער, יודען!...

—אָט אַזױ איז אַ יוד פרעהליך!

-אָט אַזױ מאַכֿט אַ יוד חתונה!

האָבען די אָרימעלײט און די געסט צוגעפּאַטשט מיט די הענד נאָך דעם טאַקט פונ׳ם פרעהליכס.

אױף אַ יודישער חתונה, ליבער לעזער, בין איך געװען.

י. דינעזאָהן

הערשעלע

קליינער נאָטיץ.

יעקב דינעזאָהן איז געבוירען געוואָרען אין יאָר 1856 אין נייזאַגער, קאָוונער גוב. זיינע ערשטע ראָמאַנען, ווי „דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק", „אבן-נגף" האָבען אַמאָל געהאַט גרויס ערפאָלג ביים יודישען לייענער. אין ווי האָט זיך שוין געלאָזט פיהלען דער קינפטיגער דינעזאָהן, דער אויטאָר פון „הערשעלע", „יאָסעלע"—ווערק, וואָס זענען דורכגעדרונגען מיט ווייכקייט, רחמנות און סענטימענטאַליטעט. דינעזאָהן שילדערט גוטע מענשען מיט ליבע און שלעכטע—מיט פעראַכטונג. די שלעכטע זענען נישט זיינע קינדער. אַזאַ מין בעציהונג איז אפשר נישט קיין מידה פון א קינסטלער, אָבער דינעזאָהן איז אַזוי אויסגעהאַלטען און גאַנץ אין זיינע ווערק, אַז דיזאָזיגע מידה שאַדט ניי להלוטין נישט.

A-1818

יעקב דינעזאָהן.

הערשעלע.

(פראַגמענט).

ער האָט אין בית-המדרש געלערנט און ביי איר מוטער אַ טאָג געגעסען.

האָט אין דעם טאָג אַ ראש-חודש, אַ חנוכה, אָדער אַזוי עפּעס אַ וואָכעדיגער יום-טוב געטראָפען, האָט ער אויך אַמאָל אַ טעם פון פלייש פערזוכט, נור אַזוי אין אַ פּראָסטען מיטוואָך האָט ער כמעט מער ווי דעם טאָג אַליין נישט אויפגעגעסען.

איר מוטער איז געוועזען ברײַנדעלע, אַ רייכע אלמנה, בטבע זעהר אַ קאַרגע. און כאָטש אַלע האָבען געוואוסט, אַזוי איז קאַרג, האָט זי אַליין אָבער נישט געוואוסט, אַז אַלע ווייסען עס, און האָט געוואָלט, אַז לייט זאָלען עס בעסער נישט וויסען — זי האָט שוין, ברוך-השם, אַזוי אויך גענוג בייזע מיילער, וואָס האָבען מער נישט צו טאָן, ווי צו ריידען וועגען איר; דעריבער פלעגט זי זיך נישט אָבזאָגען פון אַ צדקה, אָדער פון אַ מצוה-זאַך גלאַט אַזוי, און ווען זי האָט זיך נישט געקאָנט אַרויס-דרעהען מיט אַ גלאַטען תירוץ, האָט איר, חוץ עגמת-נפש, אויך עטליכע מזומנ׳גע קאָפּעקעס געקאָסט.

„מען קאָן קיין דבר-אחר נישט זיין“, — פלעגט זי זיך טרייס-טען, מען דאַרף נישט אַזוי פאַר גאָט דעם לעבעדיגען יוצא צו זיין, ווי פאַר זינדיגע מענשען; ער ווייס, אַז איך בין אַנ׳עלענדע אַלמנה און נאָר דאָס ביסעלע געלד איז מיין פּרנסה, אָבער לייט

מיינען דאָך, אַז איך האָב זאַשיקעס מיט געלד; זיי צו קיין עברה נישט צו ברענגען, גיב איך, כאָטש איך קאָן נישט!"

אַז אירער אַ קרוב איז משגיח געוואָרען אין דער ישיבה אינ'ם בית-המדרש, אין וועלכען זי האָט געדאַוועגט, האָט זי, אים צוליב, צוגענומען אַנ'אָרים-בחור אויף איין טאָג אין וואָך ביי איר צו עסען. — וואָס וועט ער ביי מיר אויפעסען, האָט זי געקלערט, מ'שטיינס געזאָגט, וויפיל עס בלייבט, וועט פאַר אים גענוג זיין!" — נאָר גאַנץ גיך האָט זי בעמערקט, אַז עס ווערט עפּיס נעלם דאָס ברויט זונזער זיינע ציינער. "וועה איז מיר, — האָט זי איבערגערעדט, — ווען איר טאָג-עסער איז ארויס, ער עסט דאָך עפּעס, ווי נישט אין זיך! האָסטו געזעהן אַ ביסעל, אַ וואויל לערנער זאָל עסען ווי אַ פּויער! אַזעלכער קאָן מיר דעם קאָפּ אויפעסען, נישט געדאַכט זאָל עס ווערען!"

ביי דער ערשטער בעגעגעניש מיט'ן משגיח, האָט זי גע-בעטען, איר שיקען אַנ'אַנדער ישיבה-בחור און דעם געבען אַ טאָג ביי אַנ'אַנדע'רן ערגעץ.

— וואָס געפעלט אייך דער נישט? האָט דער משגיח געפרעגט.

— עפּעס דאַכט מיר, אַז ער איז נישט אַ געזונדטער. — האָט זי אַ גלאַטען תירוץ געפונען, — מיין מירעלע איז אַ ציטריג קינד. איר ווייסט דאָך, זאָל די שעה נישט זיין, איך האָב מורא, זי זאָל זיך, חלילה, אַ קראַנקהייט פון אים נישט אָננעמען.

— גאָר אַ קראַנקער? האָט זיך דער משגיח אָנגערופען, — זיין געזונד אויף מיינע קינדער געזאָגט!

— ער עסט אָבער נישט, ווי אַ געזונדטער! — האָט ברײנדעלע דערקלערט, — האָט איר געזעהן אין אַייער לעבען, אַ מענש זאָל עסען מיט ביידע זייטען ציינער? דאָס מוז אַזאַ פעלער זיין, נישט צוגעקומען זאָל עס ווערען! איך בעט אַייך, שיקט מיר אַ שטיל קינד, אַנ'איידעל קינד, וואָס מען זאָל קאָנען מיט אים ביים טיש זיצען!

איבער אַכט טאָג מיטוואָך האָט שוין ביי איר אַנ'אַנדער יונגעל געגעסען, נאָר דער אַנדערער האָט אויך דיזעלבע קרענק

געהאַט, צו עסען, בשעת ער איז הונגעריג געווען. זי האָט דעם אַנדערן אויך אַ דריטען אויסגעביטען, דעם דריטען -- אויף אַ פירטען, און אַזוי ווייטער. אַ גאַנצען זמן מיטוואָכס האָט קיינער נאָך נישט אָבגעגעסען.

— ביי אייך עסט אַזאַ זיידען איידעל קינד, — פלעגט זי מקנא-זיין איר שכנה, אַז זי פלעגט זעהן, ווי יענע גיט איר ישיבה-בחור עסען — מען זעהט נאָך זיין עסען נאָך, אַז ער איז אַ וואויל-לערנער. איך האָב קיין מזל צו זיי: עפּיס שיקט מען מיר נאָר די גרויסע, איבערגעוואַקסענע, וואָס ווייסען נאָר עסען און אין דער גמרא אודאי אַ וואָרט נישט!... נישט זינ-דיגען זאָל איך מיט די רייד; איך ווייס גאָרנישט, צי האָב איך אַ מצוה פאַר מיין ברויט, וואָס ער עסט ביי מיר! מען דאַרף צו אַלץ מזל האָבען!

און זי האָט טאַקי צו זיי קיין מזל נישט געהאַט! גאַנץ גיך איז אין דער ישיבה בעקאַנט געוואָרען, וואָס פאַר אַ סחורה ברייינדעלע איז און וואָס פאַר אַ טאָג מען האָט ביי איר. שטילע קינדער האָבען בעסער געוואָלט הונגערן דעם טאָג, און נישט געהן מבויש-ווערען, וואַרטענדיג ביי איר אַ שעה אָדער צוויי, ביז זי דערמאָנט זיך צום טיש צו גרייטען, און הייסען געהן וואַשען זיך צום עסען; האָט זיך שוין יאָ געפונען איינער, וואָס איז געגאַנגען עסען איר מיטוואָך, איז ער געוועזען פון יענע „כוואַטסקע" בחורים, וואָס האָבען זיך געוואָלט נוקם זיין אָן איר ברויט פאַר זייערע פערשעמטע חברים, אויף וועלכע זי האָט שטענדיג אַ הסרון געפונען, אַבי פון זיי פּטור צו ווערען.

אַזוי האָבען ביידע צדדים אַ מלחמה געפירט; די העלדען פון דער ישיבה האָבען זייער גבורה אין עסען אַרויסגעוויזען; און ברייינדעלע האָט זיך געקליגט, ווי אַזוי זייער ביטער ברויט זיי נאָך ביטערער צו מאַכען. און זי האָט שטענדיג תירוצים געפונען יוצא צו זיין, וואָס דער מיטאָג איז נישט געראָטען. אַמאָל פלעגט קיין כשר'ע קוואָרט נישט זיין, מיט וואָס זיך צו וואַשען, אַמאָל פלעגט, גראָד אין דער מינוט, דאָס אָנגעגרייטע ברויט אויסגעהן; דאָס דינסטמיידעל איז אין יאַטקע אַוועק-

געגאַנגען, דאָרט „אײנגעזונקען" געװאָרען; זי האָט נישט װעמען נאָך אַ פּריש לעבעל ברויט צו שיקען, זאָל שוין גוט זײן דאָס שטיקעל, װאָס איז נאָך דאָ!" זײער אָפּט פּלעגט זיך אויך פּלומר'שט אַ שאלה מאַכען, און זי פלעגט דעם הונגעריגען ישיבה-בחור אויסדערצעלען איר עגמת-נפש, נישט אַזוי אויף דעם מיטאָג, װאָס איז טרפה געװאָרען, װי אויף דעם, װאָס זי האָט אים נישט, װאָס צו געבען אין מויל אַרײן. אנ'אַנדערש מאָל פּלעגט זי אָנזאָגען דער דינסט, זי זאָל געבען דעם אָרים-בחור עסען, און נאָכדעם, װי זי פלעגט אַלץ פערשליסען, פלעגט זי זיך גאָר אַװעקגעהן.

— װאָס האָב איך אים צו געבען, בעל-הבית'טע-לעבען? פלעגט די דינסט פרעגען.

— גיב אים, װאָס עס איז.

— און אַ צװײט געריכט?

— אַבי װאָס! — פלעגט זי ענטפערען, אַ קלאַפּ טאָן די טיר און אַװעקגעהן.

אין בית-המדרש האָבען די צװײ געריכטען נעמען בעקו-מען. דאָס ערשטע האָט געהײסען „װאָס עס איז" און דאָס צװײטע — „אַבי װאָס".

און דער קורס פון ברײנדעלעס „מיטװאָך" איז שטאַרק געפאַלען אויף דער ישיבה-בירזע: מען האָט צו אים געמוזט צוצאָלען, אָדער מקבל-באהבה זײן הונגער און בזיונות, אַבי מיט דער אַרורה זיך אָבצוזרעכענען.

ענדליך, האָט גאָט איר צער אויך צוגעזעהן, און איר צו-געשיקט אַזאַ יונגעל, פונקט װי זי האָט זיך געװאונשען: אַ שטיל קינד, גאָר אַ קנאַפּער עסער, אָבער דערפאַר, אַזאַ אײדעלער, אַזאַ „שעמעדיגער", אַז איר אַלײן קומט שוין אָפּט אויס אים צו בעטען נאָך אַביסעל צו עסען.

דאָס יונגעל איז הערשעלע געװעזען.

דער משגיח, װעלכער האָט נויטיג געהאַט ברײנדעלעס אַ אַ לאַסקע, האָט גע'פּועל'ט בײ הערשעלען צוצונעמען ברײנדעלעס הונגעריגען מיטװאָך. דערפאַר האָט דער ראש-ישיבה אַלײן —

נאָך דעם ווי הערשעלע האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין גוטען קאָפּ, התמדה און שטילקייט — אים מצפה געוועזען מיט ברוך דעם קצב׳ס דאָנערשטאָג, וועלכער האָט זיך גערעכענט פאַר דעם בעסטען טאָג אין גאַנצען שטעדטעל.

שפּעטער איז הערשעלע צופרידענער געוואָרען מיט בריינדעלעס מיטוואָך, איידער מיט ברוך׳ס דאָנערשטאָג: עפּיס איז דאָ ביי בריינדעלען אַזוי ריין, אַזוי ליכטיג און רייך, אַז עס איז אים פּשוט אַ פערגעניגען דאָ צו זיצען, גלאַט אַזוי, כאָטש נישט צו עסען, בשעת דאָרט, ביי ברוך׳ן, איז שטענדיג שמוציג, געשריי און געטומעל, און ער ווערט מיד עסענדיג. ברוך׳ס ווייב גיסט אַלץ צו אין טעלער, אים איז שווער צום דנאָ צו-צוקומען, זי לעגט צו נאָך אַ שטיק פלייש און נאָך אַ שטיק. ער שוויצט, ער האָט שוין קיין כח נישט מער צו עסען, וויל זיך אָבשטעלען, כאָטש אָברוהען, דעם אָטעם אָבצוכאַפּען, נאָר ברוך גיט אַ געשריי מיט זיין קצב׳ישען קול: „כל זמן שהנשמה בקרבן — רייב! אַז דו וועסט עסען, ווי אַ קינד, וועסטו קענען לערנען אויך, ווי אַ קינד, עס ווי אַ גרויסער, וועסטו כח האָבען ווי אַ גרויסער צו דער תורה. איך ווייס: זי נעמט גענוג דאָס געזונד אַרויס! ...״

און הערשעלען האָט זיך געדאַכט, אַז ביי בריינדעלען ווערט ער פיינער און איידעלער; ביי ברוך׳ן אָבער — פערגרעבט, אָנ-געשטאָפּט מיט פלייש, מיט קישקע און מאָגען, און הערט זיך אָן גענוג פּראָסטע ווערטער, קללות, זידלעריי, און אָפט אויך אַזאַ מין וואָרט, וואָס ער שעמט זיך זעלבסט איבערצוטראַכטען וועגען דעם.

ברוך האָט אין זיין ישיבה-בחור נאָר איין חסרון געפונען: „וואָלט ער נאָר כח האָבען צו עסען ווי עס דאַרף צו זיין, האָט ער שטענדיג דערצעלט, איז ער גאָר אַ וואוילער בחור! ווער רעדט, אַ דין וועגען „יעלה-ויבא״, אַז איך טו אים אַמאָל אַ פרעג, אָדער אַזוי פון דער הייליגער תורה עפּיס אַ מעשה, „וואָס דער קאָפּ איז צודרעהט און עס פערגעסט זיך״, אפילו אַ דין פון אַ ריאָה — איז אים נישט פרעמד. וואָלט ער נאָר עסען, ווי אַ

מענש, איז ער שוין אַ פאַרטיגע כלי״!

און בריינדעלע האָט נאָך איין מעלה אין אים געפונען: —
„אַנ׳איידעל קינד, אַ זיידען קינד, פלעגט זי זאָגען, שטיל ווי אַ טויב, עסט ווי אַ פויגעלע, וויפיל מען גיט אים, איז אים אַלץ צו-פיל, הלואי זאָל ער נאָך אַזוי פיל אויפעסען, וויפיל איך פערגין אים. איך וויים, אַז איך האָב אַ מצוה, זאָל אים נאָך וואויל בעקומען!״

עס האָט אים אויך געלויבט דער ראש-ישיבה אַליין: „מיט אַזאַ תלמיד איז אמת אַ פערגעניגען צו לערנען, פלעגט ער זאָגען נאָך יעדען שיעור, ווען הערשעלע פלעגט אָנפרעגען קשיות אויף דער גמרא, אויף רש״י און פלעגט זעלבסט דעם מהרש״א מיט׳ן מהר״ם שי״ף טרעפען אין נו.—אַזאַ איז מחדד דעם שכל. ער וואַקסט אַ לייט!...״ און ער האָט אים, ווי אַ פאָטער אַ טריי-ער מקרב געוועזען, מיט וואָס נאָר ער האָט געקאָנט.

עס האָבען אים ליב געהאַט אויך זיינע חברים, כאָטש עס טרעפט זעלטען, אַז אַ ישיבה-בחור זאָל מיט נאָך אַ ישיבה-בחור לעבען באהבה ואחוה. חוץ זיין גוטסקייט צו זיי: דער-קלערן זיי אָפט אַ „ויש לישב״ אין מהרש״א, אָדער ערגעץ אָנווייזען אין גמרא, חוץ זיין עניות, זיך קיינמאָל נישט צו גרויסען איבער זיינע פראָסטע חברים, האָט ער נאָך אַ מעלה געהאַט, וואָס האָט אים אַזאַ חן געגעבען אין זייערע אויגען, און דאָס איז געוועזען דער זיסער „קול נגינה״ זיינער, זיין זינגען אַ שטייגערל ביי דער גמרא, אָדער אָפט, אין אַ פרעליכער רגע, בעת עס האָט זיך אים געזונגען אַליין נישט וויסענדיג פאַרוואָס. זיינע חברים, אים אויסהערענדיג, פלעגען שרייען: פלאי פלאים, אַ מתנת אלקים!

אין די ווינטערדיגע לאַנגע נעכט פלעגען זיי זיך אָפט אַרומקלויבען אַרום אים, בעטען אים זינגען אַ וואָליכעל, אַ קליבאַנער בעטלער, חזנישע זאַכען, אָדער אַזוי אַ שטייגער און אַ פאַנטאַזיע; ער האָט אַלץ געזונגען, קאָרגעזאַנג, פערשידענע מעלאָדיעס פון פורים-שפיל, פון „מכירת יוסף״, פון „מלוכת שאול און „גדולת דוד ושלמה״

יעדער ישיבה-בחור האָט זיך פון אים אַ בעזונדער נגון איסגעלערנט: מיט דעם נגון האָט מען די גמרא געלערנט, און די גמרא איז עפּעס גרינגער און ווייכער געוואָרען: דער נגון האָט אַ נשמה אַריינגעבלאָזען אין די ווערטער, עס האָט זיך געלערנט מיט לוסט, מיט פערגעניגען, דער בית-המדרש איז פול געוואָרען מיט געזאַנג און מיט תורה, און אַפילו אַ פוילער איז אַ מתמיד געוואָרען.

הערשעלע האָט אויך שטענדיג מיט אַ נגון געלערנט, נאָר זיין נגון איז נישט שטענדיג געווען דערזועלבער. אָפט האָט מען אין דעם נגון געקאָנט הערען זיין גליק און צופרידענהייט פון דער שיטה אין גמרא, וואָס ער לערנט, און אָפט האָט זיך אין אים געהערט אַ טיפער טרויער, אונבעקאַנטע האָפנונגען, עפּעס אַ בענקעניש, ווי עס רייסט זיך די נשמה זיינע צו פליהען ערגעץ אין דער הויך, ווייט זיך אַוועקגעטראָגען אַהין, דאָרט, וואו עס האָבען אַמאָל געלעבט די תנאים און אמוראים, וועמענס שכל'דיגע רייד ער לערנט איצט.

נאָך דעם לעצטען ווינטער האָבען זיך זיינע נגונים פערענדערט: וואָס אַ טאָג ווערען זיי אַלץ טיפער, טרויעריגער און רירענדער: עס הערט זיך אין זיי אַ בעהאַלטענער וועהטאָג פון האַרצען, עס צוגעהט דאָס האַרץ צוהערענדיג, עס ווילט זיך אים טרייסטען, אָדער כאַטש איפּ'ן האַלז אים פאַלען און אים קושען און האַלזען. זיינע אויגען בליצען, די שטענדיג בלאַסע באַקען הויבען אָן צו ברענגען; דער נגון אָבער ווערט טיפער, די ווערטער פון דער גמרא שיטען זיך, ווי פעריל, ער איז אַריינגעטאָן אין ענין, זעהט נישט, ווי ביי אַ מאַנכען חבר, וועלכער שטעהט און הערט זיך צו, ווייזען זיך טרערען אין די אויגען. און אַזוי לערנט ער און זינגט אַלץ ווייטער און ווייטער, עס גיסען זיך די טרערען אַזוי קלאָר און ריין, ביז אַ חבר שלאָגט אים איבער מיט דער פראַגע:

— זאָג, הערשעלע, וואָס איז דיר? וואָס טוט דיר אַזוי וועה? עס קאָן פון דיין נגון אַ שטיין צוגעהן!

דאַן כאַפּט ער זיך אויף, ווי פון אַ חלום, אים רייסט זיך

אַ שווערער זיפץ אַרויס, ער פערמאַכט די גמרא און הויבט אָן איבער'ן בית-המדרש הין-און-צוריק צוגעהן, גלייך ווי ער וואָלט עפּיס וועלען געפינען, וואָס אים פעלט...

די חברים האָבען פיל גערעדט און פיל דיספּוטירט איבער זיין קול נגינה, נאָר אַלע האָבען מודה געוועזען, אַז חוץ דעם עצם קול אַליין, וואָס דאָס איז אַ מתנת אלקים, האָט ער נאָך גרויס געפיהל דערצו, און אַז ער וואָלט קענען נאָטען, האָט ער שוין געמעגט אָבגעבען קאָנצערט פאַר שרים און שררות, אַזוי ווי דאָס ווילנער בעל-הבית'ל בשעתו.

נאָר הערשעלע האָט פון קאָנצערט נישט געטראַכט, ער האָט געזונגען, ווייל עס איז זיין טבע געוועזען. ער האָט קיינמאָל קיין לוסט נישט געהאַט צו זינגען, וואָס יענער בעט, נאָר וואָס דאָס אייגען האַרץ וויל און ער האָט נישט געוואוסט פאַרוואָס ער זינגט.

די גמרא, די תורה איז דער עיקר געוועזען; זינגען, האָט זיך אים געדאַכט, קאָן יעדער, „נישט דער האַלז, נאָר דאָס האַרץ זינגט", האָט ער אַלץ געזאָגט, און וואָלט אַנ'אַנדערער האָבען אַזאַ פול האַרץ, ווי ער, וואָלט דער אַנדערער אויך אַזוי זינגען, ווי ער, און אים איז שווער געוועזען אויסצוהערען, ווי זיינע חברים מאַכען אים אַזוי גרויס און לויבען אים אין די אויגען פאַר זיין כלי.

פונדעסטוועגען האָט זיך אים זייער געוואָלט, אַז זי, זאָל אים הערען זינגען, זי זאָל כאָטש אַ „רואה ואינה נראה"-זיין און קומען אין בית-המדרש אַריין, בעת ער זיצט אונטער'ן אָרון-הקודש מיט דער גמרא אויפ'ן שטענדער; ער זאָל זי נישט זעהן, קיינער זאָל זי נישט זעהן, און זי זאָל אויסהערען אַלע מעלאָדיעס און שטייגערלעך, וואָס זינגען זיך אים דאַן אַזוי ליב און אַזוי זיס.

ער האָט געוואוסט, אַז זי קען אויך זינגען, אַז זי האָט געפיהל און האָט זייער ליב געזאַגג, אָבער ער איז אין כעס געוועזען אויף זיך, פאַר וואָס אים ווילט זיך אַזאַ זאַך, וואָס קאָן נישט זיין

„שוטה״, פלעגט ער צו זיך אַליין זאָגען, וואָס ווילט זיך דיר עס אַזוי? נו, וואָס וועט זיין, אַז זי וועט מיך שוין הערען, אַז זי וועט שוין וויסען? ריידען מיט איר וועל איך אַלץ נישט. וואָס קאָן איך מיט איר ריידען? זי איז אַ גע-בילדעטע, אַ גבירה׳ס אַ בת-יחידה; וועלכע עסקים האָט זי מיט מיר? און זי האַלט זיך אַזוי גרויס!...״

און אים האָט זיך פּאַרט געוואָלט, ער זאָל חאָטש איינ-מאָל אין זיין לעבען קאָנען פאַר איר זיך אויסזינגען; אים האָט זיך געדאַכט, אַז עס וואָלט אים דעמאָלט גרינגער ווערען, דאָס האַרץ וואָלט שוין רוהיג זיין און ער וואָלט צוריק אָנהויבען זינגען פּרעהליכע זאַכען, ווי אַמאָל, און קיינמאָל נישט מער אומעטיג זיין.

און וואָס מער ער האָט פון דעם געטראַכט, אַלץ מער איז זי אים געשטאַנען פאַר די אויגען, און ער האָט אָנגעהויבען פיהלען, אַז עס ציהט אים עפּיס צו איר, ווי מיט צוואַנגען, ער קאָן זי נישט פערגעסען... אפילו בעת ער לערנט, דער-מאָנט ער זיך אָן איר, און הערט נישט מער די ווערטער, וואָס ער לערנט.

„צי איז דאָס נישט אַ יצר-הרע אָנגעשטאַנען אויף מיר? האָט ער זיך געפרעגט, צי שטעקט דאָ נישט אַ כשוף? דאָס איז דאָך אַ וואונדערליכע זאַך: זי האָט קיינמאָל מיט מיר אַ וואָרט נישט אויסגערעדט, נאָר ווען-נישט-ווען אַ קוק געטאָן, און איך קאָן אירע אויגען נישט פערגעסען! ווען איך טראַכט פון איר, פיהל איך, ווי דאָס האַרץ איז עפּיס אַזוי פּוסט אין מיר, אַזוי אויסגעריסען... אַ וואָרער כשוף!...״ ער האָט אָנגעהויבען טאָן סגולות פון ספר זכירה און פון נאָך אַזעלכע ספרים, וואָס ווייסען אַנ׳עצה צו געבען צו אַלע קרענק אין דער וועלט; ער האָט אויך אָנגעהויבען צו לערנען מיט התמדה, זיך פער-טיפען אין דעם ענין, פרום צו זיין, מיט תפלות און תעניתים און נישט צו הערען דעם יצר-הרע, וואָס וועט אים צו קיין גוטס נישט פירען.

פון די אַלע גוטע סגולות, ווי זיך צו היילען פון דער אָנגעשיקטער קרענק, איז אים נור מעגליך געוועזען די סגולה

פון פאַסטען. פאַסטען — איז נאָר נישט עסען אַ טאָג. נו, וועלכער ישיבה-בחור קאָן עס נישט? בפרט חערשעלע, וואָס האָט פון עסען קיינמאָל נישט געהאַלטען, און צייט דער יצר-הרע איז אָנגעשטאַנען אויף אים, האָט ער גלאַט אַזוי דעם אַפּעטיט צום עסען פערלאָרען. אָט האָט ער געפאַסט אָהן רחמנות אויף זיך. דאָס הארץ האָט אים אַזוי וועה געטאָן, אַז ער האָט געמוזט נאָך אַ וועהטאָג געפינען, יענע שמערצען צו פערגעסען. אָבער אומזיסט. וואָס שוואַכער ער איז געוואָרען פון נישט עסען, אַלץ שטאַרקער איז אין אים דער כח הדמיון געוואָרען: ער האָט מירעלען געזעהן און קלאָר געזעהן, אפילו ווען ער האָט מיט פערמאַכטע אויגען און מיט גרויס כונה שמונה-עשרה געדאַווענט. זי דאַווענט, זי זינגט, די אויגען אין סידור אַריינגעטאָן, ער קאָן קוקען אויף איהר, ער הערט יעדעס וואָרט, ווי אַ פּערל אַרויס, פון איר שענעם מויל. און אַזוי קוקט ער אויף איר מיט פערמאַכטע אויגען, הערט איר געזאַנג, אירע ריינע קלאָרע עברי און ווייס נישט, אַז נישט אירע ווערטער און שטימע הערט ער, נאָר זיינע אייגענע. פלוצלונג הויבט דער עולם אָן צו זאָגען קדושה. ער ווייסט נישט, וואו ער האַלט. שפּרינגט ער קדוש גלייך מיט אַלע, עס הויבען זיך אים אָן טרערען גיסען פון די אויגען, פאַר זיין זינד, פאַר זיינע הרהורים אין דאַוונען, און ער בעט ביי גאָט אַ רפואה פאַר זיין קראַנקען נפש.

דאָס אייגענע פּלעגט אויך זיין ביי דער גמרא: אָהן אַ נגון האָט ער נישט געקאָנט לערנען, און קוים האָט ער אָנגעהויבען צו זינגען, האָבען זיך ווי פון אַ קוואַל מעלאָדיעס געגאָסען. ער האָט די וועלט, די גמרא, אַביי ורבא'ן פערגעסען. אים דאַכט: זי שטעהט נעבען אים, זי הערט און זינגט מיט. טרערען הויבען אָן קאַפּען איבער דער גמרא, וועקען אים אויף פון זיין שווערען חלום און ער זיפצט אויס:

„אַ יצר-הרע, אַ נסיון, וואָס וויל זי פון מיר?...“

ש. כרין

דאָס ביסעלע בוימאײל

קליינער נאָטיץ.

שמעון-שמואל פרוג איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר [illegible] אין באָבראָוויקוס, כערסאָנער גוב. פון דער ברייטער רייכער רוסישער ליטעראַטור איז ער געקומען אין די איינגע שמאָלע געסעלעך פון יודיש. און אָט דאָס בעוואוסטזיין האָט איהם, אפנים, קיינמאָל נישט פערלאָזט. פרוג האָט געקוקט אויף דער יודישער ליטעראַטור, ווי מען קוקט דורך די ברייטע פענסטער פון א רייכע הויז אויף אַנ'אָרימען הייזעלע, און דער גרויסער טאַלענט, מיט וועלכען פרוג איז בעשאָנקען געווען, האָט נישט געגעבען דער יודישער ליטעראַטור דאָס, וואָס ער וואָלט געקאָנט און ממילא בעדאַרפט געבען. נאָר טיילמאָל האָט פרוג'ן א ציה געטהון צום אָרימען הייזעלע און דעמאָלט האָט ער געשאָטען מיט פערל און געקלונגען מיט זיינע רייכע רוימען אין יודיש, ווי עס קלינגט אין מאַי א פרעהליך וואַלד-טייכעלע מיט זיינע זילבערנע כוואַליעס. אויף צו להכעיס איז פרוג געווען א גרויסער מייסטער פון דער יודישער שפּראַך און איז שטאַרק בעליעבט פון די אַלע, וואָס האָבען געפיהל און געהער פאַר א גוט ליד. צי איז אפשר פרוג צליין געקומען פאַר'ן טויט צום געדאַנק, אַז דאָס קליינע הייזעלע איז טייערער און ליעבער, איידער דאָס גרויסע פרייע הויז, פון וואַנען ער האָט, בעזונדערס אין די יונגע יאָהרען, אַזוי ברייט אַרויסגעקוקט? דאָס איז א שווערע פראַגע, וואָס וועט אפשר אַמאָל פערענטפערט ווערען. געשטאָרבען איז פרוג אין יאָהר 1916 אין אָדעס און איז שטאַרק בעוויינט געוואָרען דורך די אַלע קרייזען פון יודישען פאָלק, וואָס זיי איז נאָהענט און טייער דאָס יודישע בוך.

ש. פרוג.

דאָס ביסעלע בוימאייל.

I.

פיל טעג, פיל וואָכען און חדשים זענען פערגאַנגען, זינט עס האָט זיך געענדיגט די גרויסע שרעקליכע מלחמה, און אויף דעם הויכען טורם פון מצדת-דוד האָט זיך אויפגעהויבען און געבליבען שטעהן הויך און שטאָלץ אין דער לופט — ד פאָן פון אַנטיוכוס מלך יון...

קיין איינציגער מזבח האָט זיך נישט געדויכערט, קיין איינציגער קרבן איז נישט געבראַכט געוואָרען אין דער גאַנצער צייט; פערשטערט זענען געוואָרען די שבתים און די ימים-טובים, די כהנים האָבען אויסגעטאָן זייערע הייליגע קליידער, די לוים האָבען פערלאָזען זייערע כלי-זמר, זייער הייליגען דינסט אין גאָט'ס הויז; אָנגעטאָן איך זעק און בעשאָטען די קעפּ מיט אַש, זענען געלעגען יונג און אַלט אויף די קברים פון די נביאים, נעבען די צובראָכענע מזבחות, געבראָכען די הענט, געוויינט און געשריען צו דעם בורא-עולם... נאָר אומזיסט איז געווען זייער געבעט, אומזיסט האָבען זיך געגאָסען זייערע טרערען!...

ווי אַ סטאַיע היישעריקען, וואָס בעדעקט אַ פעלד, זענען געגאַנגען די חילות פון אַנטיוכוס איבער דאָס לאַנד, פון שטאָדט צו שטאָדט. אויף יעדען מאַרק, אויף יעדער גאַס האָבען זיי געבויט מזבחות און מיט שווערד אין דער האַנט, מיט אייזען

און מיט פייער געטריבען דאָס פאָלק מקריב צו זיין קרבנות צו זייערע שטיינערנע און הילצערנע אָבגעטער...

און דאָס פאָלק, דאָס דערשראָקענע און פערמוטשעטע פאָלק, איז געגאַנגען, געלאָפען צו די מזבחות, געקניט און געבוקט זיך צו די אָבגעטער... אויף יעדער גאַס, נעבען יעדען הויז האָט געפלאַקערט אַ מזבח... די ספרי-תורות האָט מען געריסען אויף שטיקער און געוואָרפען אויף די מזבחות, אויף וועלכע עס האָבען זיך געסמאַליעט און געבראָטען חזרים און אַנדערע טמא-דיגע חיות...

יעדען חדש פלעגען אָנקומען די חילות פון אַנטיוכוס, און דעם, ווער עס האָט נישט געוואָלט טאָן זייער בעפעל, האָבען זיי געטויט... די מוטערס, וועלכע פלעגען זיך דערוועגען מל צו זיין זייערע קינדער, האָט אַנטיוכוס בעפעלט טויט צו שלאָגען: פאַר זייערע אויגען פלעגט מען אויפהענגען זייערע אונשולדיגע קינדערלעך, שטעכען און שניידען זיי אויף שטיקלעך...

פיל יודישע פרויען זענען געפאַלען פון דעם שווערד פון אַנטיוכוס; פיל נפשות, אַלטע און יונגע, האָבען ליבער דעם טויט גענאָסען, איידער צו פאָלגען דעם רשע, און צו בלייבען געטריי דעם איינציגען גרויסען גאָט און זיין הייליגער תורה...

II.

בעגאָסען מיט דעם שיין פון דער ליכטיגער און וואַרי-מער זון און אַרומגערינגעלט מיט פאַלמען-און איילבערט-בוימער, שטעהט אויף דעם באַרג מודעות דאָס קליינע, שטילע שטעדטעלע, וואו עס וואוינט זומער-צייט דער כהן-גדול מתתיהו מיט זיינע פינף זיהן: יוחנן, שמעון, יהודה, אליעזער און יהונתן.

שטיל און רוהיג איז געווען אין דעם קליינעם שטעדטעלע פיל יאָרען נאָכאַנאַנד, ביז עס איז געקומען דאָס גרויסע אונ-גליק אויף דאָס גאַנצע לאַנד און האָט פערכאַפּט אויך דאָס רוהיגע, שטילע שטעדטעלע. ווען דער שטורם רייסט-אַרויס מיט די וואָרצלען די גרויסע, שטאַרקע, הונדערטיעריגע צעדערן-

קען דען בלייבען שטעהן דאָס קליינינקע שוואַכינקע קאַרשען-בוימעלע?

אַ גאַנצע מחנה יונים (גריכען) מיט זייער קאָמאַנדיר האָבען פערנומען אַלע גאַסען! אין מיטען שטעדטעל, אויפ׳ן מאַרק, שטעהט שוין אַ מזבח אָנגעגרייט צו ברענגען אַ קרבן די גריכישע אָבגעטער.

„געהט! געהט! — שרייט דער שר פון די יונים: קניט, בוקט זיך צו אונזערע געטער, צו די געטער, פאַר וועלכע עס קניט אויך מיין גרויסער, שטאַרקער קעניג אַנטיוכוס! וואַרפט-אַוועק אייער גאָט, וועלכער האָט אייך פערלאָזען און איבערגע-געבען אין אונזערע הענד! וואַרפט-אַוועק אייער תורה, דורך וועלכער איר האָט איבערגעטראָגען אַזוי פיל צרות, שלעג און שמערצען... אייער בית-המקדש איז פוסט, אייערע פּאַלאַצען פערוויסט, אייערע אוצרות בערויבט, טויזענדער און צענטוי-זענדער נפשות זענען געפאַלען פון אונזער שווערד: דאָס גאַנצע לאַנד איז געוואָרען ווי אַ גרויסער בית-עלמין, בעדעקט מיט קברים, און וואָס אַ טאָג פאַלען אַלץ נייע און נייע נפשות, פערגעהען פון הונגער, פון נויט, פון וואונדען און שמערצען... און אין דעם נאָמען פון מיין קעניג, דעם גרויסען, שטאַרקען אַנטיוכוס, וועלכען עס זענען אונטערטעניג צענדליגער פעלקער און פאַר וועלכען עס ציטערט די גאַנצע וועלט—אין זיין נאָמען זאָג איך אייך״...

אין דער מינוט האָט זיך דאָס פאָלק צוטיילט אויףביידע זייטען, דורכלאָזענדיג צום שר אַנ׳אַלטען גרויען מאַן...

„— דער כהן... דער כהן-גדול געהט...״ האָט זיך דער הערט פון אַלע זייטען...

אָנגעטאָן אין בגדי-שרת, אין די הייליגע קליידער, מיט דעם חשן-ועופד אויף דער ברוסט, מיט דעם מצנפת און דעם ציץ אויפ׳ן קאָפּ, איז צוגעגאַנגען צו דעם שר דער אַלטער גרויער מתתיהו.

זיינע לאַנגע, שניי-ווייסע האָר און זיין גרויע באָרד האָ-בען געגלאַנצט אין דעם שיין פון דער זון; זיינע באַקען זענען געווען בלאַס און דער גאַנצער קערפער האָט אויסגעזעהן מיד

און אָבגעשלאָפט, נאָר אין די אויגען האָט געגעליהט אַ הייס פייער פון פערבאָרגענעם צאָרן און איבער זיינע בלייכע ליפּען איז צייטענווייז איבערגעלאָפען אַ ציטערניש, ווי ביי אַ מענשען, וועלכען עס כאַפּט דורך די קעלט אין אַ גרויסען פראָסט...

„— מתתיהו!" — האָט זיך געווענדט דער שר צו דעם אַלטען כהן — „דיין קאָפּ איז בעדעקט מיט גרויע האָר און מיט דעם הייליגען מצנפת, און אויף דער ברוסט ליגט די הייליגע גייסטליכע צירונג. הער-זשע אויס מיינע רייד. צו דיר, צו דיין פערשטאַנד ווענד איך מיך איצט מיט מיינע ווערטער:

„האָב רחמנות אויף זיך, אויף דיין הויזגעזינד און אויף דיין פאָלק, וועלכעס וועט דיר פאָלגען און טאָן אַלץ, וואָס דו וועסט בעפעלען. דער גרויסער שטאַרקער קעניג אַנטיוכוס מלך יון רעדט צו דיר מיט מיינע לעפּצען: געה-צו צו דעם מזבח און ברענג דעם קרבן, וועלכער...

„ — ניין! — האָט אַ געשריי-געטאָן דער אַלטער מתתיהו— ניין! איך וועל נישט צוטרעטען צו דיין מזבח, איך וועל נישט קניען פאַר דיינע שטיינערנע, שטומע און טויטע אָבגעטער! איין גאָט איז דאָ אויף דער וועלט, איין-איינציגער, דער גרויסער שטאַרקער גאָט, וועלכער האָט בעפרייט מיין פאָלק פון קנעכט-שאַפט, בעהיט און בעשיצט פון טויזענדער אומגליקען! צו אים, צו דעם איין-איינציגען, גרויסען, שטאַרקען, ליבען גאָט הויב איך אויף מיינע הענט... הימעל און ערד, בערג און טאָלען! זייט מיינע עדות, הערט מיין גרויסע, מיין אייביגע שבועה: מיט מיין גאַנצען האַרצען, מיט מיין פערשטאַנד, מיט אַלע גע-פיהלען און געדאַנקען, מיט יעדען גליד, יעדען אָדער, ביז דעם לעצטען טראָפּען בלוט, ביז דעם לעצטען אויגענבליק וועל איך דינען דעם איינציגען גאָט, דעם גאָט פון מיינע עלטערן! צו אים וועל איך שטרעקען מיינע הענט, צו אים וועט זיך ציהען מיין האַרץ, צו אים, צו זיין גרויסער אייביגער מאַכט און הער-ליכקייט וועט פליהען מיין געבעט, פאַר אים וועלען זיך גיסען מיינע טרערען... און דו, מיין פיינד און דער פיינד פון מיין פאָלק, וואָס דו ביזט געקומען מיט אייזען און פייער אין אונזער

לאַנד, האָסט צושטערט אונזער הייליגטום, בערויבט אונזערע הייזער, אַלט און יונג, פרוי און קינד געשעכט מיט דיין שווערד! איך שטעה פאַר דיינע אויגען שטאָלץ און קרעפטיג! איך וועל נישט צוטרעטען צו דיין אונריינעם מזבח! איך וועל מיך נישט צורירען צו דיין קרבן. איך וועל מיך נישט בוקען צו דיינע געטער... איך פערהאַס דיך, דיין קראַפט און דיין צאָרן... איך...

„— שווייג!! — האָט אויסגעשריען דער שר, כאַפּענדיג זיך צו זיין שווערד — שווייג! פאַר דיינע רייד וועט דיר בעצאָלט ווערען אינגיכען... נאָר שטעה, וואַרט-אויס... אָט באַלד וועסטו זעהן, ווער פון אונז איז שטאַרקער... מיינע גבורים! ציהט-אַרויס אייערע שווערדען, רינגעלט-אַרום דאָס פאָלק פון אַלע זייטען...
נו, און איר — האָט ער זיך געווענדט צום פאָלק — איר, פערשאָלטענע קנעכט! נענטער, נענטער צום מזבח! קניט, בוקט זיך! קושט די שטיינער, וועלכע ליגען דאָ פאַר אייך... נו!!...”

הערענדיג די בייזע, שרעקליכע ווערטער, דערשראָקען און און פערציטערט — איז צוגעגאַנגען איינער פון די איינוואוינער צו דעם מזבח... זיין קאָפּ האָט זיך איינגעבויגען, און ציטערנדיג מיט אַלע אברים, איז ער געפאַלען אויף די קניע...

„— האַלאַ!” — האָט אויסגעשריען דער שר מיט פרייד

„— האַלאַ!!”— האָבען געענטפערט הונדערט קולות פון דעם חיל...

נאָר אין דעם אויגענבליק האָט אויסגעבראָכען אַן׳אונדערווארטעטער, שרעקליכער צופאַל:

מיט פלאַמענדע אויגען, פערציטערט פון צאָרן, איז אויפגעשפרונגען דער אַלטער גרויער מתתיהו... אין זיין דאַרער אַלטער האַנט האָט אַ בלישטשע געטאָן אַ גרויסער שאַרפער מעסער, און אין איין מינוט זענען געפאַלען צו זיינע פיס דער קניענדיגער, ווידערשפענסטיגער און דער שטאַרקער, שטאָלצער שר...

„— ברידער מיינע, קינדער!”... האָט אויפגעהויבען זיין קול מיט אַ גרויס געשריי דער אַלטער כהן-גדול: „שטעהט-אויף, איר, דעשראָקענע, דערשלאָגענע, אונגליקליכע! צו מיר! צו מיר!”...

אימת-מות איז געפאַלען אויף דעם חיל... אַוועקוואַרפענדיג דאָס געוועהר, פערציטערט, זעהענדיג זייער שר אַ דערשלאָגענעם און דעם אַלטענמאַן מיט דעם מעסער אין דער האַנט, האָבען זיך אַ וואָרף-געטאָן אַרויס פון שטעדטעל די שטאַרקע, שרעקליכע גבורי-חיל... ווי די האָזען, דערהערענדיג די שטימע פונ׳ם יעגער, זענען זיי זיך צולאָפען אין אַלע זייטען, פערקראָכען אין די היילען, אונטער די פעלזען, אין די וועלדער און אין די טאָלען... און דאָרט, אויף דעם באַרג מודעות, האָט געשאַלט, הילכיג און שרעקליך, דער קול פונ׳ם אַלטען גרויען מאַן:

„— שטעהט-אויף, שטעהט-אויף, מיינע ברידער, מיינע קינדער! ווער איז צו גאָט — צו מיר! פאָראויס! פאָראויס!...”

ווי אַ דונער, וואָס וועקט-אויף הונדערטער ווידערקלאַנגען פון בערג און טאָל, איז געגאַנגען דער אויפרוף פון דעם אַלטען, גרויען מאַן איבער די שטעדט און דערפער, פון הויז צו הויז... איינער נאָך דעם אַנדערן זענען אויפגעשטאַנען אַלט און יונג, גרויס און קליין; שטאַרקע און גרויסע מחנות חיל האָבען זיך צונויפגעקליבען אַרום מתתיהו און זיינע פינף זיהן—די גבורים... אויף טויזענד פונקטען האָט זיך פון דאָסניי פערקאָכט די מלחמה...

נישט איין טאָג, נישט צוויי האָט געדויערט, נאָר דער נצחון איז געגאַנגען טריט אויף שריט נאָך דעם אַלטען כהן און זיינע פינף זיהן און... פיל טעג זענען נאָך פערגאַנגען, פיל בלוט איז נאָך פערגאָסען געוואָרען, ביז עס איז געקומען דער גרויסער, הייליגער גליקליכער טאָג — כ״ה כסלו!...

די גאַנצע וועלט האָט געקלונגען מיט דעם נאָמען פון דעם גרויסען העלד, יהודה המכבי. זעקס שטאַרקע העלדען מיט זייערע חילות זענען געפאַלען פון זיין האַנט! פיל אַנדערע גבורים מיט זייערע חילות זענען צושטערט געוואָרען פון די איבעריגע פיר זיהן פון מתתיהו — און גאַנצע הונדערטיאָר האָט דאָס לאַנד ישראל אָבגעלעבט שטיל און רוהיג, בעסרייט און בע-שיצט פון שרעק און שמערצען...

יון

האָט וואָס פאַר אַ בילדער און סצענעס טראָגט אין זיך דער זכּרון פון אַ פאָלק. ווי עס דאַרף זיך בדרך-הטבע פיהלען אַ פאָלק, דערמאָנענדיג זיך אויף אַזעלכע צייטען — דאָס איז שוין אַ בעזונדערע שאלה. אַ פאָלק איז דאָך נישט איין מענש. ובפרט דאָס פאָלק ישראל, יודעלעך, זאָלען לעבען, וואָס זיי זענען דאָ אויף גאָטס וועלט אַזוי פיל, ווי די שטערען אויפ'ן הימעל און דער זאַמד אויפ'ן ברעג ים, קיין בייז אויג זאָל זיי נישט שאַדטען!... מיינונגען אין דעם ענין קענען זיי אַ סך, איבעררעכענען זיי איז אונמעגליך; וויכטיג איז אָבער דאָ נישט יעדע בעזונדערע דעה, נאָר דער סך-הכּל...

אַ טאָג נאָך אַ טאָג — געהען יאָרען אַוועק
עס דרעהט זיך און דרעהט זיך דאָס רעדעל...
אַך, זאָגט-זשע מיר, וואָס איז געבליבען ביי אונז?
„— געבליבען? — דאָס חנוכּה-דרעדעל!"

דאָס דרעדעלע דרעהט זיך, דאָס דרעדעלע זשומט,
ישראָליקעל קוויקט זיך... אַ חיות!
ער דרעהט עס און דרעהט עס אַכט טעג נאָכאַנאַנד
און קוויקט זיך — עס ווערט גאָר נישט מאוס.

פיר אותיות אויסגעקריצט זעה איך אויף דעם —
זיי שיינען פון אַלע פיר זייטען...
„— דו זעהסט? — שרייט ישראָליק מיט נחת — דו זעהסט?
און ווייסט אָקאָרשט, וואָס זיי בעדייטען?..."
נו, אדרבא, ישראָליק, זאָג!
און ישראָליק זאָגט:

— ויהי און ס'איז געווען, אַז מען האָט גובר געווען דעם דאָס... דעם ע-ע-ע... דעם מלך פון יון, איז מען געקומען אין בית-המקדש אַריין, איז מען געקומען, און מען האָט — ע-ע-ע... האָט מען — ע-ע-ע... ווידער אויפגעבויט דעם דאָס... דעם מזבח,

מיין איך, און די מנורה מיט די... מיט... נו, מיט אַלץ, וואָס מען דאַרף און דערנאָך... דערנאָך איז..."

— נו, ישראליק, און דערנאָך איז וואָס געווען?

„— און דערנאָך! — טוט זיך אַ כאַפּ ישראַליק מיט אַ פלאַם-פייער אין די אויגען — דערנאָך האָט מען אָנגעהויבען צו זוכען בוימאייל, אָנצוצינדען די מנורה, האָט מען נישט געפונען, האָט מען ווייטער געזוכט, איז אַז מען האָט ווידער געזוכט, האָט מען דערזעהן אין אַ ווינקעלע אַ קליין קריגעלע מיט בוים-אייל, אַ ברעקעל קריגעלע מיט עטליכע טראָפּענס. אַז מען האָט אַריינ-געגאָסען אין די מנורות אַריין און מען האָט אָנגעצונדען... איז געוואָרען א נס — דאָס קאַפּיטשקע בוימאייל האָט געברענט גאַנצע אַכט טעג!!!..."

— וואָס? סך-הכל אַכט טעג? ניין, ישראַליק. ניין! דו האָסט אַ גרויסען טעות: דער נס איז געווען פיל גרעסער — דאָס ביסעלע בוימאייל האָט געברענט מער ווי אַכט טעג... פיל מער: עס האָט געברענט גאַנצע צוויי טויזענד יאָר!

יאָ, צווייטויזענד יאָר האָט אונז געשיינט דאָס ליכט פון דעם ביסעלע בוימאייל, וואָס מען האָט קוים-קוים אָבגעזוכט אין ווינקעלע, אין דעם בערויבטען, פערוויסטען טעמפּעל, און גליקליך, גליקליך זענען מיר, וואָס אונזערע פיינד, וועלכע האָבען ביי אונז צוגענומען אַלע אונזערע אוצרות, האָבען אונז איבער-געלאָזט די עטליכע טראָפּענס בוימאייל!... אַלע פּאַנצירען, פיילען, שפּיזען און שווערדען און אַלע שענסטע און טייער-סטע צירונג פון אונזערע פּאַלאַצען, טורמען און טעמפּלען, זענען נישט ווערט קיין איין טראָפּען פון דעם הייליגען, וואונדערליכען ביסעלע בוימאייל!... די מכבע'ער זענען געווען אונזער לעצטער נצחון אויף דעם שלאַכטפעלד; אונזער פּאָליטישע פרייהייט האָט געמוזט אַנ'ענדע נעמען; גאַנץ בלייבען האָט געדאַרפט נאָר דאָס ביסעלע בוימאייל — דאָס שטיקעלע אמונה, וואָס איז אַריינגעלעגט געוואָרען אין אונזערע הערצער, כדי מיר זאָלען נישט פערשוואונדען ווערען פון דער וועלט...

און אַט דאָס בּיסעלע בּוימאייל האָט שוין אָבּגעבּרענט צוויטויזענד יאָר!

אַך, וויפיל פינסטערע, שרעקליכע נעכט האָבּען מיר אי-בּערגעלעבּט! דורך וואָס פאַר גרויסע טיפע וועלדער זענען מיר דורכגעגאַנגען! וויפיל בּייזע, גיפטיגע שלאַנגען זענען געקראָ-כען צרום אונז, וויפיל חיות-רעות האָבּען מיר בּעגעגענט אויף אונזער וועג! וויפיל...

אוי-אוי, ווי דער זכרון אַרבּייט! טויזענדער בּילדער פליהען פאַר אונזערע אויגען — און אַט געה-נאָר, זאָג ענטפער אויף דער שאַלה: איז גוט אָדער שלעכט, וואָס די נאַטור האָט אונז, יודען, געשענקט אַזאַ גוטען זכרון... האַ? ווי מיינט איר, רבותים? גוט?

יאָ, מיינע בּרידער און שוועסטער — מיין אָרים קראַנק אונגליקליך פאָלק! לייען, לייען און חזר-איבּער טויזענד מאָל די אָבּגעבּרענטע, אָבּגעבּליאַקעוועטע, טייערע און הייליגע בּלעטלעך, אויף וועלכע עס שטעהט פערשריבּען די געשיכטע פון מתתיהו כהן-גדול! גליקליך איז דער קעניג, וואָס שטאַרבּט מיט דער קרוין אויפ׳ן קאָפּ.

ווי גרויס, ווי שען איז געווען אונזער וועג, וועלכען מיר האָבּען אָנגעהויבּען מיט משה-רבינו און געענדיגט מיט יהודה המכבי! אָט דאָס הייסט — לעבּען אַ קעניג און שטאַרבּען אַ קעניג! קניט פאַר די הייליגע קברים, אין וועלכע עס ליגען אונזער גבורה און אונזער כבוד, אונזער רייכטום און אונזער הערשאַפט. בּוקט זיך צו די טייערע מצבות, קושט דעם שטויבּ פון דער הייליגער ערד, און אויפשטעהענדיג ווידער אויף די פיס, געהט ווייטער און ווייטער אין אונזער לאַנגען, שווערען וועג, פערגעסט נאָר נישט אויף דאָס בּיסעלע בּויאמייל... זוכט, זוכט אין אַלע ווינקעלעך פון אייער האַרצען, ציינדט-אָן יעדען טראָ-פען פון דעם עכטען און ריינען גלויבּען, וועלכער האָט געבּרענט און געשיינט אין אונזער פינסטערן לעבּען! גלויבּען און ווייסענשאַפט, האָפנונג און ליבּע — אָט וואָס עס איז געווען אין

ש. פרוג.

דעם קליינינקען קריגעלע, וואָס איז אונז געבליבען נאָך דעם חורבן פון אונזער בית-המקדש...

אַך, גיס-זשע זיך, גיס זיך,
דו הייליגעס בוימאייל,
אין אונזער בעטריבטען
פערוואונדעטען האַרץ!
שטיל-אַיין אונזער וועהטאָג,
צושטער אונזער צווייפעל,
פעריאָג אונזער טרויער,
פערהייל אונזער שמאַרץ!

גיב קראַפט אונז און האָפנונג—
מיר זאָלען דערלעבען
די זיסע, די ליבע,
די ליכטיגע טעג,
עס זאָל שוין אויך אונזער
פערוואָגעלטעס שיפעל
בעפרייט זיין פון שטורם,
פון דונערן-בליצען
און קומען צום שטילען
און גליקליכען ברעג!...

נ. מאַקאַלאָוו

אַ שטיין ביזט אַמאָל געוועזן

קליינער נאָטיץ.

נחום סאָקאָלאָוו איז געבוירען געוואָרען זיין יאָר [illegible] אין ווי-שאָגראָד, פּלאָצקער גוב. בעריהמט איז ער אַלס העברעאישער [illegible] שרייבער. אָבער דאָס, וואָס ער האָט געשריבען אין יודיש, האָט אויך [illegible], און חן. סאָקאָלאָוו איז אַ גוטער בעאָבאַכטער נישט פון יחיד, נאָר פון כלל, און ווינט אַ בילד אָדער אַ רייזע-נאָטיץ אָדער אַזוי אַ פעליעטאָן איז פול בעוועגונג, לייכטען הומאָר און לעבען. שטאַרק איז סאָקאָלאָוו אין העברעאיש, אָבער אין דעם ביסעל, וואָס ער האָט געשריבען אין יודיש, איז ער, ווי געזאָגט, אויך זעהר חנ'עוודיג.

נ. מיקאָ־יוו.

אַשטיין ביזטו אַמאָל געוועזן

אַ שטיין ביזטו געוועזן — אין מדבר געלעגען, האַלבּ
אין זאַמד פערגראָבען, פון דער זון געבּרענט, האָסטו גערדרע-
מעלט אַנ׳אויביגען דרעמעל.
האַרט, ווי אַ פעלזען, איז דיין ברוסט געווען, און טויט,
ווי אַ מצבה.
אַרום און אַרום — ווילדע, זאַמדיגע מדבּריות — געלע
חורבות פון גריבער. די פערשטיינערטע נויט און טויטקייט
פון דער ערד.
אין גראַניט געשמידט, אין קיזעל געקייט, אַ טרויעריגער
פעלזענבאַרג, אָהן בּעוועגונג און אָהן האָפנונג, — אַט אַזוי
ביזטו געלעגען.
און טיילמאָל האָט דיין שטיינערן פּנים געוויינט פון טוי,
און טיילמאָל האָבען דיינע שאַרפע קאַנטען געפלאַקערט פון
דער זון.
מען האָט געפרעגט: צי איז דאָס אַנ׳אייביגער שלאָף,
אָדער אַנ׳אייביג לעבען?
מען האָט געקלערט: וואָס זענען די בּעהאַלטענע חלומות
פון דער שטיינערער מאַסע?

נ. סאָקאָלאָוו.

צי פיהלט דער קיזעלבאַרג? צו טראַכט דער אײַזערנער קאָפּ? צי הערט ער די ווינטען, וואָס ווײַנען אַרום אים?

און ווען די מאָרגענזון שפּינט אַרום זײַנע שפּיציגע קאַנטען מיט גאָלדענע שטראַלענעצען — צי האָט ער הנאה דערפון?

און ווען די מיטאָגזון צופלאַקערט און צושפּריצט זיך אין אַ תהום פון פורפורפונקען, וואָס טאַנצען עזות'ד'יג-ווילד איבער זײַן גרויען קאָפּ — צי ווייס ער דאָס?

און צי פיהלט ער דעם אָוונד, דעם דורכזיכטיגען פריה-לינג, ווען די הימלישע האַרפען לולען אײַן אין אַ וועלטשלאָף מיט בלומען-חלומות?

און די נאַכט, די שוואַרצע, דאָס קעניגרייך פון גיפטען און פון מגפות, ווען שלאַנגען וויקלען זיך אַרום זײַן ברוסט — צי טוט דאָס אים וועה?

צי ווייס ער דעם חילוק צווישען אַ שטילען ווינטעל און אַ ווילדען שטורם?

צי האָט ער ליב די מדבריות, די ווילדע, אָהן ברויט? צי האָט ער האָלט די וויסטענייען, אָהן קינדער?

צי איז ער אַ געפאַנגענער גרויסער ריזענגייסט, אַ גע-וואַלטיגער צער, מיט אַ ווילדער גלײַכגילטיגער געשטאַלט, אָדער אַ שטיין-געוואָרענער גאָרנישט?

דו האָסט געשוויגען.

אַ שטיין ביזטו אַמאָל געוועזען — אין מדבר געלעגען.

דונערן האָבען געריסען דײַן ברוסט, דו ביזט געבליבען — שמיל, טרויעריג, קנעכטיש.

דער הימעל איז געהאַנגען איבער דיר, ווי קליינע תכריכים, ווי הויכער סכך פון שוואַרצע שלאַנגען.

דו האָסט נישט גערעדט — אַ שטומער פערלאָשענער, ביזטו געלעגען — ווי אין הינערפלעט.

קיין צרות און מכות, קיין פּלאָגען און וועהטאָגען, אַלע גיהנמ'ס און כף-הקלע'ס האָבען נישט געקאָנט צראָבנעמען דעם סאַרקאָפאַגזיגעל פון דײַן קיזעלברוסט.

ביז דיין נביא איז געקומען — דער, וואָס האָט דיר גע-געבען אַ וואָרף, ווי אַ פּאַליע אין מדבר אַריין, פּונקט ווי דער סאַמום-שטורמווינד הויבט-אויף, ווי שפּילקעס, בערג זאַמד, צו פערשיטען וואַנדערענדע קאַראַוואַנען.

ער איז געקומען, ווי אַ געוואַלטיגער ריזענאָדלער, ברע-נענדיג פון הייליגען כּעס, און מעכטיג, דערהויבען-ווילד און פלאַקערענדיג, ווי אַ טריאומפהימן.

און האָט איז דיין פעלזענוואַנד געגעבען אַזאַ מורא׳דיגען שטויס, פון וועלכען עס הערט זיך נאָך דער ווידערקול.

יסורים האָט ער דיר אָנגעטאָן — דער נביא. די שטיינערנע געדערים האָט ער אין דיר צוקנאַלט, דאָס קיזעללייב האָט ער דיר געשפּאָלטען, כּדי אַרויסצוטרייבען פון דיר דעם גייסט פון שווערקייט און אַרויסצוקריגען פון די פעלזען-קליפּות דיין פער-גליווערטע נשמה.

און געשמעטערט האָט דער נביא׳שער שטעקען די פעלזענ-יוענד אַזוי לאַנג, ביז עס האָט זיך פון דער געשפּאָלטענער בוזעם אַרויס אַרויסגעריסען אַ מורא׳דיגער וועהטאָג.

אַ יאָמערגעשריי, וואָס האָט געמאַכט ציטערן דעם טויבען מדבר.

אַ שטיין ביזטו אַמאָל געוועזען אין מדבר געלעגען, אָבער אַ קוואַל איז אַרויס פון דיר.

* *

*

און אָט איז געשעהן אַ וואונדער... איר קאָנט דאָך די רעגענבויגענפאַרביגע מעשה?

ווי אַ וואַסערפאַל, איז אַ קרישטאַלשטראָם אַרויס פון שטיינערנעם גוף.

אַ פיבער, אַ הייליג פיבער האָט דורכגענומען דעם פעלזען, אַ לעבענספּולס קלאַפּט אין דער האַרטער ברוסט, און עס רוישט און עס רינט, און עס שטראַלט, פאָנטאַנען ברומען פון די אויס-

געדאַרטע שטיינאַקענס. פון די געלע, נעבעלדיגע, קרומע, טרוקענע קיזלאַקענס הויבען אָן אַרויסצוגרינען פרילינגס-קראַנצען. פון בעהאַלטענע לעכער, פון זייטיגע, פינסטערע ווענטשפּאַלטען שיסען-אַרויס איידעלע ציפּרעסען. אויף די שאַ־פּע פערברענטע ציין פון די וויסטע טרויעריגע פעלזענאַקענס דונערט-אַרויס אַ הללויה פון בליהענדע פּאַלמענוועלדער, און די עקרה׳דיגע מדבר-ברוסט בעדעקט זיך מיט פייכטע פונקעלדיגע רויז-רויטע בלומען.

גלאַנצען. אַראָמאַטען, קלאַנגען שמעלצען זיך צוזאַמען אין אַ געטליכער האַרמאָניע, און דער הימעל שפּרייט זיך רונד, ווי אַ געצעלט פון הדסים.

אַ וואונדער איז געשהען... אַ וועלטוואונדער:

אַלץ, וואָס אין דיר איז געווען פערמאַטערט, פערזיגעלט, פערגליווערט אין אַשטיינערנעם שלאָס; די גאַנצע טיפקייט, דער גאַנצער סוד פון דיין נשמה, דיין חיות, דיין תכלית אויף דער וועלט, דיין כח און דיין שענקייט, דיין האָפען און דיין גלוסטען, דיין נחת-רוח און דיין שברת-הלב — האָבען זיך אַנטפּלעקט און אויסגעגאָסען. ווי צושמעטערט האָט דיך דער נביא! זיין האַמער האָט צוריסען דיינע שטיינערע אָדערן, דעם זיגעל פון שקלאַפּענשטילשווייגען. דעם פערשטיינערטען שמוץ פון קנעכטשאַפט האָט ער מיט אַכזריות אין שטיקער געריסען פון דיין פעלזענאַקען — ביז ער איז דערגאַנגען צו דער זאַפט פון דיין נשמה

אַ שטיין ביזטו אַמאָל געוועזען, אין מדבר געלעגען — אָבער אַ קוואַל איז אַרויס פון דיר.

* * *

אַ קנעכטישע מאַסע ביזטו געווען, מיט האַלבקיילעכדיגע עקענס און איינגעפאַלענע ברוסטען.

אַ סטאַדע פון בהמות, פון לאַסט-בהמות; אַ גרוי געזעמעל — אַ המון, אַ משפּחה׳לע אין גושן — די קליגסטע חרטומים האָבען זיך די קעפּ געבראָכען, צי איז דאָס אַ נאַציאָן, אָדער נישט.

פּאַר פּאַר הונגער, נאַקעט און בלאָס פּאַר אָרימקייט — אָדער געשוואָלען פון די תפיסה-קעסט און בעהאַנגען מיט קליי-דער און צירונג, כדי זיך צו בערימען, ווי אַ פּאַיאַץ, קריכענדיג אונטער דער ערד, אָדער געהענדיג אויף דער ערד, צויף שטאָלצען אָדער אויף די שפּיצפינגער זיך צו ווייזען הויך.

אַ גוף פון ווייכען מענשענליים, וואָס מען קאָן פון אים קלעבען און פּאַטשקען אַלע מיני צורות.

מיט די קליינע, צובראָכענע, מידע, מסופּק'דיגע נשמה'-לעך, וואָס פליהען, ווי פוך פון צוריסענע פעדערן, און קלע-בען זיך צו צו יעדען שטיקעל מאַטעריע.

און פערלאַנגען נאָר איין זאַך: דער וואָלף זאָל זיין זאַט און דער שעפּס זאָל זיין גאַנץ.

אַ המון-עם... וואָס איז געוועגט געוואָרען צו דער מוזיק פון דער רוט, וואָס פייפט איבער די אויערן, און צו די סמנים פון דער בייטש, וואָס פלעכט רימענס אויף דעם רוקען.

מיט דעם בחומר ובלבנים-פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט זיך שטאַרק פערמערט — פערשמירט און פערשוואַרצט, געצוואונגען צו מאַכען ציגעל אָהן ליים און אָהן שטרוי.

און יודען מוזען זיך בויגען — האָבען די קלוגע געזאָגט, לעקענדיג דעם שטויב פון די סאַנדאַלען פון די קאַצענ-פערגעטערס און פּרעה-באַלזאַמירערס.

און זיי האָבען זיך געבויגען, און זיי זענען צוזאַמענ-געפאַלען, און די קייטען און די שטריק זענען אַריינגעוואַקסען אין זייער קערפּער.

אַ קנעכטישע מאַסע ביזטו אַמאָל געווען

* *

*

אַריינגעקוקט האָט דער נביא אין דיינע אויגען. וואונדערליך-גרויס און וואונדערליך-פאַרבלאָז זענען זיי געווען.

דו ביזט געווען, ווי דער גרויסער ספינקס, אָהן בע-וועגונג. צווישען די טויטע פון די וויסטע און ברייטע קברים

שטעלט ער פאָר די אידעע פון תחית המתים, פון אייביגען לעבען, וואָס געהט-אויף, ווי די זון, איטליכען מאָרגען נאָך דער נאַכט, בעשטימט צו טריאומפירען איבער פינסטערקייט און טויט.

און די קלוגע לייט האָבען אויף דעם שוין מסכים געווען: נעכּיי זאָל ער זיין אַן׳אידעע.

ער האָט אָבער געדונערט: ניין! מוחל די ענערגישע מאַכט, מוחל די שטילע מאַיעסטעט פון ספינקס! צו אַלדי שוואַרץ יאָר מיט אַייערע בילדער! מוחל דעם כבוד און די עסטעטיק פון שוואַרצען גראַניט! מוחל די סימבאָלען פון מאָנאָליט-סטאַטוען און אָבעליסקען און סאַרקאָפאַגען.

לעבען וויל דאָס פאָלק! פאַר זיך וויל עס לעבען

נישט קיין גאַנצער שעפּס זאָל ער בלייבען, און דער וואָלף זאָט. אַ גלגול פון אַן׳אָדלער איז דער שעפּס, דערגרייכען קאָן ער ביז צו די וואָלקענס, און די בליצען פון זיין נקמה קאָנען וועלטען צושטערן.

און נישט לייריש געזייזעלט האָט דער נביא: נישט פון אַלע-גאָריען האָט ער געחלומ׳ט אויף די נילוס-אופערן, מיט פייער-דיגע צוואַנגען האָט ער דיך געגריפען, די אָדערן האָט ער דיר געריסען, שטאַרק, ווילד, גרויס און פריי האָט ער דיך געמאַכט ווי אַ מדבר.

און דעמאָלט האָט ער אין דיר אַ גייסט אַריינגעהאַקט מיט דונערן און בליצען; און בערג האָט ער איבער דיין קאָפּ גע-שפּאַנט: ווילסטו דערקענען דיך אַליין און דיין גייסט—איז גוט. ווען נישט, ווער בעגראָבען—מיט אַלע באַלזאַמירטע קעץ, וואָס סימבאָליזירען אידעען פון אייביגקייט און אונשטערבליכקייט.

און ערשט דעמאָלט איז געקומען דער גרויסער מאָמענט פון זיך דערקענען, דער מאָמענט פון אונבעגרענצטער העלקייט, ווען דאָס געטליכע אויג האָט אַריינגעלויכטען אין דער נשמה פון פאָלק.

עס איז געוואָרען אַ מאוים׳דיגע שטילקייט. דער גאַנצער וועלטרוים הערט זיך איין מיט פערהאַלטענעם אָטעם פון דער-וואַרטונג אין דעם ווידערקול פון ריזיגען קאַמף צווישען ליכט

און פינסטערניש. דאָס לעבען ווערט שטיל און הכנעה'דיג, די שטערען פערהאַלטען זיך אין זייער גאַנג און פינטלען פערוואונדערט. די ווילדע שטורמס, וואָס וואַרפען פעלזענבערג ביז אונטער'ן הימעל, ליגען ווי דערשראָקענע שעפעלעך, דער מעכטיגער אָקעאַן ווערט פער'חלש'ט און זיס-פער'חלום'ט.

דער מאָמענט פון הייליגען סוד-הסודות איז געקומען. די שענקייט פון דעם וואונדערבאַרען „בראשית" פון אַ פאָלקסקולטור, בשעת דאָס פאָלק נעמט-אַרויס פון זיך, פון דעם בעהעלטעניש פון זיין גייסט די קריסטאָלגעשטאַלט פאַר זיין גייסט, בשעת עס שפאַנט-אויס זיינע פריער-געבונדענע פליגלען, בשעת עס איז געקליידט אין דעם פורפור פון פרייהייט און הויבט-אָן צו שטורמען איין נצוחנ'דיגען הידד.

* * *

און ווערטער האָסטו גערעדט—דו שטיין איינער, דו קנעכטישע מאַסע — פלאַקערדיגע, הייליגע, מיט שטורמפליגלען, ריינע און זיסע, וואָס שווימען, ווי אַ ליכטיגע, בשמים'דיגע וועלט.

מיט דעם קראַנץ פון דיין נאַציאָנאַלער פרייהייט אויף די שלייפען—ביזטו געשטאַנען, ווי אַ זייל פון טויזענד זונען — בעפעלענדיג, העלדיש, גרויזאַם און צוגלייך — מיט אַ פרייגיביגער האַנט, אויסשפרייטענדיג די ברילליאַנטען פון דיין ליכט פאַר די פרעה-באַלאַזאַמירער.

און קוואַלען האָסטו געעפענט—וואָס וועלטען טרינקען פון זיי טראָפּענווייז.

אויף די שווינדלענדע הויכקייט פון אָדלערנעסטען ביזטו געשטאַנען, און מלאכים, וואָס שווימען מיט די שטערען, האָבען דיר געזונגען הללויה'ס.

* * *

און ווידער ביזטו אַ שטיין, אַ קנעכטישע מאַסע — און מען וואַרפט דיך ווידער פון בנין צו בנין, און די חרטומים מאַטערן זיך ווידער איבער דיר, וואָס דו ביזט, און דער רוקען איז ווידער

אײַנגעהויקערט. און די מעדוזען-שלאַנגען-לאָקען פון אַלע מגפות וואַרפען ווידער שאָטענס אויף דיין מישמאַש פון חרטומים-חכמות, זיי זענען ווידער מבלבל דיין קלאָרען מוח — און עס שלאָגט ווידער איין עברי דעם אַנדערן.

און איך לעג צו מיין אויער צו דער שטיינערער מאַסע, כאַפּ גיריג איטליכס אינוועניגסט גערויש.

און עס דאַכט זיך מיר טיילמאָל, אַז עס שרייט אינוועניג: איך אָטעם, איך לעב, איך בין!

זאָל ווידער קומען דער נביא, דער טרעגער פון פאָלקס-גייסט, און זאָל אַריינשמעטערן מיט זיין האַמער, אַז דער פעלזען זאָל שרייען פאַר וועהטאָג און זאָל זיך עפענען.

און מיר, מיר אַליין זאָלען שפּאַנען אויף דעם באַרג איבער דער פערשקלאַפטער מאַסע: ווילט איר אַליין דערקענען — איז גוט, אַז נישט—ווערט דאָרט בעגראָבען.

מיר אַליין, נישט פרעמדע, וועלען דיר אָנטאָן די יסורים פון בעפרייאונג.

מיר אַליין וועלען דיך שמעטערן—פערגראָבען, פערפינסטערט העלדענפאָלק — מיר אַליין וועלען ברעכען דעם סאַרקאָפאַג פון דיין שקלאַפען-מאַסען-בעדעק, ווייל מיר אַליין זענען דו, ווייל מיר אַליין זענען דיין נביא און בעפרייער.

אַ שטיין ביזטו אַמאָל געוועזען.

ד. פינסקי

אַלטינקע

קליינער נאָטיץ.

ד ו ד פ י נ ס ק י איז געבוירען געוואָרען ארום 1873 אין מאָהי-לעוו אויפ'ן דניעפּר. בעקאַנט איז ער געוואָרען דעם יודישען לעזער דורך זיינע קליינע, שטאַרקע און זעפטיגע דערצעלונגען פון יודישען אַרבייטער-לעבען. פינסקי האָט אויך געשריבען טעאַטער-שטיק, וואָס ווערען אָפט געשפּילט אויף דער יודישער סצענע, אָבער ליב און נאָהנט וועט ער בלייבען דעם יודישען לעזער נאָר פאַר זיינע דערצעלונגען פון אַרבייטער-לעבען אָדער פון אַלטען דור. דער אַלטער דור איז אים נאָהנטער געלונגען. פינסקי האָט אים ג ע נ ו מ ע ן נישט בייז און האַרט, ווי אַ יונגער קוקט אויף אַלטע, נאָר ווי אַ קלוגער קינסטלער, ד. ה. מיט ליבע, ווייך און האַרציג, און דערדאָזיגער דור געהט פאַרביי פאַר'ן לעזערס אויגען, ווי אַ זונאונטערגאַנג, וואָס לאָזט איבער נאָך זיך עפּיס אַ בענקעניש. דער לעזער ווייס אַליין נישט, צי עס איז גוט, וואָס דער דור געהט-אַוועק, צי עס איז שלעכט — גילער מסתמא של...

ד. פינכק׳.

אַלטינקע.

דעם יונגוואַרג האָט דערעסען צו זיצען מיט די אַלטע און הערען זייער אויערדרייסענדיגען געזאַנג, דעם גאַנצען משונה׳דיגען געדויש און ליאַרם, און האָט זיך — מיט אויסנאַם פון עטליכע יונגעלייט, וועלכע זענען נאָך געבליבען דאָ — פערקליבען אין אַנ׳אַנדער צימער. דאָרטען האָבען זיי פרייער אָבגעאָטעמט, פעררויכערט זייערע פאַפּיראָסען, געכּירט זייערע געשפרעכען און—געפיהלט זיך ווייט פין די אַלטע.

זעליג דעם אַלטען האָט עס שטאַרק פערדראָסען. מיט [illegible] בייזען איראָנישען בליק האָט ער בעגלייט די אַנטלויפענדיגע יוגענד און באַלד האָט ער זיך צורעדט, און וואָס מער ער האָט גערעדט, אַלץ שטאַרקער האָט געהילכט זיין קול און צום סוף האָט ער שוין כמעט געשריען. ער האָט געוואָלט אויפווייזען, אַז זיי, די הייַנטיגע, די יונגע, לעבען ווי הינט, ווייסען מער נישט ווי נאָכגעבען זייער תאוה, זיין אויסגעלאַסען, שאַרלאַטאַ-נעווען, און אַז לעבען ווי אַ מענש דאַרף לעבען, האָבען נאָר די אַלטע געקאָנט און קאָנען.

און דער אַלטער גרויער ר׳ זעליג, דער אַלטער, קליינער, געזעצטער, ברייטפלייציגער און פרעהליכער יוד, דאָס חסידישע ביינדעל, איז עס בכּח אויפצעווייזען, ווייל ער איז אַ קלוגער יוד, אַ גרויסער קאָפּמענש, מיט וועלכען עס איז, ווי דער עולם מיינט

אַ פערגעניגען צו ריידען. אפילו פון דעם, וואָס ער איז שוין געוועזען אַ ביסעל „מלא״, האָט ער געוואוסט, וואו צו ברענגען אַ ראיה צו זיינע ווערטער.

„אָט טרינק איך שוין פון הושענא רבא ביינאַכט אָן״,—האָט ער גערעדט מיט נצחון,—„הושענא רבא ביי דער נאַכט צו די הקפות האָב איך געטרונקען; נעכטען, שמיני עצרת, האָב איך געטרונקען, אַ גאַנצען טאָג געטרונקען, מיך אפילו נישט צוגעלעגט; ווייל ווער שלאָפט שמיני עצרת בייטאָג? אַ מתנגד שלאָפט. אַ ג׳ערליכער יוד וועט נישט שלאָפען... געטרונקען האָב איך, נישט געשלאָפען! ביי דער נאַכט נעכטען געטרונקען, נאָך ווי געטרונקען—אַ שתיה .גדולה! כדת! און היינט טרינק איך ווייטער. פון אָקאָרשט טאָג טרינק איך, און וואָס? גאָרנישט! בין מיר דערזעלבער יוד! האָב, חלילה, נישט פערפעלט קיין דאַווענען, נישט עובר קריאת-שמע געוועזען, חס ושלום, נישט דורכגעלאָזען קיין ברכה. ווייל וואָס? ווייל איך טרינק נישט, ווי זייער חברה, להנאתי, אַבי זיך אָנטרינקען, גלאַט אַזוי. איך האָב גאָר פיינט בראָנפען! אַ גאַנצע וואָך פון שבת-צו-שבת קומט ער גאָר צו מיר אין שטוב נישט אַריין. נאָר היינט איז שמחת-תורה, טרינק איך. גאָט האָט געהייסען: ושמחתם בחגיכם, זייט פרעהליך אין אייערע יום-טובים, בין איך פרעהליך. אַזוי איז עס! נישט אַזוי, וואָס, ישראל?״ האָט ער זיך געווענדט צו אַ דאַרען אויסגעמאַטערטען יונגענמאַנטשיק, וואָס איז געזעסען נעבען אים און צו-געשמייכעלט און דערביי האָט ער אים אַראָבגעלאָזען אַ פאַטש איבער׳ן קניע.

ישראל האָט אַ צ׳טער געטאָן מיט׳ן גאַנצען קערפער פון דעם פאַטש, און דאָך נישט אויפגעהערט צו שמייכלען, און געענטפערט מיט אַ לוסטיגער גנבה׳שער מינע:

„אָט דאָס איז דאָך מיין טענה! הערסט, וואָס טענה איך?״

דער פרומער עולם, דער אמת-יודישער עולם, וואָס איז געוועזען אין צימער, האָט צופרידען געשאָקעלט מיט די קעפ און געקוקט אויף די איבערגעבליבענע יונגע מיט נצחון, און יעדער האָט צוגעלעגט אַ וואָרט, געגלייכוווערטעלט זיך אויף דעם יונגוואַרג׳ס חשבון. זיי האָבען אַלע געשטאַרקט זיך צו בעווייזען, אַז זיינס

די יונגע האָבען אַראָבגעוואָרפען פון זיך דעם יאָך, אויסגעטאָן זיך פון אַלץ, איז „שדים וויסען, וואָס פון זיי איז געוואָרען!"

און די איבערגעבליבענע יונגע האָבען געשמייכעלט און גאָרנישט געענטפערט. אין זייער שמייכעל איז געלעגען אַ ביסעל פעראַכטונג און אַ סך גלייכגילטיגקייט צו דעם, וואָס די אַלטע האָבען גערעדט. אַזוי שמייכעלט מען שטענדיג, ווען מען האַלט זיך פאַר קליגער און מען וויל זיך נישט ברייגלאָזען אין אַ שמועס מיט דעם געגנער.

ר' זעליג'ן האָט דער שמייכעל געררייצט, און ער איז שוין געוואָרען גראָב.

„זיי וועלען גאָר פריער אַ כפרה אַיינגעמען",—האָט ער גע-שריגען,—„איידער זיי וועלען זיך גאָר קאָנען משמח זיין, ווי מיר! וואָרום וואָס זענען אַלע זייערע שמחות? וואָס? אַ מיידעל! הויבט זיך אָן אַ מיידעל און לאָזט זיך אויס אַ מיידעל! מער נישט".

„נו, נו, נו, „איר רכילות'ט שוין, פעטערקע",—האָט זיך איינער פון די יונגע נישט אַיינגעהאַלטען.

„איך רכילות! פערשטאָכענע אויגען, איך רכילות!?"—האָט זיך ר' זעליג צוהיצט,„—גאָרנישט", כלומר'שט, און ער ווייס עס נישט, אַז איך זאָג דעם רייגעם אמת. איך—רכילות? דאַכט זיך, ביי אַייך איז אַ בפירוש'ער „אין שמחה בלא דיעווקאַ!..."

מען האָט זיך צולאַכט: כאַ-כאַ-כאַ, געזונט זאָל ער זיין! און ר' זעליג ווערט היציגער:

„איך וואָלט טאַקי וועלען זעהן אַמאָל זייער חברה טאַנצען און פרעהליך זיין אָהן מיידלעך! איך האָב עס גאָר קיינמאָל נישט געזעהן. איך ווייס מער נישט, אַז עס איז פאַראַן אַ מיידעל, וועלען זיי געהן טאַנצען, אַז עס איז פאַראַן בראָנפען, וועלען זיי זיין פרעהליך. וואָרום וואָס איז זייער גאַנצער יום-טוב? דאַוויי-קאַ ווייפיטש! און אַ מיידעל, אָט דאָס איז זייער יום-טוב. נישט אַזוי, וואָס, ישראל?"

און ווידער האָט ער אויפגעהויבען די האַנט אַ פאַטש צו טאָן, נאָר ישראל האָט אונטערגעכאַפּט זיין האַנט.

„אָט דאָס טענה איך דאָך! הערסט, וואָס טענה איך?"

האָט ישראל איבערגעחזר׳ט מיט אַנ׳ערנסטער מינע און אַ פּיר געטאָן מיט די הענט, נאָר דיווינקלען פון זיינע ליפּען האָבען געשמייכעל׳ט.

„אָבער וואָס האָסטו זיך אויף זיי אָנגעזעצט, זעליג?״—האָט זיך אַריינגעמישט דער אַלטער העניך, דער בעל-הבית פון דער שמחה,—„לאָז זיי צורוה, דאָך אַ צער בעלי-חיים...״

אַלס בעל-הבית, האָט ער געפיהלט, אַז ער דאַרף נעמען די יונגע אונטער זיין שוץ, און דערביי האָט זיך אים געוואָלט אַ שטאָך טאָן זיי מיט „צער בעלי-חיים״.

„ניין, איך וועל זיי מער נישט בעווייזען, די שקצים, וואָס פאַר אַ הינט זיי זענען!״—האָט ר׳ זעליג געזאָגט.—וואָס זענען זיי צולאָפען, די פושעי ישראל! ברענען זאָלען זיי, „די פוסטע מוחות! וואָס זענען זיי צולאָפען? זיי שטעהט נישט אָן צו זיצען מיט אונז? שכור זענען מיר? האַ? מיר דאַכט, אַז וואָס איך האָב נאָך איצט שכל אין פּיאַטע, האָבען זיי עס נישט אין קאָפּ, האָבען עס נישט געהאַט און וועלען עס נישט האָבען! צולאָפען זענען זיי! ניין, זאָלען זיי מיר זאָגען, וואָס טרינק איך היינט? איך טרינק עפּיס, ווייל איך האָב האָלט בראָנפען? אַ האָר אויך נישט, אַ טפו, בראָנפען! איך דאַרף דאָס אויף כפרות! נאָר איך טרינק, ווייל היינט איז שמחת תורה, נישט דער בראָנפען מאַכט אונז פרעהליך, אַ פע! דער שמחת-תורה מאַכט אונז פרעהליך. אָט ישראל טרינקט גאָר קיין בראָנפען נישט—ער האָט גאָר אַ ברוסטפעלער און די דאָקטוירים האָבען אים פערבאָטען צו טרינקען—טרינקט ער גאָרנישט און איז אויך פרעהליך. ער דאַרף גאָר קיין בראָנפען נישט; דער שמחת-תורה אַליין הויבט די פיס. נישט אַזוי, וואָס, ישראל? זאָג, ממזר׳יק, אַ רוח אין דיין טאַטען אַריין!...

און ישראל האָט געכאַפּט אַ שטאַרקען פּאַטש אין קניע.

„אַוודאי אַזוי״,—האָט ער אויסגעשריגען, כאַפּענדיג זיך פאַר די קניע,—„אָט איר זעהט, אַ? גאָר אָהן בראָנפען״.

און ישראל האָט אָנגעהויבען דרעהען מיט די אַקסלען, אונטערשפּרינגען פון שטול און אומוואַרפען מיט די פיס.

„הע, הע, הע, מאָלאָדיעץ, ישראל !״—האָט ר׳ זעליג געלאַכט און געקלאַפּט ישראל׳ן איבער׳ן פּלייצע .—„נו, דערפאַר וועל איך פאַר דיר טרינקען״ ,—האָט ער צוגעגעבען , אָנגיסענדיג זיך אַ קעלישאָק.

„זאָל אייך עס זיין צו מצוה״ ,—האָט ישראל זיך געוויצעלט און פרום פערגלייסט די אויגען.

דער עולם האָט געלאַכט און אונטערגעכאַפּט ר׳ זעליג׳ס רייד: „און וועלכער יוד האָט דאָס האָלט בראָנפען? וועלכער יוד טרינקט עס, נאָר אַבי געטרונקען? שמחת-תורה—מער נישט, אָט...״

„אָט אַזוי טוט זיך דאָס ביי אונז, יודען, פערשטעהט איר מיך?״—האָט ר׳ זעליג איבערגעריסען דעם עולם מיט גאוה, ווענדענדיג זיך צו די יונגע, און מיט מער גאוה האָט ער צוגעגעבען:

„און דאָס איז נאָך גאָרנישט אַקעגען אַמאָליגע יאָרען. אַמאָל, עך, אַמאָל...״—האָט ער פּלוצלונג אָבגעקרעכצט״—עט, ווי קומט עס היינט צו אַמאָל! אַזוי דען פלעגט מען אַמאָל הוליען שמחת-תורה? כמע-ע!... אָט וואָס היינט הוליעט מען מער פאַר זיך, מיט דער אייגענער משפחה, מיט דעם אייגענעם געזינדעל, אָט דאָס אַליין בעוויזט שוין, אַז עפּיס איז נישט דאָס. איז שייך צו זאָגען, אַז מען זאָל הוליען פאַר זיך! איך וויים, מען פלעגט דורכגעהן אַ גאַס—און ווי פלעגט מען דורכגעהן? מיט נגינה, מיט טענץ, מיט אַ קלאַפּעריי און אַ הודזשעריי... אַזוי פלעגט מען געהן! און ווי מען פלעגט בעגעגענען אַ יוד, איז גלייך געכאַפּט: קום! און ער פלעגט געהן! גאָר אָהן מחזקות. מען האָט ביי אים נישט געפרעגט, ווער ער איז, און ער האָט נישט געפרעגט, וואוהין און צו וועמען. קום!—און געגאַנגען! מען דאַרף דאָ עפּיס פרעגען? שמחת-תורה—און גאָר! און מען האָט נישט געקוקט—אָרים, רייך, אַלע גלייך, נישט דאָ קיין חילוק! היינט וואָס מען פלעגט צוקערן אַ וועלט! טאַנצען אין מיטען גאַס, אויסטרעטען אַלע בלאָטעס, רייסען לאָדענס... ע, ווי קומט עס היינט צו אַמאָל!״

און דעם עולם איז געפעלען געוואָרען דער ענין און מען איז אַריינגעפאַלען ר׳ זעליג׳ן אין די רייד. איינער האָט דער-

מאָנט אַ צילענדער-הוט, אין וועלכען מען פלעגט אָנשטעקען סטעאַרין-ליכט און אָנטאָן יעדען צו זיין פסוק „אתה הראית״; אַ צווייטער האָט דערמאָנט די קירבעסען און לאַמערנעס, מיט וועלכע מען פלעגט אויספוצען די שוהל, און נאָך אייניגע האָבען שוין גע-עפענט די מיילער, געוואָלט עפּיס דערמאָנען, נאָר ר׳ זעליג האָט אונגעדולדיג איבערגעריסען דעם עולם און אָנגעהויבען ווייטער צו ריידען:

„היינט איז גאָרנישט, כמעט גאָרנישט! היינט איז אַלץ נישט דאָס, אפילו די פרומע זענען שוין נישט דאָס; וואָס אמת, איז אמת. אפילו די פרומע זענען שוין נישט דאָס. איך האָב פיינט צו זאָגען, עס זענען טאַקי געווען פריירע צייטען, איך מיין — די דאגת-פרנסה איז נישט געווען אַזוי גרויס, און גלאַט זענען די מענשען אַליין געוועזען עפּיס בעסער: דער גביר איז געוועזען אַנ׳אַנדערער גביר, דער אָרימאַן איז געוועזען אַנ׳-אַנדערער אָרימאַן. איך וויים, עס איז עפּיס מער אחדות גע-וועזען. וואו וועט איר היינט, למשל, געפינען, אַזאַ גביר, אַזאַ יודישען גביר, ווי ר׳ מאיר-זבלון, זכרונו לברכה, איז געוועזען? נישטאָ, איר וועט נישט געפינען. איר זאָלט אפילו אויספאָרען מדינות. איך רייד שוין נישט וועגען די דייטשען, וועגען די „אַריסטאָ-קראַצען״, וועגען זייער חברה; נאָר אפילו יענע, וואָס זענען נאָך מכלומר׳ש יודען, זענען אויך גאָרנישט, זיי וואָלטען אויך ווען, מען זאָל שטעהן פאַר זיי אָהן אַ היטעל. מען דאַרף נאָר וויסען, ווי צו צוגעהן צו זיי. שייך צו זאָגען, מען האָט גע-דאַרפט עפּיס וויסען, ווי צו צוגעהן צו ר׳ מאיר-זבלון׳ן, נשמתו עדן? מען פלעגט צוגעהן צו אים, ווי איך געה צו צו ישראל׳ן, צו שמערלען, צו חאַצקלען, צו —... היינט זיינע שמחת-תורה׳ס!...— האָט ער זיך אַ כאַפּ-געטאָן, — „אַ קלייניגקייט זיינע שמחת-תורה׳ס!...״

און דער עולם האָט זיך אַרויפגעוואָרפען אויף דעם ענין: „אַ-האַ-האַ, ר׳ מאיר-זבלון׳ס שמחת-תורה׳ס!... ביי אים אין זאַל פלעגט מען אויסגיסען די פאָמוניצע און גליטשען זיך; זיין חלק פיש פלעגט מען צוקוועטשען מיט די הענד און שפּאַרען אים אין מויל און ער פלעגט עסען, כאַפּענדיג די ביסענס, ווי אַ הונט,

און וויפיל מאָל האָט מען אים אַרויפגעצויגען אויפ׳ן טיש—גופא ביי אים אין רעכטען זאַל—און געקאָרקעוועט! וויפיל מאָל פלעגט מען זיך אַרומקלייבען אַרום אים מיט אַ ניגון: „ד—ע—קו, לאַם,—ציאַם — טשורי׳, ליאַם — ציאַם — טשורלי, „און קנייפען אים אין „באלף מחילות!״ נאָר ר׳ זעליג רייסט ווייטער איבער:

„ע, וואו איז עס היינטיגע צייטען! מילא, זאָל געהן, ווי עס געהט, און מיר וועלען מאַכען „לחיים!״ נישט אַזוי, וואָס, ישראל?

„און אַ טענצעל אויך!״—האָט ישראל אויסגעזונגען און איז אויפגעשפרונגען פון שטול, נאָך איידער ר׳ זעליג האָט צייט געהאַט אַראָבצולאָזען די האַנט אויף זיינע קניע. ער האָט אָנגעהויבען טאַנצען אַ האָפּקעלע און צוגערעדט בשעת מעשה:

„און גאָר אָהן בראָנפען! אויף צעהנטויזענד כפרות דעם בראָנפען! אי הו, אי הו, שישו ושמחו בשמחת תורה, אי הו, אי הו, שישו ושמחו בשמחת תורה...״

און דער עולם האָט געמאַכט „לחיים!״ און אונטערגעכאַפּט שראל׳ס ניגון: ישראל איז שוין געוועזען אין מיטען חדר, ער האָט פערלעגט די רעכטע האַנט הינטער׳ן נאַקען, די לינקע האַנט אומגעדרעהט אין דערלופטען און גאַנץ געשיקט געטאַנצט דאָס האָפּקעלע.

„וואו זענען זיי, די אפיקורסים? זאָלען זיי, אַ!״—האָט אויסגעשריגען ר׳ זעליג, וועלכען דער נייער כוס האָט אויפגעמונטערט,—„עט, יודען בלייבען יודען! וואַרט, ישראל, איך פערקאַשער אויך די פּאָלעס״.

מיט דער געשיקטקייט פון אַ יונגען יונגעל איז ער איבערגעשפרונגען איבער׳ן טיש און צוגעטאַנצט צו ישראל׳ן.

„לאָמיר טאַנצען, ישראל״—האָט ער געזאָגט,—„אָט זיי אויף צופוקעניש. עט, שטאַרקע דורות, שוואַכע דורות, אַלצאיינס, פרעהליכער, לעבעדיגער! זינגט, חברה! ע! אַלע פרום—וועט משיח קומען; אַלע נישט פרום, וועט ווידער משיח קומען; לעבעדיגער, ישראל! אי הו, אי הו, שישו ושמחו בשמחת תורה!...״

זיי האָבען געטאַנצט מיט בעגייסטערונג, מיט התלהבות;

זיי האָבען געוואָלט מיט די פיס, מיט די הענט, מיט'ן קאָפּ, מיט יעדען אבר אַרויסווייזען, וואָס עס טוט זיך ביי זיי אין האַרצען, אַרויסגעבען זייערע געפיהלען. זייערע פנים'ער זענען געוועזען רויט און זייערע אויגען האָבען געברענט מיט אַנ׳-אינוועניגסטען פייער. דאָס האָבען זיי געדינט גאָט, געגעבען אים אַ שבח און געהאָפּט, געהאָפּט, און נאָך מער ווי געהאָפּט! זיי זענען איצט זיכער געוועזען, אַז אַלץ, אויף וואָס זיי האָפּען און אויף וואָס דאָס גאַנצע יודישע פאָלק האָפּט, וועט מקוים ווערען, אַז אַלץ וועט זיין גוט.

און דער גאַנצער עולם האָט עס דערפיהלט. דאָס האָט מען געהערט אין דעם עולם׳ס וואַרימען האַרציגען זינגען, געפיהלט אין דעם הענטפּאַטשען, געזעהן אין די לויכטענדיגע אויגען. צו זעליג׳ן און ישראל׳ן זענען צוגעשטאַנען נאָך אייניגע און נאָך אייניגע, און באַלד האָט זיך שוין דער גאַנצער עולם געדרעהט, געשפּרונגען און געקוליעט...

און באַלד איז פול געוועזען זייער נצחון; זיי האָבען אַריינגעטאַנצט צו די יונגע אין צימער, און ר׳ זעליג האָט זיך געשטופּט און געשטויסען, און געשלעפּט די יונגע מיט זיך אין טאַנץ, און געשלאָגען זיי אין נאַקען, און געטייטעלט מיט די פינגער און געזונגען: „האַ, משומדים, וואָס, משומדים! האַ, משומדים, וואָס, משומדים!" און דער גאַנצער רוישענדיגער טאַנצענדיגער עולם האָט אים נאָכגעמאַכט, געשלעפּט די יונגע מיט זיך אין טאַנץ און געשטופּט זיך און געשטויסען און אַרויסגעשטעקט זיי די צינגער, און געבעקעט, און געטייטעלט מיט די פינגער, און אין כאָר געזונגען: „האַ, משומדים! וואָס, משומדים! האַ, משומדים! וואָס, משומדים!"———

און די יונגע האָבען זיך אָבגעשלאָגען פון זיי, געראַכערט זייערע פּאַפּיראָסען, און — געפיהלט זיך ווייט פון די אַלטע, פון די אַלטינקע...

בעל־מחשבות

פסח־שטימונגען

קליינער נאָטיץ.

על-מחשבות — דער פסעוודאָנים פון דעם יודישען קריטיקער און פובליציסט איסידאָר עליאַשעוו; געבוירען אין יאָר 1873 אין קאָוונע. זיינע קריטישע ארטיקלען צייכענען זיך אוים מיט געשמאַק און פיינעם סטיל. בעל-מחשבות איז אייגענטליך דער ערשטער יודישער קריטיקער, ד. ה. ער האָט דער ערשטער בעהאַנדעלט דעם געגענשטאַנד אָהן זייטיגע טענדענצען, אָבגעשאַצט אַ ווערק אין די אייגענע ראַמען פונ'ם ווערק און דער ערשטער געגעבען דעם לעזער אַ קלאָרען בעגריף פון אַ שרייבער. נאָר אין בעל-מחשבות'ן איז פאַראַן עפּיס בעלעטריסטישעס: ער איז אויפ'ן מיט-וועג צווישען בעלעטריסט, קריטיקער און פובליציסט. אפשר איז דאָס זיין פעלער: דער בעלעטריסט האָט אין אים עטוואָס קאַליע געמאַכט דעם קריטיקער און דער קריטיקער דעם בעלעטריסט. בעל-מחשבות האָט זיך צוצווייגט, אָבער אַ הויכער בוים האָט שטענדיג וועניג צווייגען. דער בעדאַכטער לעזער אָבער וועט שטענדיג וויסען ווי אָבצושאַצען בעל-מחשבות'עס פערדינסטען פאַר דער יודישער ליטעראַטור

בעל־מחשבות.
(א. עליאַשעוו).

פסח־שטימונגען.

איטליכס מאָל, ווען עס קומט מיר אויס צו זיצען פסח ביים סדר אין אַ פאַרצייטיגען אַלטמאָדישען פרומען הויז, הויבט־אָן אין מיר עפּיס צו זינגען און צו זאָגען, און מיין האַרץ פיהלט זיך אָן מיט גאוה.

דער „ישראל סבא," דער אַלטער גרייז־גרויער ישראל זיצט פאַר מיר, איך פיהל מיין אַלטען גרייז־גרויען יחוס, און שטאָלציר מיט מיין גזע, ווי אַ זוהן פון אַן׳אַלטער דינאַסטיע, און מיינע אויגען בלאָנדזשען צווישען אַלטע גרייז־גרויע צייטען, ווי אַ היימישער, ווי אַן׳אייגענער צווישען אייגענע, ווי אַ זקן צווישען זקנים.

עס זינגט אין מיר: דו ביזט אַ יוד, אַ יוד... דו ביזט אַ קינד פון אַ פאָלק, וואָס האָט דורכגעוואַנדערט אַ גאַנצע וועלט. ערגיץ־וואו טיף לעבען אין דיר זכרונות פון עגיפּטישע פּיראַמידען, פון ריזען־גרויסע ספינקסען, פון זונענגעדטנער און אַפּיס׳ן, פון שטעדט מיט וואונדערליכע טירען און טויערן, פון בית־עלמנ׳ס מיט שטיינערנע און מאַרמאָרנע ארונות, פון שענע קרעפטיגע מענשען מיט פנימ׳ער, ווי פון עלפענביין, פון שענע צאַרטע פרויען מיט דינע פיינע הענט, געטאָקט, ווי פון עלפענביין.

עס זינגט אין מיר: אַ פּרינצעסין האָט דיין פירער דעם ערשטען קוש געגעבען, אַ קעניג האָט אים אויף די הענט געטראָגען,

שטעדט און פאלאצען האבען געבויט דיינע עלטער-עלטער זיי-
דעס, אין הארטע פעלזען האבען זיי איבערגעלאזען טיפע איי-
ביגע סימנים, זייער הויט איז פון א הייסער זון פערברוינט
געווארען און אין מארך פון זייערע ביינער האט געפלאסען די
קילקייט פון א נילוס, דער ריח פון וואונדערליכע פרעמדע ברייט-
בעכערדיגע געוויקסען, דאס גערויש פון שטילע געדיכטע פאל-
מען-וועלדער.

עס זינגט אין מיר: דו ביזט א יוד, א יוד, א יוד... די
אלטע פארצייטיגע חרטומים מיט זייערע וואונדערליכע טורבאנען
אויף די קעפ זענען דיר געווי אזוי בעקאנט, ווי א היינטיגער
בישאף אדער קארדינאל מיט זיין רויטען הוט; און דער קלאנג
פון אנ׳עגיפטישען מעמנאן-טעמפעל איז דיר נישט-ווייניגער בע-
קאנט, ווי דער קלאנג פון די גלאקען אין קאטוילישער תיפלה.
אין דיין טויזענדיעריגען גלות האבען זיך אין דיין גייסט אָב-
געשפיגעלט אהן א סוף פעלקער, קולטורען און רעליגיעס; דו
טראגסט מיט דיינע אייגענע זכרונות נאך די זכרונות פון אלע
די, וואס האבען געלעבט מיט דיר און ארום דיר. דו ביזט א
שטיק לעבעדיגער „ספר הזכרונות,״ דו ביזט די געשיכטע אליין
און אין איטליכען לעבענסקעמערל פון דיין געטליכען גוף ליגט
פערצייכענט א גאנצער „דברי הימים.״

דו ביזט א יוד, א יוד, א יוד; א וואונדערליך פאלק, וואונ-
דערליך פאר זיך, וואונדערליך פאר דער וועלט. דו ביזט א קינד
פונ׳ם אויסדערוועלטען פאלק, וואס איז אזוי אויסדערוועלט גע-
ווארען צו א לאנגען, משונה-לאנגען לעבען; ווען עס איז
בעשערט געווארען ביי איטליכען קניפעל, וואס די וועלטגעשיכ-
טע מאכט, צו שטעהן איז רעכטען מיטען, אין סאמע געדיכטען;
וואס איז אנ׳אייביגער בעל-יסורים צוליב זיין אייביגען לעבען.

* * *

און וואס ווייטער עס זינגט אין מיר, אלץ שווערער,
שווארצער ווערט די מעלאדיע: איך פיהל די משא פון אנ׳אייביגען

לעבען, דעם שווערען יאָך פון צו זיין אַ לעבעדיגער „ספר הזכרונות.“

און ווען מען פילט-אָן אליהו הנביא׳ס כוס, און דורך דער אָפענער טיר פליהט-אַרויס אויף דער וועלט דער „שפוך חמתך“, קויקט צו אַ נייַ געפיהל, דאָס ביטערע געפיהל, צו זיין אַ ספר-הזכרונות, וואָס פערצייכענט אויף איטליכען בלעטעל אַלץ די אייגענע יסורים. דען אין „שפוך חמתך“ קלאָגט זיך מיין פאָלק דערויף, וואָס מען קען נישט זיין העכסטעס, זיין הייליג-סטעס, זיין גאָט. ווער עס קאָן אָבער נישט דעם גאָט פון אַ פאָלק, קאָן אויך דאָס פאָלק נישט... און מען קאָן אונז נישט, מען וויל אונז נישט קאָנען, און וואָס איז נאָך ערגער: מיר ווילען זיך אַליין נישט קאָנען.

צו אַלע צייטען האָט אויפגעפלאַקערט ביי אונז דער צאָרן געגען די, וואָס האָבען אונז געפייניגט און זיך געבאָדען אין אונזער בלוט. דעם „שפוך חמתך“ האָט שוין אַ בר כוכבא געזאָגט: דאָס גאַנצע מיטעלאַלטער אַדורך האָט טיף אין די יודישע הערצער געקלונגען דער ווילדצאָרניגער „שפוך חמתך“ און איצט, ווען מיר גרויסען זיך מיט׳ן קלוגען צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט, קלינגט ער פון די הגדה-זאָגער׳ס ליפען מיט דעם אייגענעם אַמאָליגען כעס.

און וואָס עס איז נאָך ביטערער פאַר אַלץ: עפיס אַ נייע נאָטע איז צוגעקומען צו איהם. דער „שפך חמתך“ בעציהט זיך שוין נישט אויף זיי אַליין, זיי גרייכען אויך צו די אייגענע, די נאָנטע, די ברידער פון איין פאָלק, וועלכע צופאַלען און צו-פוילען און פערלייקענען דאָס יודענטום, דאָס יודישע פאָלק מיט נאָך אַ גרעסערער עקשנות, ווי די פרעמדע פעלקער. אמת, עס ווערט נישט געזאָגט פסח ביי דער הגדה, דערפאַר אָבער קלינגט ער אַרויס פון צענדליגער ווילדפלאַקערנדיגע ביאַליקשע שירים, און פון הונדערטער פאָליטישע נאַציאָנאַלע רעדעס, וועלכע ווערען געזאָגט נישט ביים סדר, נאָר אויף עפענטליכע בימות. דער „שפוך חמתך“ איז געוואָרען די מעלאָדיע פון אַ גאַנץ יאָר. ער האָט זיך צוגאָסען אין אַלע אונזערע גלידער, ער האָט זיך ווי אַ גיפט צו-

טראָגען דורך אַלע אונזערע בלוטאָדערן. עס פלאַמט און פלאַ-
קערט אין אונז אַ ווילדער כּעס, אַ כּעס אויף דער וועלט, אַ כּעס
אויף זיך אַליין, אַ כּעס אויף דעם גאָט, וואָס האָט ווי פער-
געסען זיין צוזאָג אויף אַ דערלייזונג.

*　*

*

די טיר איז אָפען, דער אליהו-הנביא׳ס כּוס איז פול, דער
מלך אין מתים-קיטעל הויבט זיך אויף פון דער הסבה-בעט און
הויך און קרעפטיג שרייט ער אַרויס זיין „שפוך חמתך." די
קליינע קינדער מיט אויפגערעגטע פּנימ׳לעך וואַרטען אויף אַ
וואונדער: אליהו הנביא וועט באַלד אַריין, דער גרייז-גרויער
אליהו, דער פייערדיגער רייטער, דער שטאַרקער, צאָרניגער, דער
צופלאַקערטער נביא, דער גרויסער שולטער מיט אַ האַרץ, וואָס
צוגעהט פון רחמנות, מיט שווערע גרויע ברעמען איבער די
שוואַרצע אויגען. די וועלט איז, ווי אַ צוקאָכטער ים, און דאָס
יודישע פאָלק איז, ווי אַ שפענדעל אין זיינע ווילדע גרויזאַמע
וועלענהענט. אליהו הנביא מוז קומען.

עס מוז קומען אַ נס, עס מוזען געענדערט ווערען די
מעשי-בראשית, דערמיט דאָס פאָלק זאָל נישט אינגאַנצען כּלה
ווערען. אַ נס מוז געשעהן, אליהו הנביא מוז קומען!..

—דער מלך אין מתים-קיטעל האָט געענדיגט זיין שפּרוך,
ער זעצט זיך צוריק אויף די ווייכע קישענס, די טיר איז ווי-
דער פערריגעלט, און נאָך לאַנג, לאַנג קוקען די קינדער אויף
די פערמאַכטע טיר. מען האָט זיי ווידער אָבגענאַרט, קיין נס
איז נישט געשעהן! נישטאָ קיין נסים. אליהו הנביא האָט נאָר
זיין מאַנטעל אויף דער ערד איבערגעלאָזען. דער פייערדיגער
רייטער איז ווידער נישט געקומען...

*　*

*

איך בין אַ יוד, אַ יוד, אַ יוד... אין מאַך איך אַ בעוועגונג,
דוכט זיך מיר אויס, אַז טויזענדער עלטערזיידעס פאַר מיר
האָבען שוין דאָס אייגענע געמאַכט. מיין לאַנגע היסטאָריע האָט

אויסגעפוצט די קאַמערן פון מיין האַרצען מיט טויזענדער שפּיגלען, און טו איך עפּיס, טוען עס גלייכצייטיג טויזענדער, טויזענדער נאָך ...

איך בין אַ יוד, און געה איך אַרויס אויף די גאַס זוכען מיין שטיקעל חיונה, בין איך איינזאַם, ווי אַ שטיין, אָהן אַנ׳אייגען לאַנד, אָהן אַ שפּראַך, אָהן אַנ׳אָרגאַניזירט פאָלק. אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען פון טויזענדער שטאַרקע, אָרגאַניזירטע פיינד.

קוק איך אין מיין געשיכטע אויף הינטען, צוריק, זעה איך מיליאָנען אייגענע, היימישע ליבע און טייערע מענשען... קוק איך פאָרענט, מאָלט זיך מיר מיין צוקונפט, ווי אַ מדבר, אָדער איך פיהל זיך ווי, אַ פרעמדער אָרימער אורח אין אַ גרויסער קאָכעדיגער שטאָדט.

פסח, ווי אין יעדען יום-טוב, לעב איך הינטערווייליכס, לעב איך אין מיין היסטאָריע, פיהל איך מיר אַלס רינגעל אין איין אונענדליכער קייט, פערליר איך דאָס געפיהל פון איינזאַמ-קייט און וואַרים מיך צווישען טויזענדער אייגענע היימישע ליבע פאָרעלטערן. איך פערזינק אין דעם יודישען אַמאָל און בעקום אויף אַ רגע, אַ גאוה, אַ געפיהל פון זיכערקייט און בעזעסענקייט, און פערגעס אפילו אויף אַ רגע די טעגליכע יסורים.

מיט איינמאָל אָבער קומט דער „שפוך חמתך”... די טיר פאַר אליהו מאַכט זיך צו אויף אַ גאַנץ יאָר... און קיין נס איז נ״שט געשעהן ... און אין מיין פסח-שטימונג גנב׳עט זיך אַריין אַ שווערע עצבות...

אין גלות איז דער היסטאָרישער יום-טוב דאָפּעלט ביטער, ווייל ער איז דאָפּעלט זיס.

מ. י. בערדיטשעווסקי

ווידע

קליינער נאָטיק.

מיכה־יוסף בערדיטשעווסקי איז געבוירען געוואָרען אין יאָר 1865 אין בערשאַד, פּאָדאָליען. ער איז איינער פון די מערקווירדיגסטע און אָריגינעלסטע העברעאיש־יודישע שריפטשטעלער. ער געהערט צו יענעם מין קינסטלער, וואָס זייער סטיל און לשון זענען אַזוי נישט געקינסטעלט און פּאַלקסטימליך, אַזוי נאַטירליך און איינפאַך, אַז מען שפירט ביי זיי נישט דעם פּראָצעס פון לייענען, ווי עס שפירט זיך נישט דער נאַטירליכער גאַנג פון אַ לעבענס־געשעהעניש. עס'ז רעדט אַזוי נאַטירליך, עס'ז געהט־פאַרביי אַזוי וואָכעדיג־לעבעדיג, עפּיס פערוויקעלט זיך אַזוי רעאַל, אַז עס מאַכט, דאַכט זיך, קיין רושם נישט. נאָר ווי מען נעמט־אַוועק די אויגען פון מיכה־יוסף בערדיטשעווסקיס שטילע שורות, הויבען ערשט אָן אויפלעבען זיינע שטילע שורות, וויקלען זיך פונאַנדער פאַר די אויגען זיינע שילדערונגען, הויבט־אָן וועהען מיט אַלטער יודישקייט זיין לשון, אַז מען קאָן זיך פון זיי לאַנג נישט באַפרייען. און דעמאָלט דערפיהלט מען, וואָס פאַר אַ שטיל און קינסטלערישע ווערק מען האָט נישט לאַנג געהאַלטען אין די הענד

י. בערדיטשעווסקי.

זיידע.

זיין פאָטער ישכר-בער קוטנער איז געווען אַ יוד, וואָס איז געזעסען כל ימיו אין אַ דאָרף אָהן אַ פּיצעל נשמה פון אַ דאָרפס-יודען. עפּיס פאַר פערציג יאָר איז אים געווען בעשערט חוגגה צו האָבען אין אַ דאָרף; און אַז ער האָט אָבגעגעסען זיינע זעקס יאָר קעסט און דער שווער איז געשטאָרבען, איז ער אַליין געבליבען אין דאָרף. דאָרט האָט ער געהאַלטען אַ קלייטעל, געהאַנדעלט מיט תבואה און מיט האָלץ, אַמאָל פלעגט ער פערקויפען אַ קצב אַ שטיקעל סקאָט, וואָס ער האָט אויסגעהאָדעוועט, אָבער אַליין אין האַרצען איז ער געבליבען אַ תהלים-זאָגער, אַ משניות-לערנער, צי גאָר אַ שטיקעל בעל-תפלה, אַז ער פלעגט קומען אין שטאָדט אַריין

ביילע, זיין מוטער, האָט צו דעם פאָטער, ישכר-בער'ן נישט אַזוי געפּאַסט. ביילע איז געווען העכער פון אים מיט אַ קאָפּ, און אַ יודענע, וואָס נאָך אין די שפּעטערע יאָרען האָט מען געזעהן, אַז זי איז געווען אַ שענע. אַז זי איז געווען אַ מיידעל, האָט זי גאָר אין זין געהאַט אַ נ׳אַנדערן חתן, אַ מענש, וואָס האָט געדינט אין אַ גאָראַלניע. חתונה נעהאַט האָט זי מיט ישכר-בער׳ן, וואָס ווען זי וואָלט זיך נישט געשעמט פאַר זיך—אַ יודענע מיט פינף קינדער—וואָלט זי זיך מודה געווען, אַז ער איז איר בסך-הכל נישט ליב ...

איר גאַנצע נחמה איז געווען זיידע, איר עלטערער זוהן.

און דעם האָט זי מחנך-געווען נאָך איר דרך. נאָר נישט אַן׳איינגעבויגענער יוד, ווי דער טאַטע, האָט זי זיך געזאָגט. און אַז ס׳איז געקומען די צייט, אַז ער האָט שוין געקאָנט אַ ביסעל עברי און מען האָט געזאָלט אָנהויבען מיט אים חומש, האָט זי זיך מישב געווען, אים אַוועקגעפירט אין אויעזדשטאָט, נישט אין דעם שטעדטעל, וואָס נעבען דעם איז געווען זייער דאָרף; דאָרט האָט זי אים אָנגעדונגען קעסט ביי אַ קרוב, וואָס איז געווען אַ שטיק היינטיגער, און מען האָט אָנגעהויבען מיט אים לערנען רוסיש. ישכר-בער האָט געמיינט, דער רוח נעמט אים, וואָרום בסך-הכל האָט ער פיינט דעם נייעם דור מיט אַלע זיינע קענטנישען, אָבער ביי זיין ווייב ביילען האָט ער קיינמאָל נישט געהאַט די דעה.

זיידע האָט זיך אַ לאַנגע צייט געגרייט און געגרייט און דערנאָך איז ער מיט גרויס מיה אַריינגעקומען אין פאָלקס-שולע. אין איטליכען קלאַס איז ער געזעסען צוויי יאָר, וואָרום דאָס לערנען איז געווען שווער, און דער מוח איז נישט געווען דער גוטער. דערפאַר אָבער איז ער שטאַרק געוואַקסען און גע-וואָרען אַ גרויסער און שטאַרקער יונג. אַז ער איז געקומען אויף יום-טוב אַהיים, האָט מען אים פשוט נישט דערקענט. געטראָגען האָט ער אַ קורץ רעקעל מיט מעשענע קנעפּ, אַ היטעל מיט אַ לעדערנעם דאַשעק און אויסגעזעהן האָט ער, ווי גאָר נישט קיין יודיש יונגעל.

ביילע האָט זיך אַוודאי געפרעהט, אָבער די פרייד איז נישט געווען אָהן עגמת-נפש. זי האָט זיך געטראַכט אין האַרצען, וואָס וועט זיין דער סוף פונ׳ם לערנען. אַז מען זאָל ווייטער שטודירען, האָט מען נישט פון וואַנען, און ער אַליין האָט אויך נישט קיין חשק דערצו... אַז ס׳קומט אַריין אַ שיקסעל, געהט ער צו איר צו און גוט איר אָן קונצען אַ קניפּ אין באַק. אַ מוטער אַז זי זעהט דאָס, האָט פון אַזוינס שטאַרקע יסורים.

און אַז זיידע האָט אויסגעלערנט און טאַקי געענדיגט אויף דריי קלאַסען און איז געקומען אין דאָרף אַריין שוין אויף כסדר,

האָבען זיך אָנגעהויבען די אמת'ע זאָרגען. אַ האַלבער אַ גע-ענדיגטער קאָן אַודאי נישט העלפען דעם פאָטער ביים מעסטען ווייץ, צי דער מוטער ביי די בהמות, און אַזוי ווערט מען אַ לעדיג-געהער. די ביכער ליגען און שימלען, און ווען מען האָט תחלת נאָך געשאָנעוועט דעם פאָטער, זיך געוואַשען צום עסען, זיך גע-זעצט פרייטאָגצונאַכט צום טיש, האָט דאָס נאָכדעם אויך אויפגע-הערט; מען זאָל נישט זינדיגען מיט די רייד, אַ ריינער משומד.

אין האָראָדישטש, אין דעם שטעדטעל נעבען דעם דאָרף, האָט מען געמיינט, אַז אַזוינער וועט ווערען אַ שרייבער אין אַ וואָלאָסט און וועט כאָטש פערדינען אַ קערביל. צונעהמען אַ יודען אויף אַזאַ שטעל האָט מען אָבער נישט געוואָלט; און די טבע איז געווען פון זיידען זיך נישט צו שמועסן, נישט עפיס ווילען צו דערגרייכען. שלאָפען שפעט ביז צען אַ זייגער, דערנאָך אויפ-שטעהן, זיך פאַוואָלינקע וואַשען און זייפען.—נישט נור פרייטאָג, נאָר אַלע טאָג, פוצען די שטיוועל און דעם סורדוט, איבערבייסען און אַוועקגעהן, ביז צום אָנבייסען—דאָס איז געווען זיין טועכץ אַלע טאָג. און דאָ איז מען געוואָרען איינאונצוואַנציג יאָר און מען האָט די טרפה'נע הצלחה צו ציהען אַ גרויסען נומער און בלייבען אין דערהיים.

וואָלט ער כאָטש געטראַכט חתונה צו האָבען און צו נעמען אַ ווייב און ווערען אַ מענש, ווי אַלע מענשען. אָבער דאָס אויך נישט. פינפאונצוואַנציג יאָר איז שוין זיידע אַלט געוואָרען און איז נאָך אַלץ אַ בחור. ס'נעהט אויפ'ן זעקסאונצוואַנציגסטען, אויפ'ן זיבענאונצוואַנציגסטען, מען איז אַכטאונצוואַנציג, באַלד דרייסיג, און אַלץ קיין תכלית נישט. אַז ער איז געקומען אין שטעדטעל אַריין, האָט מען אויף אים געטייט מיט די פינגער...

ישכר-בער, דער פאָטער, האָט נישט געטאָרט ריידען אַ וואָרט, צו אים גאָר עפיס זאָגען. אינדערפריה, אַז ער האָט גע-דאַווענט און קיינער איז נישט געווען אין שטוב, האָט ער גע-געבען אַ שטאַרקען וויין. דער שברון-לב צו זיין דער פאָטער פון אַזאַ זוהן, וואָס עסט פשוט קאָלבאָס און איז שוין גאָר קיין יוד נישט, איז נישט קיין קלייניגקייט. אָבער אויךביילע, די מוטער

זיינע, וואָס האָט תמיד געהאַלטען פון איר קינד — איר האָט גע-
הערט אַ קינד, אַ בחור פון דרייסיג יאָר — האָט אויך געהאַט אַ
וועהטאָג אין האַרצען. אַודאי איז ער, נעבעך, אַ גוט קינד, האָט
זי געטראַכט ביי זיך, אָבער ער האָט נישט קיין מזל.

מענשען האָבען איר געזאָגט, אַז ס'וואָלט געווען בעסער,
אַז ער וואָלט געבליבען אין אויעזדשטאָט. דאָרטען וואָלט ער
זיך געקענט צושלאָגען צו אַ שטעל. עפּיס מוז ער דאָך אָנהויבען
וועלען פערדינען. זיידע האָט אָבער גאָרנישט געוואוסט פון עצם
פערדינען, און אַז ער האָט זי געפאָלגט און איז געפאָרען אין
שטאָט אַריין זיך כלומר'שט זוכען אַ שטעלע, איז נישט אַוועק-
געגאַנגען קיין זעקס וואָכען, אַז עס האָט אים צוריקגעצויגען פון
שטאָט אין דאָרף אַריין... איר וועט מיר נישט גלויבען, אָבער עס
האָט אים אויך געצויגען צו דער מוטער... אָט דער גרויסער און
געזונדטער מענש, מיט'ן געשווירענעם באָרד, האָט געבענקט נאָך
דער מוטער. אַז ער איז געקומען אַהיים און די מוטער האָט אים
געדעקט צו דער וועטשערע, דער פאָטער איז נישט געווען; ער
האָט זיך געזעצט עסען; האָט זי זיך אַנידערגעזעצט אַקעגען
אים, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויףביידע הענט און געקוקט, ווי
ער עסט, איז אים איבערגעגאַנגען דאָס האַרץ. רחמי אם איז
אַ געפיהל, וואָס מאַכט אפילו אייזען ווייך...

ויהי היום, האָט ישכר-בער געהאַט יאָרצייט און ער האָט
געוואָלט מאַכען אַ מנין אין דאָרף. האָט ער צונויפגערופען ניין
יודען פון די דערפער — ס'איז אַ חרפה צו זאָגען, דעם אייגענעם
זוהן קאָן ער נישט מצרף זיין צום מנין, — אַלע ניין יודען זענען
געקומען און האָבען אָנגעטאָן די טליתים און האָבען זיך אַנידער-
געשטעלט דאַוונען. זיי שטעהען און שאָקלען זיך. דאָ קומט צו
לויפען אַ שייגעץ און גיט אַ קוק דורכ'ן פענסטער, אַזאַ אָנבליק
האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געזעהן. אַודאי איז ער באַלד צו-
געלאָפען צו אַנ'אַנדערן שייגעץ און אים אויך געוויזען די יודען,
וואָס שטעהען און שאָקלען זיך... און דאָס שייגעצל האָט אויף
קאַטאָוועס געכאַפּט אַ שטיין און אַריינגעוואָרפען אין פענסטער
אַריין. די יודען האָבען זיך דערשראָקען, און איינער איז אַרויס-

געלאָפען און האָט געוואָלט כאַפּען דעם שייגעץ. אָבער באַלד זענען אַרויסגעגאַנגען פון די כאַטעס אַלע גוים, וואָס האָבען ביז אַצינד קיינמאָל נישט געטשעפּעט ישכר-בער'ן און וואָס פּלוצים איז דערוואַכט געוואָרען אין זיי דער שונא ישראל; זיי האָבען זיך געוואָרפען אויף די יודען און האָבען אָנגעהויבען צו שלאָגען מכות רצח. מאָלט אייך אויס, דאָס גאַנצע דאָרף גוים וואַרפט זיך אויף אַ פּאָר דאַוונענדיגע יודען; ישכר-בער'ס שטוב איז שיער נישט צוטראָגען געוואָרען. אָבער דאָ האָט זיידע געוויזען, וואָס ער קאָן. ער האָט זיך אַנידערגעשטעלט קעגען די גוים מיט אַזאַ גבורה און האָט אָנגעהויבען צו שיטען אַזעלכע מורא'דיגע קלעפּ, אַז זיי האָבען געזעהן, אַז אים וועלען זיי נישט מנצח זיין. ווי אַלייב האָט ער געקעמפט געגען די פיינט און זיי זענען פו-נאַנדערגעלאָפען...

אַזוי האָט זיידע, דער פּוסטער בחור, געראַטעוועט פאָטער און מוטער, געראַטעוועט די שטוב, געראַטעוועט די יודען און געראַטעוועט דעם ספר, וואָס מען האָט אים געבאָרגט פון שטעדטעל.

אָט דאָסמאָל האָט ישכר-בער און אַלע יודען זיך דער-וואוסט, אַז מיט משניות-יודען אַליין און מיט לערנערס קומט מען נישט אויס, און אַז אַזוינע זיידעס קומען אויך אַמאָל דעם כלל שטאַרק צוניץ.

בריינין

שבועות ביינאַכט

קליינער נאָטיק.

ראובן בריינין, דער העברעאיש־יודישער שרייבער, איז געבוירען געוואָרען אין יאָר 1863 אין ליאָדי, מאָהילעווער גוב. אין יודיש האָט ער געשריבען פיל דערצעהלונגען, פעליעטאָנען, קריטישע ארטיקלען, ליטערארישע כאראקטעריסטיקעס, קאָרעספאָנדענציעס א. ד. גל. זיי אלע זענען געשריבען אין א לייכטען סטיל און טיילמאָל נישט אָהן הומאָר.

ר. בריינין.

שבועות ביינאַכט.

יונג בין איך דעמאָלט געווען. אין אַקליין שטעטעל האָב איך געלעבט, אין אַקליין הייזעל האָב איך געוואוינט. אין האַרצען אָבער האָב איך געטראָגען פיל בענקשאַפט נאָך ווייטע, גרויסע יועלטען. אַטרוימער, אַשווערמער בין איך געווען. אַלע מיינע חלומות, וואונשען, האָפנונגען, שטרעבונגען און פערלאַנגען האָבען זיך טיף אין מיר זעלבסט געשפונען. און קיינער האָט נישט געוואוסט, וואָס עס טוט זיך אינווענינ אין מיר. מיין אויסערליך לעבען איז געווען פרום, פאַנאַטיש און קליינשטעטעל-דיג-יודיש. איך האָב מיט אַמיידעל קיינמאָל אַוואָרט נישט גערעדט. ווען איך פלעג אמאָל בעגעגענען איינע אין אונזער געסעל, פלעג איך שעמעוודיג אַראָבלאָזען די אויגען. די שענסטע, די איידעלכטע פון זיי איז געווען רחל. זי האָט געוואוינט אַשטוב געגען אַשטוב מיט אונז. אָפטמאָל פלעגט זי זיצען און קוקען אין פענסטער פער׳חלומ׳ט, פערטראַכט. בגנבה פלעג איך וואַרפען אויף איר אַבעהאַלטענעם בליק, וועלכער פלעגט אָנפילען מיין האַרץ מיט זיס-שמערצליכע, גליקליך-טרויעריגע געפיהלען. אויך מיט איר האָב איך קיינמאָל אַוואָרט נישט גערעדט. זי האָט געלעבט אין מיין פאַנטאַזיע עפּיס ווי אַמין „שולמית” פון „שיר השירים”, ווי די שענע תמר פון „אהבת ציון”.

דאָס איז געווען אַצייט אין מיין ענטוויקלונג, ווען אין

מיר האָט זיך דערוואַכט מיט פולער קראַפט מיין גייסטיג לעבען. וועלטען פון געדאַנקען און געפיהלען האָבען אין מיר געקעמפט און זיך געראַנגעלט. אַלץ האָט אין מיר געשפּראָצט און גע-וואַקסען. די אייביגע פראַגען האָבען אָנגעהויבען עגבערן מיין מח מיט זייער האַרטען, שאַרפען שנאָבעל: וואָס איז גאָט? אינטערעסירט ער זיך ווירקליך מיט אונזער קליינעם לעבען? וואָס איז דאָס אַ נשמה? לעבט די נשמה אויך נאָכדעם, ווען אונזער קערפער איז שוין טויט? צו וואָס זענען מיר איבער-הויפּט דאָ אויף דער וועלט? וואו איז דער אמת און וואו איז דער שקר? און אין מיטעלפּונקט פון די אַלע פראַגען האָט שטענדיג געשוועבט דאָס בילד פון רחל'ען. דאָס בילד איז געווען אפילו אונקלאָר, נעבעלדיג, אָבער פול מיט צויבער און מיט גע-היימע כחות.

❁ ❁

און אין אַ זומערנאַכט האָב איך צום ערשטען מאָל גע-רעדט מיט רחל'ען, און פון דאַן אָן האָט מיין לעבען אַ נייעם וועג גענומען.

דאָס איז געווען אַ שבועות-נאַכט. ביז נאָך האַלבער נאַכט בין איך געזעסען מיט מיין פאָטער און געזאָגט דעם „תּקון-שבועות". מיר זענען געשפּרונגען פון איין פּסוק צום אַנדערן. דאָס מויל האָט געזאָגט, די האַנט האָט מעכאַניש איבערגעקערט די בלעט-לעך, אָבער מיינע געדאַנקען האָבען מיך ערגעץ-וואו אַנדערש געטראָגען. די אָבגעריסענע, אָבגעהאַקטע פּסוקים האָבען זיך נישט געבונדען, נישט געקלעבט מיט דעם אַלעם, וואָס האָט גע-לעבט און געוועבט טיף אין מיין האַרצען. עס האָט מיך גע-צויגען, ווי מיט מאַגנעט, אויפ'ן גאַס. איך האָב געפיהלט, אַז דאָרטען איז עטוואָס גאַנצעס, גרויסעס, טיפעס.

און ווען איך בין פאַרטיג געוואָרען מיט דעם „תּקון"-זאָגען, בין איך אַרויס אויפ'ן גאַס און זיך געזעצט אויף דער פּריזבע.

די נאַכט איז געווען שטיל, טונקעל, ווי אַ גרויסער סוד. די שטערען אין הימעל זענען געווען פול סודות. עס האָט אויסגעוויזען, ווי אַלץ וואַרט אויף עפּיס. איך בין געווען יונג, און די גאַנצע וועלט האָט מיר אויסגעוויזען יונג, שעמעוודיג, פער׳חלומ׳ט און פער׳כשופ׳ט. אין יענעם מאָמענט האָב איך געפיהלט, אַז איבערהויפּט איז נישט פאַראַן קיינע פראַגען און קיינע ענטפערן, קיין מענשען בעזונדער און קיין נאַטור בעזונדער, קיין נעכטען, קיין מאָרגען, קיין גוף און קיין נשמה, קיין לעבען בעזונדער און קיין טויט בעזונדער—עס איז אַלץ איינס. אַלץ איז פערשמאָלצען אין איין האַרמאָניע, אין איין אייביגער מוזיק, מוזיק אָהן קלאַנגען, אין אַנ׳אייביגען ריטם. איך האָב געפיהלט, אַז אַלץ אין מיר, איבער מיר, אַרום מיר דורשט, לעכצט נאָך ליבע, נאָך פעראייניגונג, נאָך שענקייט.

אין געסעל האָט מען קיין לעבעדיגע נשמה נישט געזעהן. פון די אָפענע פענסטערלעך, פון די קליינע הייזלעך האָט זיך נאָך געהערט דאָס פערשפעטיגטע זאָגען, האַלב-שלאָפענדיג, האַלב-וואַכענדיג, „תיקון", יעדער אויף זיין שטייגער: כלומר׳שט זינגענדיג, ברומענדיג, אויסציהענדיג יעדעס וואָרט, אָדער בהלה׳דיג-חאַפּענדיג.

* * *

מיינע אויגען זענען מיד געוואָרען, בעטראַכטענדיג די ווייטע שטערען, ווי זיי ווינקען איינער צום אַנדערן, און דער קאָפּ האָט זיך צו דער ערד אַראָבגעלאָזט. און דאָ האָב איך מיט אַמאָל דערזעהען, אַז רחל זיצט אויך אַנטקעגען מיר אויף דער פריזבע, נעבען איר הויז. איך ווייס נישט, ווי דאָס איז געשעהן, נאָר אין איין מינוט בין איך שוין געווען נעבען איר. אַ צייט לאַנג זענען מיר געזעסען איינער נעבען אַנדערן, און געשוויגען. עס האָט זיך געהערט און געשפּירט, ווי ביי יעדען פון אונז קלאַפּט דאָס האַרץ און ברענט דער אָטעם. באַלד האָב איך פערגעסען דעם הימעל מיט זיינע אונצעליגע שטערען. איך האָב געזעהן און געפיהלט נאָר די רחל. זי איז געווען פאַר מיר די גאַנצע

וועלט. אין אירע צוויי גרויסע, טיפע, ברענענדיגע, שווארצע אויגען איז געווען אַ ים מיט סודות.

פון די אָפענע פענסטער פון רחלס-הויז האָבען זיך גע-טראָגען ריחות פון פרישען זשאָווער און פעלדבלומען, מיט וועלכע רחל האָט אויסגעצירט, אויסגעבעט, צוליב שבועות, דאָס גאַנצע הויז.

— רחל'ע, ליבסטו בלומען?

— וואָס איז שייך ליב האָבען אַ זאַך, וואָס ס'האָט קיין נשמה נישט.

— אָבער איך האָב דאָך אַ נשמה, האָסטו מיך ליב?

רחל האָט אַראָבגעלאָזט אירע אויגען. איך האָב געשפּירט, ווי אַ שוידער איז איר דורכגעלאָפען דורך איר גאַנצען קערפּער, און ווי זי האָט אָנגעהויבען הייסער און עפטער צו אָטעמען.

— קאָנסטו מיר זאָגען, וואָס איז דאָס פאַר אַ יום-טוב שבועות? — האָט רחל פּלוצלונג געפרעגט.

— שבועות איז גאָט אַראָב פון הימעל אויפ'ן באַרג סיני און אונז געגעבען די עשרת-הדברות...

— און וואָס שטעהט דאָרט געשריבען?

— אַז מ'טאָר נישט גנב'נען...

— און ווער ווייס דאָס נישט!...

— אַז מ'טאָר נישט הרג'ענען...

— דאָס ווייס דאָך יעדער אַליין. און וואָס נאָך שטעהט דאָרט?

— אַז מען זאָל ערליך האַלטען פאָטער און מוטער...

— דאָס טוט דאָך יעדער אַליין...

רחל איז אייניגע מינוטען שטיל געבליבען; נאָך דעם האָט זי זיך ווי פון אַ טיפען שלאָף אויפגעכאַפּט און געפרעגט מיט אָפענע גרויסע אויגען: און צוליב אַזעלכע געוועהנליכע זאַכען, וואָס יעדער פערשטעהט עס פון זיך אַליין, האָט זיך גאָט גע-דאַרפט אַראָבלאָזען פון הימעל און ריידען מיט די מענשען!? ווען גאָט האָט זיך שוין אַמאָל יאָ בעוויזען צו מענשען, פאַרוואָס האָט ער שוין נישט בעסער דערקלערט אַזעלכע זאַכען, וואָס אָהן אים איז זיי שווער צו וויסען, למשל: וואָס איז דאָס

אזוינס לעבען? צו וואָס לעבט מען, ווען עס ווילט זיך נישט, וואָס איז די סבה, וואָס פילמאָל דאַכט זיך, אַז דאָס האַרץ ווערט אין שטיקער צוריסען. עס בענקט זיך, און מען ווייס נישט, וואָ... עס איז טרויעריג, און מען ווייס נישט פאַרוואָס. זאָג מיר, האָט זיך גאָט בעוויזען נאָר צו די אַמאָליגע דורות? פאַרוואָס לאָזט ער זיך נישט יעצט אַראָב צו אונז, צו דערקלערן, צוליב וואָס ווערען מיר געבוירען אויף דער וועלט, און פאַרוואָס לעבען די בלומען שענער, רייִנער און איידעלער אויף דער וועלט, איידער מיר, מענשען...

— האָב מיך רחל'ע, ליב, וועסט דו געפינען אַן ענטפער אויף די אַלע דייִנע פראַגען...

— זאָג מיר, ווי האָט מען דאָס ליב?

— אָט אַזוי האָט מען ליב...

צו דערקלערען מייִנע ווערטער, האָב איך ציטערנדיג רחל'ן אַ קוש געגעבען אויף איר ווייסען, צאַרטען שטערען.

— ניין, — האָט רחל'ע געזאָגט — אַזוי קאָן דאָך אויך אַ גראָבער יונג...

און רחל'ע איז אונצופרידען, ברוגז'דיג אויפגעשטאַנען פון איר אָרט.

— און זאָג דו מיר, רחל'ע, ווי האָט מען ליב.

— ליב האָט מען, ווען מען קאָן שענקען דעם אַנדערן דאָס גאַנצע לעבען. דאָס לעבען אָבער מוז דעמאָלט ווירקליך עטוואָס ווערט זיין, און דערצו מוז מען פריי זיין, גרויס זיין, שטאַרק זיין, דען נאָר פרייע, גרויסע, שטאַרקע מענשען קאָנען און דאַרפען ליבען, און נאָר אַזאַ ליבע קאָן גליקליך מאַכען.

און די אויגען רחל'עס, ווען זי האָט גערעדט, האָבען געגלאַנצט מער ווי די שטערען אין הימעל...

איך האָב זיך אַייִנגעקוקט אין אירע אויגען און די ווערטער פון רחל'ען זענען פאַר מיר געוועזען אַ נייע ענטפּלעקונג...

ה. ציימלין

מיין שטעדטעל

קליינער נאָמיק

הלל צייטלין איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1872 אין קאָרמע, מאָהילעווער גוב. לויט׳ן טאַלענט איז צייטלין נישט קיין בעלעטריסט, אָבער פון זיינע שורות שלאָגט טיילמאָל ארויס אַזאַ כח און פאַרביגקייט, אַז מאַנכע זאַכען זיינע ווערען געלויבט ווי דיכטונג. דער זאַץ איז בעוועגליך, דאָס וואָרט פריש און בילדעריש און אינגאַנצען מאַכען זיי דעם איינדרוק, ווי זיי האַלטען דורכגעוועבט געוועזן מיט הייסען בלוט און נערווען. צייטלין איז נישט קיין בעלעטריסט, נאָר פון פובליציסט שפּרינגט ער אייליג איבער צום דיכטער, אויסמיידענדיג דעם מיטען—דעם בעלעטריסט. און אין אָט דעם פאַרבאָרגענעם גאַנג פון פובליציסט צום דיכטער, און צוריק, פון דיכטער צום פובליציסט, ליעגט אַ שטיק רייץ פון צייטלינ׳ען אלס שרייבער.

ה. צייטלין.

מיין שטעדטעל.

איר האָט ביי מיר אַלץ אָבגערויבט, איר האָט ביי מיר צוגענומען מיין גאָט, מיין גלויבען, מיין האָפנונג, וואָס האָט איר אָבער צו מיין שטעדטעל געהאַט? — — —

איר האָט ביי מיר אַלץ צוגענומען, איר קאָנט מיר צוריק גאָרנישט געבען. גיט-זשע מיר כאָטש מיין שטעדטעל צוריק.

גיט מיר די הויכע שוהל, וואָס איז שוין הונדערטער יאָרען אַלט. מען דאַוונט שוין דאָרט לאַנג, לאַנג נישט. חרוב איז זי געוועז. חרוב'ערהייט אָבער איז זי הייליג און גרויס געוועז.

מען טאָר אַהין ביינאַכט נישט געהן. נאַכט און נאַכט דאַוו-נען דאָרט די מתים. עס קומען אַראָב אַלע הייליגע צדיקים, שטעלען זיך אויף דער חרוב'ער בימה, ברענגען מיט זיך אַ פייערדיגע ספר תורה. משה רבינו איז דער בעל קורא: יעמוד יצחק בן אברהם...

נאַכט און נאַכט איז די הויכע שול פול מיט צדיקים, מלאכים און שרפים, די צדיקים דאַוונען, די מלאכים זאָגען שירה, די שרפים זאָגען: קדוש, קדוש.

נאָר אַז מיר, קינדער, קומען אַהין גאַנץ פריה, געפינען מיר שוין די הימעלוואוינער נישט. די צדיקים זענען אין גן-עדן, די מלאכים הויך, הויך אונטער'ן כסה הכבוד —

מיר זעהען אָבער פאַר זיך דעם הויכען, הויכען דאַך. פוי-געלעך פליהען דאָרט אַרום פראַנק און פריי. עס איז זייער אָרט. קיינער שטערט זיי נישט.

נאַכט און נאַכט, ווען די הייליגע חבריא קומט אַראָב דאַוונען—דאַוונען די פויגעלעך אויך מיט זיי.

און ווען מען רופט אויס: יעמוד יצחק בן אברהם און משה רבינו לייענט אים, ווי אַזוי מען האָט אים, יצחק'ן, צו דער עקידה געפירט און די מלאכים טוען אים אָן קרוינען אויפ'ן קאָפּ, פערשפרייטען די פויגעלעך זייערע פליגעלעך איבער אים און מאַכען אים אַ חופה.

און בשעת מען לייענט, ווי אַזוי משה האָט די יודען פון מצרים אַרויסגעפירט, קלינגט איבער גאָר די וועלט די שירה פון די אבות און פון די פייגעלעך...

און ווען מען לייענט פון אַלע נסים, פון אַלע וואונדער, זענען זיי דאָ. מיט אַלע הייליגע און ריינע דערצעלען זיי די שבחים פון גאָט—

און אַז מיר קומען אינדערפריה, זעהען מיר די פייגעלעך אַרומפליהענדיג פון וואַנט צו וואַנט, פון פענסטער צו פענסטער. עס ציטערן זייערע פליגעלעך, עס הערט זיך נאָך דער בת-קול פון דער נאַכט-תפילה...

און דאָרטען, אויפ'ן וואַנט, זענען נאָך גאַנץ די עשרת הדברות. אַ משונה'דיגער מזרח, אַ מנורה מיט זיבען רערען, אַ לייב, אַן אָדלער—

און נאָך פיל, פיל ציורים. נאָר זיי זענען שוין אָבגע-מעקט. הונדערטער יאָרען איז זי אַלט, אָט די שוהל.

און שטעהענדיג אין דער אַלטער שוהל, ווערט דאָס האַרץ פול מיט פרייד און צוזאַמען דערמיט אויך מיט אַ גרויסער אימה. עס פיהלט זיך דאָס רוהען פון גאָט אין דעם אָרט—

און מיט אַ האַרץ, פול פרייד און וועהטאָג צוזאַמען, לאָזען מיר די הויכע שוהל, געהען-אַריין אין דעם אַלטען חסידישען בית-המדרש, וואָס איז דערביי. דאָרטען דאַוועגט מען און מען לערנט—

און אָט שטעהט ער, דער אַלטער רבי יעקב אַרום מיטעל-באַנק, דער קאָפּ אַריבערגעדעקט מיט׳ן טלית. ער דאַווענט שטיל. נאָר אָט געהט זיך דער עולם פונאַנדער. עס בלייבען נאָר יחידי סגולה. דעמאָלט הויבט ר׳ יעקב אָן זיין הב״ד. עפּיס ווי אַ שטיין פאַלט אים אָב פונ׳ם האַרצען. ער איז איצט אַליין, ער קאָן דאַווענען, ווי ער וויל.

און עס ווערען קולות וברקים. ד׳ אלהיכם אמת—הויבט ער אָן אויסשרייען—

און עס ציטערן די ווענט. אמת, אמת, שרייט ער. געוואַלד, אמת!

און עס פיהלט זיך, אַז דאָס איז אַזוי, אַז עס מוז אַזוי זיין, אַז עס קאָן אַנדערש נישט זיין. אַז עס איז דאָך פּאָרט אַזוי.

אַז ער איז דאָך פּאָרט אמת און אמת איז ער

און דאָרט, דאָרט, ערגיץ אין אַ ווינקעל פון חדר שני שטעהט רבי אברהמל דער דאַוונער. אַנ׳אורח איז ער ביי אונז

ער דאַווענט גראָד אָהן רעש. קלאָר, וואָרט ביי וואָרט, נאָר אין יעדען וואָרט לעגט ער די גאַנצע נשמה אַריין—

און ליב האָט ער בשעת מעשה אָבטייטשען זיך יעדעס וואָרט. ער קאָן זיך נישט איינהאַלטען און זאָגט-אַרויס דעם טייטש.

און ער האָט זיך אַ טרויעריג נגונ׳דעל און קלאַפּט זיך צו מיט׳ן פוס—

הללוהו שמש וירח, דו, זון, לויב-זשע גאָט, דו, לבנה, לויב גאָט, הללוהו כל כוכבי אור, איר, שטערען, לויבט-זשע ווייטער גאָט, לויבט אים איר, הימלען, איר, הויכע הימלען—

וואַסער, פייער, ווינטען, בערג, בוימער, אַלטע, יונגע, אַלע, אַלע, אַלע לויבט דעם בורא.

און אָט אין אַנ׳אַנדער ווינקעל שטעהט איינער אַ יונגער-מאַן. נישט קיין הויכער, אַ שוואַרץ רונד בערדיל, אַ פּאָר ברע-נענדיגע שוואַרצע אויגען. אַריינגעטאָן אין אַ טיפער, טיפער התבוננות...

פלוצלונג טוט ער זיך אַ כאַפּ. עפּיס ווי אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געטאָן. אַי, אַי, אַי, און לויפט-ארום פון וואַנט צו וואַנט, פון איין עק שוהל צום צווייטען, ביז וואַנען ער בערו-היגט זיך אַ ביסעל און ווערט ווייטער אַריינגעטאָן אין זיין התבוננות...

און אָט שטעהט אַ יוד, מאַכט משונה'דיגע העויות, שרייט-אויס ווילדע, משונה'דיגע קולות—

און אָט שטעהט ער, דער מנגן אַליין. אייגענטליך איז ער גאָר קיין חזן נישט. ער קאָן ביים עמוד נישט דאַווענען.

נאָר ווען ער דאַווענט אַ ל יי ן, ווען דער עולם געהט זיך פונאַנדער, שטעהט ער שעות'ווייז און... איר פון אים קיין געשריי נישט הערען.

איר וועט נאָר הערען פון אים כל המיני נגונים שבעולם. ער וועט אייך אַלץ אויסזינגען.

איר וועט הערען אין זיינע נגונים דעם טיפסטען טרויער, די גרעסטע פרייד. טרויער און פרייד צוזאַמענגעמישט, בענג-שאַפט אָהן ענדע, האַרצרייסעניש און קלאַג, אינערליכע ליידען, שטרעבען אין דער הויך און פאַלען, דאָס בעטען זיך פון אַ קינד, די טרייסט פון אַ פאָטער, ישועות ונחמות פון אַנ'עולמות עליונים.

און אָט שטעהען אַרום טיש אַ פּאָר יונגעלייט פון די שאַר-פע משכילים אין חסידות. מען רעדט זעהר שטיל. האַלבע דבורים, מער מיט'ן וואונק, מיט'ן קנייטש.

— איך קאָן פאָרט נישט משיג זיין ווי אַזוי איז עס דער שכל פון משכיל און מושכל *) בשעת זיי זענען בכח—איינס?

—ווייל זיי זענען דאַן אין אַין און אין „אַין”, מוז אַלץ קומען לידי אחדות הפשוטה.

—איז דאָך אָבער דאַן נישטאָ קייז שכל, משכיל און מושכל?...

---

*) דער שכל אליין, משכיל—דער כח, וואָס איז משיג, וואָס דער גרייפט; מושכל—די זאַך, וואָס ווערט דערגרייפט, מושג.

—און אַרום אַ צווייטען טיש שטעהען ווייטער אַ פּאָר חסידי-שע יונגעלייט. מען רעדט מילי דבדיחותא.

—אַ מתנגד איז, ווי יענער גוי, להבדיל, וואָס זאָגט: ניע אוקראַל ניטשעהאָ, ניע אוביל ניעקאָהאָ, וו'סאַמי ראַי פּאָידו...*) ער האָט אַלץ מקיים געווען, ער האָט זיין חוב אָבגעפּטר'ט. וואָס דאַרף ער נאָך?

—גאָט קאָן זיך אים קיינמאָל נישט אויסצאָלען. סטייטש: ער האָט קיין חזיר נישט געגעסען און האָט קיין בויגעל פון מאַרק נישט געכאַפּט...

און אָט געהען שוין אַרויס די לעצטע פון בית-המדרש. אַ ווײַלע ווערט עס שטיל.

די זומערזון שיינט אין די הויכע פענסטער אַריין. אַרום בית-המדרש אַ גרינע לאָנקע. עס עפענען זיך די פענסטער. דאָס גרינס קוקט אין בית-המדרש אַריין.

אַ ווײַלע ווערט עס שטיל. באַלד הערען זיך ווייטער קולות. עס הערט זיך דאָס געזאַנג פון תורה.

מיר, קינדער, נעמען-אַרויס גמרות, חזר'ן די שעורים, „לייענען" נייע — —

און דאָרט, אַרום די טישען, זיצען עלטערע בחורים, זענען פערטיפט אין לערנען, זינגען ווער שטיל, ווער אויפ'ן קול— איינער:

בשעה שעלה משה למרום, בשעת משה איז אויפ'ן הי-מעל אַרויף, מצא להקב"ה, האָט ער געפונען גאָט ברוך הוא, שהוא יושב וקושר כתבים לאותיות—ער קרוינט קרוינען צו די אותיות—

און אַ צווייטער:

בשעה שעלה משה למרום, בשעת משה איז אַרויף אויפ'ן הימעל, בקשו מלאכי השרת לדחפו, האָבען די מלאכים געוואָלט

---

*) איך האָב גאָרנישט גע'גנב'עט, קיינעם נישט גע'הרג'עט, איך וועל גלייך אין גן-עדן אַריין.

אים אַראָבשטויסען, אמרו: מה ליליד אשה בינינו? וואָס האָט אַ מענש צו טאָן ביי אונז?...

מיד פרש עליו עננו—האָט אויף אים גאָט זיין וואָלקען פערשפרייט, האָט אים אין וואָלקען אַריינגענומען— — —

און אַ צווייטער:

אמר הקב"ה, עס האָט געזאָגט גאָט ברוך הוא, עלי לשלם את הבערה שהעברתי בציון, איך דאַרף בעצאָלען פאַר דער שרפה, וואָס איז געווען אין ציון. מיט פייער איז זי חרוב גע-וואָרען און מיט פייער וועט זי געבויט ווערען— — — — —.

עס איז געקומען ערב שבועות. פריי פון חדר, פריי פון לערנען, לויפען מיר אַרום אין די גרינע פעלדער אַרום שטעד-טעל. מיר דראַפּען זיך אויפ'ן הויכען באַרנבוים, וואָס איז אַרום שמעון דעם נייעם נגיד'ס הויז. עס ווערט קולות פון דער שמעונ'-יכע. דאַן קריכען מיר איינציגווייז אַראָב, מיר געהן זיך כלומר'שט פונאַנדער. דערווייל גרייטען מיר אָן, ווער אַ שטעקען, ווער אַ שטיין, ווער עפּיס אַנ'אייזען, רוקען זיך צו ביסלעכווייז, ביסלעכ-ווייז צום בוים, הויבען-אָן וואַרפען אין דערהויך...

ווערט די שמעונ'יכע נאָכמעך אין כעס, הויבט-אָן שיל-טען מיט ביטערע פינסטערע קללות. הערט מען זי מסתמא ווי דער קאָטער.

ווערט אַ שטאַרקע מלחמה צווישען אונז מיט איר. זי כאַפּט אַ יונגעל, רייסט אים אַראָב דאָס היטעל, די חברים פערוואַרפען זי מיט שטיקלעך האָלץ און שטיינדלעך—

און אין מיטען מלחמה כאַפּען זיך אַרויף אַפּאָר מזיקים פון אונז אויפ'ן בוים, הויבען אָן טרייסלען די צווייגען און די שמעונ'יכע מאַכט קולות עד לשמים.

און עס וואָלט זיך די מלחמה נישט געענדיגט, ווען עס וואָלטען נישט פאַרבייגעהן אַפּאָר שענע יודען, וואָס האָבען אָנ-געשריען אויף די „שקצים" און האָבען אונז פונאַנדערגעטריבען.

דאַן זענען מיר אַוועק צום טייכעל, וואָס איז אין עק שטעדטעל געווען, אויפ'ן בריקעל, געקוקט ווי דאָס וואַסער

לויפט, געוואָרפען שטיקלעך האָלץ אַהין, געדראַפּעט זיך צום וואַסערמיל, אַראָבגעגאַנגען לאָזען שיפלעך שווימען אין טייכעל, געבאָרעט זיך, געשטופּט איינער דעם צווייטען אין וואַסער אַריין, געקייקעלט זיך אינ׳ם גראָז, געריסען, געשלעפּט, געוואָרפען אין וואַסער.

נאָר דאָס אַלץ האָט אויך דערעסען, און חברה האָט זיך אַ לאָז געטאָן אין אַנדער עק שטעדטעל, וואו עס איז געשטאַנען מישקעס ווינטמיל און אַ ציגעלנע.

שטיל און רוהיג אַרום און אַרום. אַ גרויס ברייט פעלד.

מען זעהט קיינעם נישט דורכגעהן. די ווינטמיל מאָלט נישט. נישטאָ מישקע מיט זיינע בנים. אַלעבען.

עס ליגען אפילו מישקעס שומרים, צוויי גרויסע הינט. זיי זענען אָבער איצט אויך שטיל און טשעפּען קיינעם נישט. זיי ליגען פויל, רירען קוים דעם עק.

חברה פּרובט דראַפּען זיך אויפ׳ן ווינטמיל, ווילען שטופּען די פליגלען, קריכען אַראָב, דראַפּען זיך אויף דאָס הייזעל, וואָס איז דערביי.

אַ טייל געהען-אַוועק צום ציגעלנע, קריכען-אַריין אין קאַסטען מיט ליים, שמירען זיך אויס דורך און דורך, געהען אַראָב, וואו מען ברענט די ציגעל און קריכען קוים אַרויס פון דאָרט.

און איינעם פערדריסט עס עפּיס פּלוצלונג אויף די כלבים, וואָס ליגען זיך אַזוי רוהיג. סטייטש! עס זענען דאָך גאָר קיין כלבים נישט!...

כאַפּט ער אַ שטיינדעל, וואַרפט אויף איין הונט. ווערט ער, דער הונט, אַ ביסעל צאָרענדיג, ער פוילט זיך אָבער שטאַרקע קולות צו מאַכען.

וואַרפט מען אויף אים אַ גרעסערן שטיין, ווערט ער שוין שטאַרק ברוגז.

חברה געפעלט דער עסק, הויבט מען אים אָן צו וואַרפען פון אַלע זייטען, ווערט ער—אש להבה. זיין חבר נאָך אים—

און מיר מוזען זיך אָבטראָגען מיט די קאַפּאָטעס.

שפּרינגט מען אין גראָבען, וואָס איז נישט וויט פון דאָרט,

אַ טייל לויפט צו דעם גוי׳שען בית-עלמין, ביז וואַנען עס ווערט שטיל דער צאָרן פון מישקעס שומרים.

קלייבט זיך חברה ווייטער צונויף און מען אוז אַזוי פער-האַוועט ביז פאַרנאַכט.

מען דערמאָנט זיך אָבער, אַז די עלטערן וואַרטען און מען דאַרף אין בית-המדרש געהן.

איינציגווייז, איינציגווייז צוגעהט זיך דער עולם.

נאָך אַזוי פיל האָרעוואַניע וואָלט זיין דאַכט זיך, אַ יושר, זיך אָבצורוהען און שלאָפען געשמאַק, איז מען דאָך אָבער יודען און מען דאַרף שבועות אויף זיין.

ווער עס וויל, געהט אין בית-המדרש „תקון" זאָגען; ווער עס פוילט זיך, זאָגט זיך „תקון" אין דערהיים.

איך האָב אָבער אַנ׳אַנדער עסק. איך דאַרף געהן זאָגען „תקון" מיט מיין אַלטען זיידען, וועלכער איז געלעגען צום בעט און מען האָט בעדאַרפט זיצען נעבען אים.

זיצען מיט׳ן זיידען האָט זיך מיר זעהר געוואָלט. ער איז געווען איינער פון די עלטסטע חסידים, האָט זעהר פיל מעשות געוואוסט און האָט זעהר שען דערצעלט.

אָנהויבען פלעגט זיך דאָס על-פי-רוב פון דעם, וואָס אים, דעם זיידען, האָט זיך גע׳חלומ׳ט אַ רמז אויף דעם פסוק: „ופלגשו ושמה ראומה", און אין פיל יאָרען אַרום האָט ער עס געפונען אין זוהר הקדוש. נאָכהער פלעגט עס אַריבערגעהן צו די אפיקורסים, וואָס זאָגען, אַז אין דער תורה איז מער נישטאָ ווי פשט, נאָכהער—צום דעסעווער, וואָס דער „ערבי נחל" האָט אויף אים געזאָגט, אַז אין חצוניות איז ער יוד און זייד, זייד און יוד און אין פנימיות אפיקורס, אפיקורס און אפיקורס; נאָכהער—צו רבי מנשה איליער, וואָס דער עולם מורמעלט אויף אים, און אַזוי פלעגט עס קומען צום „המגיד" און פונ׳ם המגיד גלייך צו נאַפּאָלעאָנ׳ען און צו דער גרויסער מחלוקת, וואָס איז געווען צווישען דעם אַלטען רבי (דער רב) און צווישען אַנדערע, ווי

יער קאַרלינער, ר׳ לוי-יצחק בערדיטשעווער, וואָס דער אַלטער האָט געהאַלטען פאַר רוסלאַנד.—

דאַן פלעגט עס אַריבער אינגאַנצען צום אַלטען רבי, און מען פלעגט אָנהויבען פון דעם, ווי דער אַלטער רבי האָט נאָך אַליין געלערנט און, נישט האָבענדיג קיין ליכט, פלעגט ער לער-נען פאַר דער לבנה; נאָכהער—ווי ער איז געווען ביים מעזרי-טשער, ווי ער איז נתגדל געוואָרען, ווי אביגדור האָט אים גע׳-מסר׳ט, די נסים ונפלאות, וואָס מיט אים האָט זיך געטאָן אין אין פעטערבורג, זיין צוריקקומען פון פעטערבורג, זיין גדלות.

אַזוי פלעגט ער ביסלעכווייז, ביסלעכווייז צו קומען צו „דער גרויסער חתונה״. „די גרויסע חתונה״ — וועגען איר האָט דער זיידע ליב געהאַט צו דערצעלען. די גרויסקייט פון איר איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס דער אַלטער רבי האָט אַ שידוך געטאָן מיט ר׳ לוי-יצחק בערדיטשעווער און ביידע זענען געווען אויף דער חתונה.

רוח הקודש האָבען דאָרטען אַלע געשעפּט עמערווייז, נסים האָבען זיך דאָרטען געוואַלגערט אויפ׳ן באַנק און אונטער׳ן באַנק—

ווער עס איז נאָר געווען אויף דער גרויסער חתונה, האָט בעקראָגען אַ הארה אויפ׳ן גאַנצען לעבען און אין זיין גאַנצען דאַוונען און לערנען האָט אַריינגעשיינט יענער אור.

מען האָט געזעהן דעם בערדיטשעווער, דעם אַלטען, גע-חאַפּט אַ וואָרט, אַ רמז, אַ תנועה—געגנוג.

זיי פלעגען צווישען זיך ריידען מילי דעלמא, און מיט יעדען וואָרט פלעגען זיי מעלה זיין אַלע נשמות, מתקן זיין אַלע פגמים.

אַלע פערשטויסענע נשמות האָבען געוואַרט אויף דער גרוי-סער חתונה. דאָרט האָבען זיי תיקון געהאַט.

עס זענען בטל געוואָרען אַלע דאגות, אַלע פחדים. פער-געסען געוואָרען אַלץ. נישטאָ קיין עול הפרנסה, עול אשה ובנים, עול גלות; דער עול פון יצר-הרע איז אויך בטל געוואָרען.

פשוט'ע חסידים זענען דאָרט נתעלה געוואָרען צו דער מדרגה פון ליבו חלל בקרבו (*.

און וואָס איז דער חדוש? עס האָט דאָרטען מאיר געווען אור עתיק דאצילות (**.

מילא, זיי אַליין זענען געווען למעלה מכל השגה און נאָר וויל זיי האָבען מרחם געווען זיך אויפ'ן דור יתום, זענען זיי לעבען געבליבען. ווען נישט דאָס, וואָלטען זיי בטל געוואָרען אין אין סוף.

מיט גרויס דעת האָבען זיי געוואוסט, ווי צו זיין בבהינת רצוא ושובי.

נאָר נישט אַלעמאָל האָט דאָס געהאָלפען. איינמאָל איז דער אַלטער געקומען צו כלות הנפש.

געווען איז דאָס בשעת ער, זכר צדיק לברכה, איז געגאַנ-גען מיט דער כלה אַ טאַנץ. די כלה האָט געהאַלטען איין ברעג פאַטשיילקע, ער דעם צווייטען ברעג.

איז מען געגאַנגען אַ ריקוד. דער רבי בראש און נאָך אים די חסידים. עס איז אַראָב די גאַנצע פמליא של מעלה, עס איז געוואָרען שמחה וחדוה אין אַלע עולמות.

האָט מען געדאַרפט אַ נגון זאָגען, האָבען די חסידים אָנ-געהויבען זאָגען. זענען די נגונים אָבער נישט געווען פון אַזאַ הויכער מדרגה, האָט ער אָנגעהויבען זיין נגון זינגען...

וואָס מער ער האָט אָנגעהויבען זינגען, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרען די דבקות. אַזוי האָט שוין דער נגון אַ טבע. וואָס ווייטער און ווייטער קומט מען אַלץ אין העכערע עולמות אַריין; בקיצור, ער האָט אָנגעהויבען זינגען „נכספה גם כלתה נפשי".

---

*) נאָכ'ן „תניא" נאָך קאָנען דערצו קומען נאָר צדיקים גמורים, און דאָס הייסט, אייגענטליך, אז מען דארף שוין דעם יצר הרע נישט מנצח זיין, ווייל ער איז שוין איננאנצען נישטאָ.

**) דאָס אינערליכסטע און טיפסטע פון גאָט'ס רצון. איינע פון די העכסטע מדרגות אין קבלה, כאָטש עס גיבען נאָך העכערע מדרגות

„לבי ובשרי ירננו אל אל חי״, „נפשי תערוג אליך אלהים״ — אַנ׳עק די וועלט!

איז מען געקומען צום זוהר, „בחד קטירא אתקטרנא, ביה אחידא, ביה להיטא״.

און אויס מענש! ער האָט עלית נשמה געהאַט.

אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט זיך די נשמה צוריקגעקערט. וואָס די נשמה האָט דאָרטען געזעהן און משיג געווען, ווערט מען אין הונדערטער יאָרען נישט אויסדערצעהלען —

דערבּיי האָט דער זיידע אָנגעהויבּען זינגען שטילערהייד דעם רבּ׳ס נגון.

אַ קליין לעמפּעל אויפ׳ן טיש. דער זיידע ליגט אין זיין בּעטעל. דער זוהר בּיי אים אויפ׳ן האַרצען.

עס לייכט זיין פּנים. די אויגען קוקען ווייט, ווייט. —

ער זינגט שטיל, איינגעהאַלטען. אין די גרויסע בּלויע אויגען אַ דביקות-פייערל —

טיפער און טיפער ווערט דאָס געזאַנג, שטאַרקער און שטאַרקער ווערט די דביקות —

כחד קטירא אתקטרנא, ביה אחידא, ביה להיטא! —

די טיפע נאַכט קוקט אין פענסטער אַריין...

דער יונגער פרעהליכער טאָג וויל מנצח זיין די טיפע נאַכט. עס שיינט אַריין דער מאָרגענשטערען. איך לויף פון שטוב אַרויס.

איך געה אַריין אין גאָרטען, וואָס נעבען זיידענס שטוב. אָבער די גרעזלעך גיבּען נאָך איבער איינע די צווייטע די נאַכט-סודות —

נאָר אָט שיינען די ערשטע זונשטראַהלען אויך זיי און די גרעזלעך גרייטען זיך שוין מקבל-פנים זיין דעם ליכטיגען העלען טאָג.

עס איז פול די לופט מיט זיסע ריחות פון אַרומיגע וועלדער און פעלדער, עס הערט זיך דעם פּאַסטוכס פייפען, עס הערען זיך קולות פונ׳ם חסידישען בית-המדרש.

אַ שטיל ווינטעל בלאָזט, די גרעזולעך שושקען זיך, קינ-דער זאָגען נאָך „תּיקון”.

עס הערען זיך שוין די לעצטע קולות פון בית-המדרש. די פויגעלעך פון דער הויכער שוהל האָבען שוין די טאָג-שירה אָנגעהויבען.

ביסלעכווייז, ביסלעכווייז געהען יודען, גרויסע און קליינע, פון בית-המדרש אַרויס. קינדער לויפען פרעהליך, די זון הויבט אָן בעגיסען מיט אירע שטראַלען די שפּיצען דעכער. יודען גע-העז צום טייכעל זיך טובל זיין.

פּאָרלעך, פּאָרלעך געהען און ריידען שטילע איידעלע שמועסען.

מען שמועסט וועגען מתּן-תּורה, וועגען השראת השכינה, וועגען אַמאָליגע רביים, וועגען דער ריינער לופט און וועגען מאַי.

— ווייסט, וואָס דער „אוהב ישראל” זאָגט וועגען מאַי?

— וואָס?

מאַי איז אותיות מי. מי טרעפט-אָן פּופציג, ווייל אין דעם חודש זענען מאיר אַלע נון שערי בינה. די אומות-העולם זענען אויך מודה, אַז היינטיגער חודש איז מסוגל צו אַלע גוטע זאַכען.

— בינה איז דאָך שכינתּא עלאה און אַז זי איז מאיר אין שכינתּא תּתּאה *), איז די וועלט פול מיט שדים.

— דער חודש איז זעהר מסוגל צו רפואות הגוף און נאָכ-מער צו רפואות הנפש —

— — — — — — — — — — — — —

אין בית-המדרש צום דאַוונען. יודען מיוחסים, לומדים און חסידים שטעהען אין מזרח. די זון שיינט אויף די עטרות פון די טליתים.

---

*) שכינתּא תּתּאה — די מדה פון מלכות, די שכינה, וואָס רוהט צווי-שען אונז.

די יחידי-סגולה טוען-אָן בעזונדערע יאַרמולקעס לכבוד שבועות. מען טוט זיך אָן וואָס מער אין ווייסען.

די ווייסע פאַרב ווייזט אויף אורות און אויף חסידות, און שבועות מוזען דורכאויס חסידים זיין.

אַ קליין דאַר יודעל געהט אַרויף אויף דער בימה, עפּענט דעם סידור און הויבט אָן דעם טרויריג-האַרציגען נגון פון „אקדמות״.

דער עולם ציהט נאָך אים, מען איז אינגאַנצען אין די „אקדמות״. ווער עס פערשטעהט נישט, קוקט אין פּירוש.

און דער גאַנצער עולם איז בעגייסטערט מיט דעם גרויסען כבוד, וואָס גאָט האָט אָבגעגעבען זיין ליבען פאָלק ישראל און פון דעם כבוד, וואָס זיי וועלען האָבען לעתיד-לבוא.

בשעת זיי האָבען געזאָגט „נעשה ונשמע״, האָבען דאָך מלאכים זיי קרוינען אָנגעטאָן —

ווי זיי האָבען גאָטס דיבור דערהערט, זענען זייערע נשמות אַרויסגעגאַנגען; גאָט האָט געשיקט דעם טוי, וואָס מען וועט מיט אים תחית-המתים-זיין און האָט זיי לעבעדיג געמאַכט. —

מלאכים האָבען זיי אויף די פליגלען געטראָגען; גליין צום באַרג צוגעטראָגען —

מלאכים וועלען זיי לעתיד-לבוא ווייטער בערינגען, גאָט וועט מאַכען אַ גרויסע סעודה פאַר די צדיקים, אויף שטולען פון גינגאָלד וועלען זיי זיצען און דעם יין המשומר וועלען זיי טרינקען.

דער עולם האָט אָבגעדאַווענט. גוט-יום-טוב! גוט-יום-טוב!

נאָך דער מילכיגעס—קליין און גרויס אויפ׳ן פרייען פעלד.

שענע יודען ריידען וועגען ענינים פון חסידות, סתם יודען —מילי דעלמא. יונגלעך שטיפען. מיידלעך שפּאַצירען פּאָרלעך, פּאָרלעך, וואַרפען אַ בליק אויף דעם און יענעם בחור׳ל און ווערען פערשעמט — — — — — —

... און ווען איך קום היינט אין מיין שטעטעל, דערקען איך עס נישט. די הויכע שוהל—לאַנג, לאַנג נישטאָ.

מען האָט זי עפּיס אין אַנ׳אַנדער שטעטעל אַוועקגעשענקט.
דער אַלטער חסידישער בית-המדרש — לאַנג, לאַנג אָבגע-
ברענט.
אויסגעבויט געוואָרען אַ נייער — עס זענען שוין אָבער נישטאָ
אין אים רב יעקב און אברהמ׳ל דער דאַוונער.
עס זענען דאָ קאַלטע יודען מיט קאַלטע הערצער.
עס זענען דאָ שוואַכע יודען, וואָס גלויבען זיך אַליין נישט.
די טאַטעס האָבען פיינט די קינדער, די קינדער—די טאַ-
טעס; נאָר די טאַטעס האָבען זיך אַליין אויך פיינט, די קינ-
דער האָבען זיך אַליין אויך פיינט.
דוכט זיך, אַז די זון שיינט שוין דאָרטען נישט אַזוי העל,
דוכט זיך, אַז די פעלדער זענען שוין דאָרטען נישט אַזוי גרין—
עס איז שוין דאָרטען קיין קדושה נישטאָ, עס איז דאָר-
טען קיין יוגענד נישטאָ.
עס איז דאָרט קיין גלויבען נישטאָ, עס איז דאָרט קיין
האָפנונג נישטאָ.
שטומפזיניג און נאַריש זענען זייערע געדאַנקען און מעשים,
ליידען און שטרעבען, לעבען און טויט!...

... איר האָט ביי מיר אַלץ גערויבט. איר האָט ביי מיר
צוגענומען מיין גאָט, מיין גלויבען, מיין האָפנונג. וואָס האָט
איר אָבער צו מיין שטעטעל געהאַט?
איר האָט ביי מיר אַלץ צוגענומען. איר קאָנט מיר צוריק
גאָרנישט געבען. גיט מיר כאָטש מיין שטעטעל צוריק.

א. רייזען

UNITED WORKERS
LIBRARY
2700 Bronx Pk. East
No.........
COOPERATIVE ASSOCIATION

דער שמעק טאַבאַק

קליינער נאָטיץ.

אברהם רייזען איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1875 אין קאָפּ־דאָנאָוו, מינסקער גוב. סיי אין די לידער און סיי אין די דערצעהלונגען בעזיצט רייזען גאָר א בעזונדער טאָן און לשון. אויב מען זאָל איהם וועלען כאַראַקטע־ריזירען אין א פּאָר ווערטער, קאָן מען זאָגען, אז **דאָס פאָלק דערצעהלט און זינגט דורך רייזענ'ען**. און דערמיט לאָזט זיך דערקלערן זיין מרה־שחורה, זיינע שווארצע פארבען און זיין איינטעניגקייט. ווער עס בעזיצט אזא טאָן און אזא לשון, קאָן אנדערש נישט קוקען, ווי רייזען, קאָז אנדערש נישט שאַפען ווי ער. רייזען קאָן גאָרנישט נעמען פון דרויסען, ער קאָן זיך נישט אנשטעקע מיט'ן ליכט פון אנ'אנדער קינסטלער. מיט טויזענדער פעדים איז ער צוגעבונדען צום פאָלק און ווי דורך א פערבאָרגענער רער, וואָס איז צוגעלעגט צו דער ברוסט פון פאָלק, שפירט ער און פיהלט דעם פאָלקס אָטעם, דעם פאָלקס וועה און צער. נאָר א גרויסער דיכטער קאָן זיין אזוי איינג צוזאַמענגעבונדען מיט א פאָלק, אָבער א גרויסער דיכטער מיט א גרויסער לאַסט אויף די אַקסלען.

א. רייזען.

דער שמעק טאַבאַק.

אין דעם קליינעם שטעטעל קאָניוקע, געפינען זיך פינף גרויסע שולען, נאָר די גרעסטע ראָליע שפּילט דאָרט „דער קליינער בית-המדרש”, ווייל אין אים דאַוועט דער שטעטעלשער ערשטער גביר, ר' יעקב סינקעס. שאַצט דאָס שטעטעל דעם גביר'ס פערמעגען אין צווייהונדערט-טויזענד רובל, נאָר אַ מאה אלף האָט ער טאַקי געהאַט, און פאַר קאָניוקע וואָלט געענוג געווען אַ פירטעל פון דעם, צו שפּילען אַ גבירישע ראָליע. דערפאַר דאַוונען טאַקי אין „קליינעם בית-המדרש” די שענסטע בעלי-בתים, אויך די שטעטעלשע כלי-קדש, ווי למשל, דער רב, דער שוחט, דער בעל-טאַקסע, אַ פּאָר פּרושים, וואָס „דינען” שוין באַלד אַ יאָר צען אין דער קהילה.

צווישען די אַלע שענע יודען האָט דאָ געדאַוונט גרונם דער דרדקי מלמד, וועלכער איז דאָ געווען עפּיס ווי אַ פינפטער ראָד צום וואָגען. פון קינדווייז אויף אַ דערשלאָגענער, האָט ער קיינמאָל נישט געהאַט דעם מוט אַריינצומישען זיך אין אַ שמועס שבת נאָכ'ן דאַוונען, וואו דער ראש-המדברים איז געווען דער „גביר”. ער האָט אפילו נישט געוואַגט אָנבויגען דעם קאָפּ אויף אַ זייט און צולעגען דעם אויער עפּיס הערען. פון ווייטען פלעגט ער נאָר שטעהן און שלינגען יעדעס וואָרט, וואָס געהט-אַרויס פון גביר'ס מויל. אַ שפּאַס, וואָס יעקב סינקעס דערצעלט זיך אָן! דאָ דערצעהלט ער פון גראַף צאַפּסקי, מיט וועלכען ער איז

שטאַרק „געקנעפּעלט" און איז ביי אים כמעט אַלע וואָך. ווי אַזוי דער דאָזיגער גראַף האַלט חשוב אַ יודען. נאָך דער מעשה געהט ער איבער צום קורס, ווען דער רוסישער רובל הויבט זיך און ווען ער פאַלט; (גרונם קאָן עס בשום אופן נישט פערשטעהן: ער ווייס, דאַכט זיך, אַז אַ רובל איז אַלעמאָל אַ רובל! ער וויל עס פרעגען, נאָר ער האָט קיין העזה נישט). ווייטער דערצעלט ער פון זיין נסיעה קיין קעניגסבערג יענע וואָך, וואוהין ער האָט „אָטפּראַוועט אַ טראַנספּאָרט" געהילץ; ווי אַזוי ער האָט צוריק-פאָרענדיג, זיך בעקאָנט מיט אַ פּוילישען גלח, האָט געהאַט מיט אים אַ ויכוח וועגען אמונה, און ער האָט דעם גלח מנצח-געווען... און נאָך אַזוינע טויזענדער מעשיות, וואָס נאָר אַ גביר קאָן עס וויסען, אַ גביר, וואָס פירט געשעפטען מיט די גרעסטע שררות און קיין זאַך איז פאַר אים נישט צו-שווער...

גרונם וואָלט אָבגעגעבען אַ האַלב לעבען, נאָר אויסרייידען אַמאָל כאָטש איין וואָרט מיט'ן גביר, ער וואָלט זיך מחיה-געווען... ער פּרובט עס אָבער קיינמאָל נישט: די גבירישע געשטאַלט, די הויכע וואוקס, דער גרויסער בויך לאָזט עפּיס נישט צו; דאָס קלאָרע פולע פּנים, דער שטרענגער קוק וואַרפט-אָן אויף גרונמ'ן אַ פּחד. ער וואונדערט זיך נאָר אויפ'ן שוחט'ס גבורה, ווי אַזוי יענער שטעהט אַמאָל גאָר נאָנט נעבען גביר און וואַרפט אויך אַריין אין שמועס אַ וואָרט... „מען דאַרף טאַקי האָבען, טראַכט גרונם דעמאָלט, אַ שוחטיש האַרץ, צו פועל'ן דאָס ביי זיך... איך קאָן דאָס נישט!"...

און גרונם, וועלכער דאַוועט שוין באַלד פופצען יאָר אין „קליינעם בית-המדרש", האָט נאָך קיינמאָל מיט'ן גביר קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, נאָך קיינמאָל די זכיה נישט געהאַט און האָט עס אפילו אין זינען נישט. ווען? ווי אַזוי? סיידען ער זאָל ווערען אַליין אַ נגיד. נאָר פון וואָס קאָן ער רייך ווערען? פון די דרדקי-יונגלעך?

דאָך די לעצטע צייט האָט גרונם אָנגעהויבען צו טראַכטען וועגען ריידען עפּיס מיט'ן גביר, און נישט נור ריידען, נאָר טאַקי שטאַרק אַ שמועס טאָן...

ביים רעיון וועגען שמועס קומט אים דאָס בלוט גלייך אַריין אין פּנים, דאָס האַרץ קלאַפּט ווי ביי אַ גזלן, וואָס געהט הרג'ענען אַ מענשען. אַ שפּאַס! ער דאַרף פירען מיט'ן גביר אַזאַ וויכטיגען שמועס! ער וויל בעטען דעם גביר'ס אייניקעל, וואָס הויבט דעם זומער אָן צו לערנען, צו זיך אין חדר אַריין. בע-טען אַ יונגעל אין חדר איז ביי גרונמ'ן נישט קיין נייס; אַלע „זמן" בעט ער אַזוי איין צוואַנציג תּלמידים, און האָט שוין דערויף אַן אויסגעאַרבייטען „נוסח", נאָר וואָס גלייבט מען? מיט פּשוט'ע בעלי-בתּים מאַכט נישט אויס, ווי אַזוי מען רעדט, אָבער מיט אַזאַ גביר דאַרף מען דאָך וויסען וואָס צו ריידען, איין איבעריג וואָרט קאָן, חלילה, אַוועק'הרג'ענען אינגאַנצען...

און פון פּורים אָן ביז פּסח קומט פּאַר ביי גרונמ'ן אין האַרצען אַ גרויסע מלחמה. ער וויל אַריינגעמען אַ גרויסען גענע-ראַל אין פעלען, און ווייס נישט אויף וואָס פאַר אַן'אופן און האָט סתּם מורא...

נאָר אָט איז שוין פּסח! אויב ער וועט די טעג נישט צו-געהן, איז שוין פערפאַלען, פערשפּילט דאָס גליק אויף אייביג! און אַ קלייניגקייט, וואָס פאַר אַ גליק דאָס וואָלט געווען! דעם גביר'ס אייניקעל לערנט ביי אים!... ערשטענס, דאָס געלד: ער וואָלט אודאי געצאָלט פופצען קערבלעך, אויב נישט די גאַנצע צוואַנציג, היינט דאָס צאָלען, שמועסט מען דאָך נישט—פּאַראויס אַ צענרובלדיגע!... היינט דער כּבוד אַליין, וויפיל איז ווערט דער כּבוד?...

און גרונמ'ן פערטראַגט דער כּח-הדמיון ווייט!

—וואו לערנט ר' יעקב'ס אייניקעל, ר' גרונם?

—וואָס הייסט „וואו"? איר ווייסט גאָרנישט? אַ שענע מעשה! ער לערנט ביי מיר, ביי מיר טאַקי! וואָס דען האָט איר געמיינט, ער וועט אים צו אַן'אַנדערן מלמד אַוועקגעבען? מער וואָלט אים נישט פעלען?...

אַ גליקליכער שמייכעל בעשיינט זיין שוואַרץ פּנים, נאָר ער גיט אַ קוק אויפ'ן גביר, און פון גאַנצען דמיון ווערט אַש! דאָס בלוט ווערט אין אים פערקילט פאַר שרעק: „ווי אַזוי געהט מען

צו?" וואו נעמט מען אַזוינע געזונטע פּיס, זיי זאָלען קאָנען איינשטעהן בשעת מעשה, וואו נעמט מען אַזאַ האַרץ, וואָס זאָל אַזוי נישט קלאַפּען?...

און אָט זענען שוין די „אַנדערע טעג" פּסח! היינט מוז ער צוגעהן, ער מעג אפילו וויסען, אַז ער וועט דערפון זיכער שטאַרבען! ער מאַכט אַנ'אָרדנונג מיט זיינע געדאַנקען און גרייט זיך צו, ווי אַזוי צו ריידען נאָכ'ן דאַוונען

—„גוט יום-טוב, ר' יעקב!..." מאַכט ער אַ רעפּעטיציע— דאָך בעקלערט ער, עס איז צו-פּראָסט: „גוט-יום-טוב, ר' יעקב!"... אַזוי זאָגט מען דאָך אַלעמען, היינט וואָס איז דער חילוק? איך וועל בעסער זאָגען: „אַ גוטער יום-טוב, ר' יעקב!"... עס געפעלט אים ווייטער נישט: ער געדענקט, שמחת-תורה האָט זיך לייבע דער שוסטער אָנגע'שכור'ט, פלעגט ער אַזוי שרייען ווען ער פלעגט נאָר בעגעגענען...

ביי אים בלייבט, אַז ער וועט טאַקי זאָגען „גוט-יום-טוב", נאָר ווייך און שטיל.

—גוט-יום-טוב—דעקלאַמירט ער...—יאָ, אַזוי וועט זיין גוט. ער גרייט זיך ווייטער צו:

—איך האָב געהערט זאָגען דיג, אַז אייער אייניקעל, זאָל זיין אויף לאַנגע יאָר (דאָס וועט דעם גביר זיכער געפעלען ווערען) הויבט-אָן, אין אַ מזל'דיגער שעה, היינטיגען זומער צו לערנען... איך בין גרונם דער מלמד... ביי מיר לערנען די שענסטע בעלי-בתי'שע קינדער... איך בעט אייך, ר' יעקב (אפשר מורנו ר' יעקב?—פליהט אים דורך אין קאָפּ) גיט מיר אייער אייניקעל, צוליב שכנות, מען דאַווענט צוזאַמען...

נאָר דאָס לעצטע געפעלט אים נישט. וואָס פאַר אַ שכן ביזטו מיט מיר, מלמד איינער—דו דאַווענסט נעבען טיר און איך נעבען אָרון-קודש...

ער זוכט אַנ'אַנדער נוסח: „צוליב אַלטער בעקאַנטשאַפט"... פע, נאָך ערגער—שפייט ער אויס—„אַ נייער בעקאַנטער" וועט ער זאָגען, און גאָר אין כעס ווערען.

ענדליך, געלינגט אים צו פערבייטען אַזוי:

—איך בין אַ גרויסער „בעל-פועל", אין איין זמן פּאַרט מען ביי מיר אַריין אין עברי, טאַקי רעכט אין עברי! איך האָב דערצו אַ בעזונדער למוד.

ער קלערט-איבער דאָסזעלבע נאָכאַמאָל און געפינט, אַז עס איז גוט, נאָר „פּאַרט מען ביי מיר אַריין", איז עפּיס מעשה „בעל-עגלה"...

ער זוכט אַנ'אַנדער נוסח:

—אין איין „זמן" לערן איך אויס עברי על-פּי דקדוק.— דאָס געפעלט אים שוין אינגאַנצען און ער האָפט, אַז דער גביר וועט אים מיט גאָט'ס הילף נישט אָבזאָגען.

נאָכ'ן דאַוונען לעגט ער זיך איבער און בעשליסט זיין פעסט צוצוגעהן. ממה-נפשך,—שטאַרקט ער זיך,—יאָ—יאָ, נישט—נישט! אין קאַשע וועט ער מיך דאָך נישט אויפעסען.

די שענע בעלי-בתים זאָגען שוין דעם גביר גוט-יום-טוב, מען וואַרפט זיך איבער נאָר מיט אייניגע ווערטער און מען געהט זיך פונאַנדער. קיין וויכטיגעס האָט די לעצטע טעג ר' יעקב נישט צו דערצעלען, עס האָט זיך איבער יום-טוב אויסגענומען. און דער גביר האָט שוין בדעה אַרויסצוגעהן, ער דאַרף נאָר צו-נויפלעגען דעם טלית.

גרונם רוקט זיך, ווי אַ שאָטען... די פיס ברעכען זיך אונ-טער אים.

—מען דאַרף נעמען אַ שמעק טאַבאַק ביי דעם שמש, דאָס וועט מיך אפשר מוטיגען, בעשליסט ער.

—זייט מוחל, שמש,—ווענדט ער זיך מיט אַ האַרץ-קלאַפּע-ניש צום שמש—גיט אַ שמעק טאַבאַק.

דער שמש נעמט-אַרויס פון בוזעם דאָס פושקעלע, גרונם רוקט אַהין אַריין די צוויי פינגער, פערשיט אַ ביסעל אויף דער ערד, נאָכדעם גיט ער אַ שטאַרקען שמעק, נישט נאָך זיין גע-וועגהייט און טראַכט זיך: „זאָל זיין, רבונו-של-עולם, צו רפואה!" און לאָזט זיך געהן קעגען גביר, ווי שכור...

אָט שטעהט ער שוין נעבען ר' יעקב'ן.

— גוט יום-טוב, ר' יעקב—רעדט ער קוים אַרויס.

דער גביר שטעלט-אויס פערוואונדערט אויף גרונמ׳ן די אויגען און פרעגט:

—וואָס וועט איר זאָגען?

„ע, ער לאָזט זיך דאָך ריידען—טרייסט זיך גרונם—שטיי-פער, שטייפער! נאָר נישט געשראָקען זיך״, און ער פאַסט זיך מוט ווייטער צו ריידען:

—איך... האָב... אַ פששששש—צוניסט ער זיך פלוצים, די אויגען ווערען אים פול מיט טרערען און ער פערשפריצט דעם גביר׳ס ראָק און פנים...

—טפוי! וואָס איז דאָס פאַר אַ מין מיאוס׳ער יוד!—ווערט ר׳ יעקב אויפגעבראַכט און מיט עקעל ווייזט ער מיט דער האַנט—געהט אייך, געהט אייך ווייטער! איך האָב מיט אייך קיין געשעפטען נישט!... פוי... אין פנים ניסט ער... וואָס אַ לומפ קאָן. שמש!

דער שמש פליהט-אונטער, ווי נישט לעבעדיג.

—ווער איז ער, אָט דער שוטה?—פרעגט דער גביר, קו-קענדיג בייז אויפ׳ן שמש.

—אַ מלמד... אַ דרדקי-מלמד—ענטפערט דער שמש דער-שראָקען.

—ס׳איז אַ מין שוטה! אין פנים אַריין ניסט ער... אַ מין פרא-אדם!... פוי!..

—היינט געה צורייס זיך—האָט גרונם, אַרויסגעהענדיג מיט בזיונות פון דאַוונען, גערעדט מיט זיך אַליין—קיינמאָל שמעק איך נישט קיין טאַבאַק, היינט האָט זיך מיר גראָד פערגלוסט אַ שמעק טאָן, אַ נייע רפואה!... אַזוי וואָלט דאָס אייניקעל ביי מיר געוויס געלערנט, געוויס, געוויס! דער שמעק טאַבאַק האָט מיך גע׳הרג׳עט...

שלום אש

איבער דער גרעניץ

קליינער נאַטיק.

ש ל ו ם אַ ש איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1880 אין קוטנאָ, וואַרשויער גוב. נאָך מענדעלי מוכר-ספרים, פרץ און שלום-עליכם איז דאָס דער סאַמע פּאָפּולערסטער נאָמען פון די יודישע שרייבער. אַש איז דער ל י כ ט י ג- ס ט ע ר און דער ש מ יי כ ל ע נ ד י ג ס ט ע ר אין דער יודישער ליטעראַטור. אין זיין טאָן און דעם מאַניר פון שרייבען איז נישטאָ קיין שאָטען פון גלות: דער בלויער הימעל איז פאַר יודעלעך, די זון איז פאַר יודעלעך און דער וואַלד און דער טייך און דאָס פעלד און דער רויטליכער אָוועגד און די גאָלדענע שטערען— דאָס אַלץ, אַלץ איז פאַר יודעלעך און דאָס אַלץ איז אויך צוזאַמענגעוועבט, צו- זאַמענגעהאָפטען מיט יודעלעך. נאָר פאַראַן אַ צווייטער אַש, וואָס וויל קינכטלע- ריש פערענטפערן גרויסע וועלט-פּראָבלעמען און דאָ פערלירט ער זיין ליכטיגקייט און זיין שמייכלענדיגקייט, ער ווערט טונקעל און—טרויקען, ווי אַנ'אַרטיסט, וואָס נעמט זיך נישט פאַר זיין ראָל. אַש האָט אויך גרויס ערפאָלג אַלס דראַמאַ- טיקער, און זיין דראַמע „גאָט פון נקמה" איז אויפגעפיהרט געוואָרען כמעט אין אַלע אייראָפּעאישע לענדער און אַמעריקאַ.

שלום אש.

איבער דער גרעניץ.

1.

דאָס שטעטעל ליגט אַ האַלבס אויפ'ן באַרג, און דער עק פון צווייטען האַלבען שטעטעל, גרייכט שוין אין וואַסער אַריין. און שטעהענדיג אויפ'ן באַרג, פאַר'ן שוהלפלאַץ, קוקט מען גלייך אַריבער אויף יענער זייט וואַסער, וואו די פעלדער ציהען זיך ווייט אַוועק. און דאָרט, אויף יענער זייט וואַסער, ווערען זיי ערגעץ-וואו פערבלאָנדזעט, אַז גאָט איינער ווייסט וואו... און שטעהענדיג אויפ'ן באַרג, פאַר'ן שוהלפלאַץ, און אַראָבקוקענדיג אונטען אין וואַסער אַריין, דאָרט ווייט אין די פעלדער אַריבער, וואָס זענען אויף יענער זייט וואַסער, ווילט זיך טיילמאָל אַ חדר-יונגעלע די הענט פערשפרייטען, די פיס דערהויבען און היידאַ... אַ פליה-אַריבער, ווייט אַוועק, איבער'ן וואַסער, ווייט, אין די פעלדער אַריבער, פערבלאָנדזעט מיט זיי אינאיינעם צו ווערען, ווייט... אַז גאָט איינער ווייסט וואו...

געוועזען איז אַ טאָג אַ שענער און אַ פרעהליכער. די הימלען אויבען האָבען זיך געטאָן דאָס זייעריגע, קיילעכדיג זיך

פערשפרייט, און האָבען מיט פיל לייטזעליגקייט בעשיצט גאָטס וועלטעל אַזוי, ווי זיי זענען געבאָטען געוואָרען פון שבת ימי בראשית אָן. און דאָס וואַסער האָט זיך אויך געטאָן דאָס זייניגע, ווייט האָט עס זיך אויסגעגאָסען, איין וואַל האָט נאָכגעיאָגט די צווייטע, די צווייטע האָט געכאַפּט די דריטע און האָט אין איר אַריינגעגאָסען. און אויסגעזעהן האָבען די וואַלען, ווי אַ שליח מיט אַ ראַפּאָרט, קומט פון גאַנץ ווייט און געהט ערגעץ וואו, גאַנץ ווייט, און דערלעבט נישט זיין שליחות אויסצופירען, ער צוגיסט זיך און צוגעהט דערווייל אין וואַסער; יאָגט אים נאָך אַ צווייטער, צוגעהט ער אויך אין וואַסער, און אַ דריטער... און אַ פירטער... און דאָס וואַסער שווימט ווייט אין דער וועלט אַריין. ביי דעם ברעג, אויפ'ן באַרג, ווי אַ געטרייער בעל-הבית, שטעהט זיך דאָס שטעטעל, די נידעריגע הייזלעך דערהויבען זיך און קייטלען זיך אויפ'ן באַרג אַרויף. איין הייזעל שטעהט אויפ'ן צווייטען הייזעלס דעכעל. און בכלל זעהט-אויס גאָטס וועלטעל, ווי אַ ליבליך הויזגעזינד, וואָס לעבט זיך אין שלום, יעדער טוט זיך דאָס זייניגע: דער מאַן קלאַפּט אויף דער מאַשין און זינגט זיך זיין לידעל, דאָס ווייב שטעהט זיך ביי דער קיך, קאָכט-אָב וויעטשערע און זינגט זיך איר לידעל.

אַ דאָנערשטאָג נאָך מיטאָג. די קינדער זענען פריער פון דעם חדר אַהיימגעקומען, מען לאָזט זיך צום וואַסער אַראָב. אָט שטעהט אַ יודענע ביים ברעג און וואַשט-אָב די קינדערלעך לכבוד שבת. דאָס קינד, אַ מיידעלע פון אַ יאָר זעקס, רייסט-אַרויס איר נאַסען, איינגעזאַפּטען קאָפּ פון אונטער דער מוטערס הענט און וויינט הויך. די יונגלעך שטיפען-אַרום אויף אַ לאָדקע, וואָס שטעהט ביים ברעג. איינער שטופּט מיט דעם שיפלער פון דעם ברעג אָב, און אָט לאָזט זיך די לאָדקע אויפ'ן וואַסער. די קינדער שרייען און שאַלען מיט גדולה. און אָט קומט-אָן פון דער ווייטען אַ בערלינקע צו שווימען, און שווימט זיך רוהיג, פאַמעלעך, ווי אַ שאָטען, דורך דאָס שטעטעל. פון דאָרט, פון דערווייטען, ווייזען זיך רויטע ספּודניצעס און נאַקעטע פיס שטעהען אין וואַסער, און נאַקעטע הענד קלאַפּען אין ווייסע שטיקער וועש. אַ

מיידעל שטעהט ביים ברעג און וואַשט דאָס געפעס אָב, עס שווימט איר אַ טעלערל אַוועק אין וואַסער, זי וויינט, קומט-אָן אַ חדר-קונדאַס, ער לאָזט שוין זיין לאַנג קאַפּאָטקעלע אין וואַסער נעצען און מיט׳ן הוט שלעפּט ער פון וואַסער אַרויס דאָס אַוועק-געשוואומענע טעלערל. און אָט קומט אויף דער לאָדקע ר׳ חיים-דוד און ברוך-פישער צו שווימען, מיט אַ גרויסע פולע נעץ פיש לכבוד שבת; און נאַקעטע בני יעקב׳לעך, אַזוי ווי זיי וואָלטען גאָר קיין גלות-קינדער נישט געווען, אין די ארבע-כנפות׳לעך באָדען זיך און האָדעווען זיך אין וואַסער, ווי אמת׳ע קינדער אויף דער שויס פון אַן׳אמת׳ער מאַמע. און דער ווינט בלאָזט, פערשפּרייט די לייוועגט אויף די לאָדקע, לופטערט בערד, מאַכט ציטערן פאות און פּאַטשט מיט ציצית פון ארבע-כנפות׳לעך אין פנים אַריין.

אַ ביטעל אונטער דער שטאָדט ציהען זיך אויף די הימלען זיכער, גיסט זיך אויף דאָס וואַסער זיכער, אויף גאָטס חסד גע-שיצט, און ביים ברעג ליגען אַנדערע מענשען, פון אַן׳אַנדער וואַסער, אַ פּאַרטיע „ליטוואַקעס”. יונג און אַלט ליגען זיי אויפ׳ן פעלד. פון דערווייטען זעהען זיך נאָר די בלעכענע טשייניקעס, אָנגעבונדען אויף די געפּעק, עס ליגט אַ יודענע, אָנגעלענט דעם קאָפּ אויף אַ קעסטעלע און, איבערגעבענדיג אַ „כפרה” די נאַקע-טע ברוסט דעם נאַקעטען קינד, וואָס ליגט ביי איר, ציהט זי איר קאָפּ צום הימעל אַרויף. די פערמאַכטע אויגען בעבען שוין נישט, עס הייסט, ווי זיי וואָלטען צום בורא-עולם זאָגען: ווילסט אַזוי, טאָ זאָל זיין אַזוי...

עס זיצען די פּאָטערס אויף די געפּעק זאַכען; טייל די קעפּ אויף די הענט אָנגעלענט און קלערען, טייל גאָר,—אַזוי ווי עס וואָלט זייער עסק נישט זיין, זיצען און שווייגען, וואַר-טענדיג אויף עפּיס. נעבען טאַטען אויף דער ערד זיצט די מאַ-מע און צוטיילט די קליינע קינדערלעך ברויט מיט אוגערקע, דער פּאָטער בויגט דעם קאָפּ פון די עסענדע קינדער אַוועק און קוקט אין הימעל אַריין. און דאָרט, ביים ברעג וואַסער, שטעהט די עלטערע טאָכטער און קוקט אויף די פליסענדע כוועלען, און

פון די אויגען רינען שטילע טרערען, און עס דאַכט זיך, אַז די ליפּען שאָקלען זיך.

און שטיל איז אין דער פּאַרטיע. עס פּרובט צו ריידען עפּיס אַ יונגערמאַן מיט אַנ׳אַלטען—דער לעצטער שווייגט. דער יונגערמאַן רעדט ווייטער, דער אַלטער שווייגט אַלץ.

עס לאָזט זיך אַ יונגעלע, אַ ליטוואַקל אַ קליינס, פון דער פּאַרטיע אַרויס און גנב׳עט זיך צו צו די שטאָדט-יונגלעך, וואָס באָדוועז אין די לאַנגע קאַפּאָטקעלעך, דאָרט, אין דער גרויסער לאָדקע, וואָס ביים ברעג וואַסער. עס גערט דאָס ליטוואַקל, געהט און קוקט זיך אום, לאָזט זיך און כאַפּט זיך צוריק, און אָט האָט ער שוין אויך אַ פוס אין די לאָדקע אַריינגעשטעקט. נאָר דאָרט, אין דער פּאַרטיע, שטעהט אַ הויכע יודענע און ווינקט מיט שרעק אויף דעם יונגעלע, מאַכט מיט׳ן פינגער: שלמה׳קע! און דאָס ליטוואַקל געהט ברוגז׳דיג צו דער פּאַרטיע צוריק, זעצט זיך צווישען די יודען און קוקט מיט בענקשאַפט אויף די שפּי-לענדע יונגלעך און שווייגט אויך.

פון אונטער דער ווינטמיל, וואָס פערשטעלט די פּאַרטיע פון מענשענס אויגען, לאָזט זיך עפּיס אַ קליין מאַגער יודעל אַרויס מיט אַ געשווירען בערדיל, אָנגעטאָן אין עפּיס אַ מין דייטשען רע-גענמאַנטעל, אונטען צוגעפּאַטיעט, און אַ פּירקאַנטיג היטעלע. ער האַלט עפּיס אַ ביכעל און דער האַנט און שרייבט דערין. נאָך אים לאָזט זיך נאָך, פון אונטער דער ווינטמיל, עפּיס אַ הוי-כער סאָלדאַט, מיט אַ רינגעלע אין אויער. עס סוד׳עט זיך דער סאָלדאַט מיט דעם יודען אין דערשטיל. דער סאָלדאַט קוקט אויף די זיצענדע יודען און דאָס יודעל שרייבט אין ביכעל. אונטער זיי געהט נאָך אַ הויכער יונג. דאָס פּנים זיינס איז פער-בונדען מיט אַ טוך, און ער האַלט אַ גראָבען שטעקען אין דער האַנט, און דער יונג קלאַפּט וואוילעריש מיט׳ן שטעקען אין דער פייכטער ערד.

אין דער פּאַרטיע ווערט שטיל. עס בלייבען זיצען די וואַנדערער אויף זייערע געפּעק און שווייגען. עס קערט צוריק דאָס מיידעל פון ברעג און זעצט זיך אין דער קאָמפּאַניע. דאָס

קליינע ליטוואַקל בעהאַלט זיך אונטער דער מאַמעס פאַרטוך און ציטערט. און די אימה'דיגע געזיכטער און די אַראָבגעלאָזטע אויגען ריידען עפּיס אין דער שטיל: מיר זענען גאָרנישט שולדיג! גאָרנישט שולדיג!

פון אונטער דער ווינטמיל ווייזט זיך אַרויס אַ שטיק שוואַרצע קאַפּאָטע, אַ האַלב געזיכט, אַ האַלבע באָרד, אַ האַלבער הוט און איין אויג קוקט נאָך פון דערווייטען דעם יוד מיט דעם רעגענמאַנטעל. באַלד ווייזט זיך פון אונטער דער ווינטמיל אַ האַנט אַרויס און ווינקט צו דער „פּאַרטיע", מאַכענדיג אַרויף און אַראָב.

די וואַנדערער זיצען, קוקען איינער דעם צווייטען אָן און שווייגען.

פּאַרנאַכט. אַ ווינט בלאָזט, ער רודערט אויף די ליגענדע, שטיל-פליסענדע וועלען, און פון דערווייטען דאַכט זיך, ווי אַן' אונגעהויערע חיה שווימט אין וואַסער מיט לאַנגע גרויסע וואַסערדיגע קאָלטענעס. די לייווענדען ווערען אויף די בערלינקעס אויפגעצויגען, (זיי גרייטען זיך עפּיס אָן צו אַ מלחמה), פון ערגעץ ווייט קומט אָן אַ טראַטווע צו שווימען און אַ פייערל ברענט זיך אויף דער טראַטווע. און דאָרט איילט אַ מענש אויף אַ לאָדקע צום ברעג, און ווייטער גיסט זיך דאָס וואַסער, און דאָרט ווייט רוהט דאָס וואַסער; עס גיסט זיך אויס געגענאיבער דעם טויבעדעקטען הימעל, דער העלד האָט זיך אָבגעמאַטערט און רוהט און פון דעם באַרג גלענצען-אַראָב די קליינע זעקס ליכטלעך, וואָס שטעהען אין קליינעם בית-המדרש פאַר'ן „עמוד". טונקעל ווערט אויפ'ן וואַסער, טונקעל ווערט אויפ'ן הימעל און דאָס שטעטעל הילט זיך אין אַ טוינעפּעל איין און רוהט אויך. און פון דעם קליינעם בית-המדרש'ל לאָזט זיך אַ ווייגענדיגער „והוא רחום" הערען, און די תפלה שוועבט אין דערלופטען, איבער דעם וואַס ...ר, ווייט איבער די פעלדער... אַ קריאת-שמע לייענען איז עס פאַר'ן שלאָפען לעגען זיך פון דער גאַנצער וועלט...

2

נאַכֿט איז געוואָרען, און שטיל איז אַרום. דאָס וואַסער, ווי עס וואָלט זיך עפּיס אַ ברוגז מיט די חדר-יונגלעך געמאַכֿט, וואָס שטיפען דערמיט אַ גאַנצען טאָג אַרום, האָט זיך אין טוינעפּעל איינגעהילט, עס הייסט אויף מענשען-לשון: אין שטוב זיך אַריינגעכאַפּט, די לאָדען פערמאַכט און שלאָפט. אויף אַ טראַטוועבערגעך ברענט זיך אַ פּייער׳ל, אַ בריליאַנט איז אין דער פינסטערער נאַכֿט איינגעפאַסט, און דאָס פינקעלט אַזוי פון דערווייטען... די שטאָט-בעלי-בתּים האָבען זיך אין זייערע הייזלעך בעהאַלטען, און יעדער שיצט זיך אונטער זיין דעכעל, וואָס דער עלטערזיידע האָט אים איבערגעלאָזט. און דאָס גאַנצע שטעטעל בעהאַלטענדיג זיך אין נעפּעל, וואָס שטייגט פון וואַסער אַרויס, דאַכֿט זיך, דאַנקט און לויבט השם-יתברך, זיך איינקאָרטשענדיג: אוי, וואָס פאַר אַ גוטען גאָט מיר האָבען! און דער נעפּעל, שוועבענדיג איבער דעם שטעטעל, איז עפּיס ווי אַ מאַמע, וואָס פערשפּרייט איר פאַרטוך איבער אירע קליינע קינדערלעך, בעטענדיג זיך: דאָ נישט... דאָ נישט...

נאָר די לבנה, איינע אַליין אויפ׳ן הימעל, קוקט-אַראָב איינע אַליין אויף דער ערד, און בלאָנדזעט-אַרום איינע אַליין אויף דער וועלט, זוכֿענדיג נאָך אַ לבנה... און אויף דעם שלאָפּענדיגען וואַסער פאַלט אַ קאַלטער שטראַהל און בעלויכט עפּ׳ס, שוועבענדיג אויף די רוהיגע, שלאָפענדיגע כוואַליעס. אַלץ טוליעט זיך, הילט זיך אונטער די פליגלען פון דער שכינה איין, בעטענדיג אין דער שטיל, מיט פורכֿט: גאָט, זיי דערבאַרימדיג איבער אונז!

אונטען, אויפ׳ן פעלד, איז דאָס וואַסער פערגליווערט אין איין שטיק, אין דעם אויר פון דער נאַכֿט. פערגליווערט מיט אַלעם: מיט דער וועלט, מיט דער ערד, הימעל און גאָט. ביים ברעג, אויף די פליגעל פון אַ שוואַרצען, רירעוודיגען אָדלער, ליגט ווער... צי זענען עס מענשען, אָדער טויטע שאָטען פון דער נאַכֿט?... פּנים׳ער קוקען אין דער לבנה אַריין, בעטענדיג עפּיס.

און שטיל איז אַרום.

פון דערווייטען הערט זיך, ווי עס רודערט זיך עפּיס אין וואַסער... איין וואַל אויף דער צווייטער און דאָס גיסט זיך צו-זאַמען, ווי עפּיס אַ קושען זיך און אַ פליסטערן אין דער שטיל... צי זענען מתים דאָ די נשמות זייערע טובל אין וואַסער?... באַלד בעווענט זיך אַ שאָטען אין דער לופט, שוועבענדיג איבער׳ן וואַסער. עס רודערט זיך און עס נענט זיך דער שאָטען. אָט הערט זיך, ווי עס שווימט: לאָקך... לאָקך... דאָס וואַסער קושט אין דער שטיל דעם ברעג... דאָס וואַסער קלאַפּט אויף דעם ברעג... דאָס וואַסער שלאָגט דעם ברעג... עס איז ווער צום ברעג צו-געפאָרען.

אַ שאָטען איז אויף דעם ברעג אַרויף...

—ש—שאַ, שטיל זייט!

עס רודערט זיך אויפ׳ן פעלד. טריט קנייטשען און בייגען ווייך דעם מיט טוי-בעדעקטען גראָז.

—יודען!

—וואו זענט איר? זענט איר אַלע צוזאַמען?...

—קומט!

—ש... שטיל

עס רודערט זיך אויפ׳ן פעלד, פייפט גראָז קנייטשט זיך אונטער די טריט.

—ליזע, האַלסט אברהמ׳לען?

מען פליסטערט אין דער-שטיל:

—ברוכ׳ל, וואו ביזטו?

—ביים טאַטען.—

מען געהט.

—יודען, האַלט אייך אָן ביי די הענט,—קאָמאַנדעוועט ווער אין דער שטיל, מען געהט.

—ש-ש-ש-שאַ.

—שטיל זייט נאָר.

שווייגט, האָרכט!...

עס הערט זיך אַ רודערן צווישען צווייגען פון דערווייטען.

—מען האָרכט, דאַכט זיך.

יאָ.

האָרכט נאָר—

—מען געהט.

מען יאָגט נאָך...

—שטיל זייט—ששש...

לעגט איין פאַמעליך אויף דר׳ערד אַנידער.

—בעהאַלט דאָס פּנים אין די גרעזער.

—האַלט-איין דעם אָטעם.

שטיל איז אַרום.

—די לבנה איז בעוואָלקענט, זיי וועלען אונז נישט זעהן.

—גוט.

—זי וועט אַזוי פלינק פון די וואָלקען נישט אַרויסקומען.

—גוט.

—אָ, גאַנצע מחנות שוואַרצע וואָלקענס ציהען זיך איבער איר.

—געלויבט צו גאָט.

עס הערט זיך אַ קלאָגען פון אַ קינד.

—האַלט דעם קינד דאָס מויל צו, זאָל עס נישט שרייען.

—געדענקט אָן גאָט, וואָס טוט איר?!

דאָס קינד הערט-אויף צו קלאָגען.

עס הערען זיך טריט פון פערד.

—מיר זענען פערלאָרען!

—האָט קיין מורא.

—ליגט אויף דר׳ערד, רודערט אייך נאָר נישט.

—בעט גאָט אין האַרץ

—רבונו של עולם!

—ש-שטיל.

—מאַמע, וואו ביזטו?

—דאָ, דאָ!...

—שווייגט!

—מאַמע, איך האָב מורא!

—זיי שטיל, איך בעט דיך.
—מאַמע, פערדעק מיך מיט׳ן טוך.
—שטיל וועט איר זיין!..
—מאַמע ...
—וואַרפט אים אין וואַסער!...
די טריט פון די פערד הערען זיך שוין נענטער.
—ש-ש-שטיל.
די פערד האָבען זיך אָבגעשטעלט.
שטיל איז אַרום.
—שעוועליטסאַ? ניעט?
שטיל איז, מען האָרכט.
—ניע סלישנאַ.
עס הערט זיך אַ גאַלאָפּ, מען רייט געשווינד
די טריט פון די פערד הערען זיך שוין פון דערווייטען.
באַלד, זיי פערשטומען אין דער שטילקייט פון דער נאַכט
—געלויבט השם יתברך!
מען שווייגט.
—וואָס פאַר אַ גוטען גאָט מיר האָבען!
—הויבט אייך אויף פּאַמעליך ...
—האַלט אייך אָן ביי די הענט.
—קומט, יודען.
עס הערען זיך טריט פון מענשען.
—אָט דאָס איז די לאָדקע, לעגט-אַריין די געפּעק.
דאָס וואַסער קלאַפּט אויף דעם ברעג.
—וואו איז אברהמ׳על?
—דאָ, דאָ.
—שטייגט-איין, פלינקער.
—דאָס לעצטע מאָל זעה איך דיך, מיין לעצטער טריט אויף דיין ערד!...
—וועסט שפּעטער זאָגען קנות.
—דעם טאַטען מיט דער מאַמען דאָ אין קבר איבערגע-לאָזט, און דו טראָג זיך די ביינער אַנדערש-וואו...

—מאַכט דיך נישט צום נאַר.

—היידאַ... פלינקער, קיין צייט נישטאָ.

—פאַרטיג?

—שטופ-אָב.

—פאַמעליך, אין דער שטיל.

עס רודערט זיך, דאָס וואַסער קלאַפּט אויף דעם ברעג, עס הערט זיך כוואַליעס יאָגען, מען שיפט זיך: לאָקך... לאָקך... מען פאַטשט דאָס וואַסער...

די לבנה שווימט רוהיג פון די וואָלקען אַרויס. זי שמייבעלט, עס פאַלט אַ קאַלטער שטראַהל אויף די וואַלען.

ה. ד. נאמבערג

מען וועקט

קליינער נאָטיץ.

הערש-דוד נאָמבערג איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1876 אין אמשינאָוו, וואַרשויער גוב. איצט איז ער אינגאַנצען איבערגעגאַנגען צו פובליציסטיק, נאָר אָנגעהויבען האָט ער, ווי דאָס רוב בעלעטריסטען, מיט לידער. איבער זיינע פיין געבויטע און טיעף גענומענע נאָוועלען ליעגט אויסגעשפרייט עפּיס אַ קרענקליכקייט, פון וועלכער ער וואָלט זיך וועלען בעפרייען און קאָן נישט. די דאָזיגע קרענקליכקייט איז אָבער נישט קיין פעהלער, נאָר אַ זעלבסטשטענדיגע שטימונג, וואָס גיט-צו אַ בעזונדערן ווערט און אינטערעס מאַנכע פון זיינע ערצעהלונגען.

ה. ד. נאָמבערג

מען וועקט.

איבער דעם קליינעם איינגעשלאָפענעם שטעטעל שוועבט אַ העלע, פּראָסטיגע ווינטערנאַכט. די לבנה אין בלויען הימעל איז קיילעכדיג און ריין, און אַ בלויליך, דין ליכט דערפילט די לופט און בעדעקט די קליינע, איינגעבויגענע הילצערנע הייזלעך. נאָר דער קוימען פון דער איינציגער גרויסער פאַבריק אין שטעטעל און דער הויכער טורם פון דער קירכע רייסען זיך אין דער הויך און מאַכען שוואַרצע פלעקען אין דער ריינער לופט

אַקעגען די טויזענדער שטערען, וואָס פינקלען אין ריינעם הימעל, שיקען די געפרוירענע שניישטערענדלעך צוריק פון דער ערד מיליאָנען שטראַלען, וואָס ציטערן אין דער לופט. די לופט איז קאַלט, שטייף און רוהיג, עס בעוועגט זי נישט קיין מינדעסטער ריר, און שטיל איז אַרום. די קליינע, הילצערנע הייזלעך בויגען זיך צו צו דער ערד, איינגעשלאָפען און פער'-חלומ'ט, און פון זייערע פענסטער קוקט-אַרויס די פינסטערניש. פון עפּיס אַ פענסטער שלאָגט-אַרויס אַ שוואַכע ציטריגע שייך, און פון דאָרט דערהערט זיך טיילמאָל אַ וויינענדיג, דערשטיקט קול: אַ קראַנק קינד וועקט זיך און וויינט. באַלד דערהערט זיך פון דאָרט דאָס געקלאַפּ פון וויגעל, וואָס בעוועגט זיך מיט אַ גלייכען טאַקט. דאָס קול פערשטומט, דערנאָך אויך דאָס געקלאַפּ

פון וויגעל—און די רוהיגע, פּראַסטיגע נאַכט הערשט ווידער שטיל און רוהיג.

און פעסט אַרומגענומען פון דער נאַכט, שווייגט שטיל די וועלט, אַ שטייגער, זי וואָלט מורא האָבּען אַ מויל צו עפנען פאַר דער שענער מעכטיגער נאַכטקעניגין; נאָר דער פערשיי־טער שטאָטזייגער איז נישט איבערגעשראָקען, יעדעס פירטעל שעה קלינגט ער אָן, און גיט־איבער דער נאַכט אַ קורצען לאַ־קאָנישען בעריכט, ווי שפּעט עס איז, ווי לאַנג זי, די נאַכט, האָט נאָך צו הערשען איבער דער וועלט.

קלום... קלום... עס האָט פיר געשלאָגען. נאָר די נאַכט, ווי זי וואָלט קיין זייגער־לשון נישט פערשטאַנען און ווי זי וואָלט איבערצייגט געווען, אַז זי וועט אויף אייביג הערשען— בלייבט ווידער שטיל, רוהיג און מאַיעסטעטיש.

מענשען שלאָפען שוין לאַנג מיט אַ פעסטען נאָך־האַלבנאַכ־טיגען שלאָף, רוהען־אויס די מידע ביינער און דעם דאַרען מח יעדער אויף וואָס ער קאָן: דאָס יונגוואַרג ליגט אויף האַלב־צו־בראָכענע בעטלעך, צוגערוקט איינעם צום אַנדערן, כּדי צודער־וואַרימען דעם קאַלטען גוף, און דאָס אַלטוואַרג ציטערט אויף די אָבגעקילטע אויוועגס. אין די יודישע הייזער איז דער אויוועג לער, פאַרדאָס ליגען זיי צוזאַמענגעפּרעסט, ווי סחורה אין אַ קאַסטען איינגעפּאַקט, אין מאָדנע שלאָפבענק, פאַרוויקעלטע הענטלעך מיט פיסלעך; עטליכע קליינע, בלייכע קינדערשע פּנים׳ער קוקען אַרויס, און יאַרמאָלקעס וואַרפען זיך דערנעבען אַרום. און אויף די אַלע פּנים׳ער, אין די בעטען און אויף די אויוועגס, אין יודישע און אין קריסטליכע הייזער, ליגט אויסגעגאָסען עפּיס אַ מין צופרידענהייט, און מיט די נעזער שנאָרכען זיי אויס אַ לויב־ליד צו דעם גוטען דערבאַרמהאַרציגען בעשעפער, וואָס האָט בעשאַפען פאַר זיי אַזאַ מין גוטע נאַכט, אַזאַ מין זיסען שלאָף.

דער קליינער ווייזער פון שטאָטזייגער רוקט זיך אָב פון פיר און געהט נענטער צו פינף. פון די טרעפּען פון אַ גע־וועלב הויבט זיך אויף דער מאַרקוועכטער, געניצט אָב מיט אַ ברייט אָפען מויל און געהט אַהיים שלאָפען. די רוהיגע לופט

צורודערט אַ שרייענדיגער „קוקעריקו”.

עס דאַכט, די נאַכט האָט אינגאַנצען אַ ציטער-געגעבען, זי שרעקט זיך פאַר איר סוף.

— קלום... קלום...— עס האָט פינף געשלאָגען.

און אין דערזעלבער סעקונדע דערהערט זיך אַלאַנג אויס-געצויגען פייפען פון דער פאַבריק. דאָס פייפען ציהט זיך דורך דער לופט, בעוועגט זיך אין דערלענג און אין דערברייט און דרינגט-אַריין דורך די פענסטער אין די שטיבער און וועקט:

— פססס... שטעהט-אויף, מענשען! שטעהט-אויף צו דער אַרבייט!

אין עטליכע סעקונדען אַרום הויבט זיך דאָס יונגוואַרג אָן צו הויבען אויף די בעטען, דרעהען זיך נאָך עטליכע מאָל איבער פון איין זייט אויף דער אַנדערער, גענעצען און שטעהען אויף.

אַ יונגע מוטער, וואָס האָט ערשט די אויגען געעפענט, כאַפט איר קינד אָנזויגען, שטופּט מיט געוואַלט דעם קינד די ברוסט אין מויל אַריין, דאָס קינד ברויך דאָס זויגען גענוג צו-האָבען ביז צוועלף, ווען זי קומט אַהייט אויף מיטאָג. דאָס יונג-וואַרג וואַשט זיך איילענדיג, לעגט אין די טאַשען דאָס ברויט, וואָס ליגט אָנגעגרייט אויף די טישען פון נעכטען.

די לופט אינדרויסען איז ווידער שטיל; נאָר דער קירכ-גלאָק הויבט זיך יעצט אָן צו בעוועגען.

גלייך און געלאַסען קלינגט ער; באַלד רופט זיך אָן אַ צווייטער, וואָס קלינגט נידריגער פאַר'ן ערשטען, נאָר גיכער, און די שטימען פעראייניגען זיך אין אַ טרויעריגער האַרמאָניע.

און דאָס קלינגען טראָגט זיך אין דער לופט, גנבה'ט זיך דורך די פענסטער אין די שטובען אַריין און וועקט:

— קלום-קלום-קלום... קלום-קלום-קלום... שטעהט-אויף, שטעהט-אויף, מענשען, גאָט צו דינען.

עס רורערט זיך אויף די אויוועגס, די אַלטע קראַצען זיך, גענעצען און שטעהען אויף

אויף דער גאַס הויבט זיך אָן צו רירען, עס דערזעהען זיך מענשליכע פיגורען: אַלטע און יונגע. מענער און ווייבער

איילען אין צוויי זייטען: די יונגע אין דער פאַבריק און די אַלטע אין דער קירך.

עס עפענען זיך די יודישע געוועלבער, דער שמש שלאָגט מיט'ן האַמער און וועקט דעם עולם דאַוונען. בעלי-מלאכות מיט טלית-און-תפלין אונטער'ן אָרים איילען אין בית-המדרש אַריין.

נאָך אין אַ צייט אַרום האָט דער שטאָטזייגער אויסגעקלונגען זיבען און האָט פערצעלט, אַז באַלד וועט די זון זיך בעווייזען. און פון אונטער די נידעריגע הייזער איז אַרויס די זון, רויט און פריש, און האָט צושיקט אין אַלע זייטען ליכטיגע, דערקוויקענדיגע שטראַלען, און די שטראַלען האָבען דורכגעוועבט מיט מאָרגענליכט די לופט, און דורך די שויבען אין די שטובען אַריינגעשלאָגען און געוועקט:

שטעהט, אויף מענשען, שטעה-טאויף צו דינען זיך גופא! הייליג איז דער מענש!

נאָר די שטראַלען האָבען שוין קיינעם אין בעט נישט געטראָפען, מענשען דינען שוין לאַנג: ווער ביי לייטען, ווער ביי גאָט.

די זון האָט אַ בייזען בליק געוואָרפען אויף דער ערד און זיך בגהאַלטע, אונטער אַ שווערען וואָלקען...

מ. ראָזענפעלד

פאַנטאַזיע

קליינער נאָטיץ.

מ אָ ר י ס (משה־יעקב) **ר אָ ז ע נ פ ע ל ד** איז געבוירען געוואָרען אין יאהר 1862 אין דאָרף באָקשא, סובאלקער גוב. שרייבען האָט ער אָנגעהויבען זעהר פריה, אָבער זיינע ערשטע לידער זענען געוועזען גאַנץ פארבלאָזע. ערשט שפּע־טער, ווען ראָזענפעלד האָט שוין אַ היבשע צייט געוואוינט אין אמעריקא, האָט אָנגעהויבען וואקסען זיין שם אלס דיכטער. אָבער ער איז אויך אַ גרויסער מייסטער אין פּראָזע. אין פּראָזע איז ער אויך אַזוי לייכט, שפּיעלענדיג און פיילמאָל וויציג, ווי אין זיינע לידער. בכלל איז אין זיין שאַפען פאראַן אַ סך גלאַנץ און שטאַרקייט, און אין דעם פרט איז ער אפשר דער איינציגער אין דער יודישער ליטעראַטור. מאָריס ראָזענפעלדס פּאָעזיע און פּראָזע זענען נישט **ג ע ט אָ ק ט**, נאָר **ג ע ה א מ ע ר ט**.

מ. ראָזענפעלד.

פ אַ נ ט אַ ז י ע.

דאָס איז געווען אין דעם יאָר נײַנצענהונדערט און פינף, אויף קאָלומבוס׳עס ערד, צו דער צײַט, וואָס מײַן פאָלק האָט פערלאָרען זײַן וועג און געלײַקענט אין אַלץ, וואָס איז רעכט און אין אַלץ, וואָס איז הײליג.

און אַ האַנט האָט פון די וואָלקען זיך אַראָבגעלאָזט און האָט מיך אָנגעגריפען און אַוועקגעשטעלט אויפ׳ן קאָפּ פון דער סטאַטוע פון פרײַהייט, בײַ דעם אָפענעם פּאָרט פון דער מו-טערשטאָט פון די פעראײניגטע שטאַטען.

און מײַנע אויגען האָבען זיך געעפענט ווײַט און איך האָב געזעהן בײדע וועלטען: די אַלטע וועלט און די נײַע.

איך האָב געזעהן דעם גאַנצען אַטלאַנטישען מער פון ברעג צו ברעג, האָב געזעהן די מיליאָנען שיפען, וואָס שנײַדען דורך זײַן רױשענדען בוזים, און געפיהלט דעם בײַטש פון שטורם, וואָס מאַכט שפּרינגען זײַנע וועלען.

און די שוואַרצע פלוטען האָבען געגליצטען פאַר מיר, ווי קריסטאַל, און איך האָב דורכגעקוקט דעם ים׳ס האַרץ ביז׳ן תהום און האָב דאָרט געזעהן זײַנע סודות.

און דער הימעל איבער מײַן קאָפּ איז געווען אָפען און איך האָב געזעהן די גערעכטיגקײט, טראָגענדיג אויף אַ וואָלקען פון פײַער.

און איך האָב געזעהן די צייט, זיצענדיג ביי איר וועב-שטול, וועבענדיג דעם שטאָלץ פון די קומענדיגע דורות.

און מיין ברוסט איז געוואָרען שטאַרק, ווי אַ פּאַנציר, מיין בליק—ריין און פלאַמענד.

און מיין ערנסט פּנים האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אין די קלאָרע יריעות פון די אויבערשטע וועלטען.

איך האָב בעטראַכט דעם שנעלען גאַנג פון די פּלאַנעטען.

מיינע אויערן האָבען פערנומען דעם געזאַנג פון מאָרגענ-שטערן...

איך האָב געהערט דעם הייליגען כאָר פון די כּרובים, וואָס בעגלייטען די זון.

און איך האָב געזעהן די געבורט פון די יונגסטע שטראַ-לען, וואָס ברעכען-דורך די געצעלטען פון הימלען, צו בעלייכ-טען די וועלט.

און באַלד האָב איך דערהערט אַ מעכטיג רוישען פון פליגלען איבער מיין קאָפּ.

און עס האָט זיך געעפענט פאַר מיר נאָך אַנ׳עפענונג אין דער הויך, און איך האָב דערזעהן אַ שוואַרצען הימעל, און זיין שוואַרצער שאַל האָט אָבגעטונקען די פינסטערע ברעגען אין אַטלאַנטיק..

און וויט, וויט אין אַנ׳אונבעשטימטען אָרט, הינטער דעם שלייער, האָט זיך געזעהן אַ מאַט ליכט און זיין פלאַם האָט זיך געוויגט און געצאַנקט ווי אַ גוסס...

און די פליגלען איבער מיין קאָפּ האָבען גענומען מעכטי-גער רוישען.

און פּלוצלונג האָט זיך בעוויזען אַ געפליגעלטע פיגור, דאַכט זיך אין דער געשטאַלט פון אַ פרוי, מיט אַ גליהענדיגען פאַקעל אין האַנט, און זי איז געבליבען שוועבען צווישען מיר און צווישען דעם שוואַרצען שלייער, און אַ שטים האָט פון ערגעץ געזאָגט צו מיר:

—פרעג!

און מיינע ליפּען האָבען געציטערט, ווי אין פיבער, און איך האָב געפרעגט:

—פאַרוואָס איז דער הימעל פערצויגען מיט שוואַרצען?

און אַ שטים האָט מיר געענטפערט:

—ווייל דאָס איז דער יודישער הימעל.

דער ענטפער האָט דורכגעלעכערט מיין נשמה און אַ דיקע שוואַרצקייט האָט זיך אויסגעצויגען פאַר מיינע בליקען, און איך האָב קוים געזעהן די פיגור.

—און פאַרוואָס איז דער יודישער הימעל שוואַרץ?—האָב איך ווייטער געפרעגט.

און די שטים האָט געזאָגט:

—זעה!

און איך דאָב געזעהן.

די געפליגעלטע פיגור האָט מיר געוויזען מיט איר פאַקעל אויף די גערעכטיגקייט.

פאַר איר טראָן איז געשטאַנען אַ פרוי, אירע באָרוויסע פיס זענען געווען פערגאָסען מיט בלוט, אירע לאַנגע שוואַרצע האָר צופלאָכטען און צושויבערט, אויף איר שטערען האָט זי גע-טראָגען אַ קראַנץ פון פערבלוטיגטע דערנער און אירע הענט זענען געווען אויסגעשטרעקט געגען דער גערעכטיגקייט...

און די פרוי האָט ביטער, זעהר ביטער געוויינט.

—ווער איז די אומגליקליכע?—האָב איך געפרעגט מיט אַ קול פון אומגליק.

און די שטים האָט געענטפערט:

—דאָס יודישע פאָלק.

—און ווער האָט איר געבראַכט צו אַזאַ מדרגה?—האָב איך אויפגעציטערט און מיין האַרץ האָט געקאָכט, ווי דער ים, און די שטים האָט געזאָגט:

—קוק זיך איין, וועסטו וויסען.

און איך האָב געקוקט.

די געפליגעלטע פיגור האָט מיר געוויזען מיט איר ברע-נענדיגען פאַקעל, און איך האָב געזעהן.

פון אונטער דעם שוואַרצען שלייער האָט זיך אַרויסגע-רוקט אַ מחנה טונקעלע געשטאַלטען.

אַנדערע מיט הוילע קעפּ און אַנדערע מיט יאַרמולקעס, אַנדערע געגאָלטע, אַנדערע מיט בערדלעך און אַנדערע—מיט קאָל-טאָנעוואַטע, לאַנגע בערד, ווי די בעזימער

אַנדערע מיט שרייבפעדערס אין די הענט... אַנדערע מיט פושקעס, אַנדערע מיט אָנגעבלאָזענע לונג און לעבערס, און אַנ-דערע מיט ווייסע בויגענס פּאַפּיר, אויף וועלכע עס זענען גע-שטאַנען מיט בלוט געשריבען די אותיות:

—„שתדלנות" און „צדקה"...

און אויף יעדענס שטערען פון די טונקעלע געשטאַלטען זענען געשטאַנען אויסגעברענט די ווערטער: „כשר... כשר..."

איינער האָט געהאַט אויף זיין שוואַרצען ראָק אַ לענטע, אויף וועלכער עס איז געווען אויסגענייט מיט מענשליכע אָדערן די ווערטער „כל ישראל"...

און פאַר דער העלער שיין פון דעם ברענענדיגען פאַקעל האָב איך געזעהן, אַז זיי האָבען קיינער נישט קיין הערצער.

דאָס איז געווען אַ לוסטיגע חברה, אַ פרעהליך געזינדעל!

באַלד זענען זיי געשפּרונגען איינציגווייז און באַלד האָבען זיי זיך געהאַלטען פאַר די הענט און געטאַנצט אַ קאַראַהאָד, באַלד האָבען זיי געשפּייט מיט גאַל איינער דעם צווייטען אין געזיכט, און באַלד האָבען זיי זיך געהאַלזט און געקושט און גע-לאַכט מיט אַ משונה-ווילד געלעכטער.

— וועה! ווער זענען זיי? — האָב איך געפרעגט פערוואונ-דערט און ערשטוינט, נישט-וויסענדיג, וואָס איך זעה.

און די שטים האָט געזאָגט:

—זעה און הער!

און איך האָב דערזעהן, ווי הינטער דער שוואַרצער מחנה האָבען זיך בעוויזען גרופּעס, גרופּעס פערזעהעניש, מיט לאַנגע אויערן, דינע עקען און פערדישע פנים'ער, און יעדע גרופּע איז נאָכגעלאָפען מיט אַ הירזשעריי נאָך איינעם פון די דונקעלע גע-שטאַלטען.

אָט האָבען זיי זיך צובריקעט, געשלאָגען מיט די פּיס, מיט די קעפּ און מיט די ווידלען, און אָט זענען זיי געשפּרונגען צוזאַמען און געקיקלערט: „קדוש, קדוש, קדוש״.

און די גרופּעס פּערזעהענישען האָבען געטראָגען אויף אַ געדרעהטער שנור פון שלאַנגענפעל אַ בינטעל שוואַרצע הערצער... און, שפּרינגענדיג און טומלענדיג און גרילצענדיג, האָבען זיי זיך געדרעהט אַרום די טונקעלע געשטאַלטען... און פון גרונט ים האָבען האַסטיג אויפגעטויכט אַ מחנה ברואים מיט הינערשע פיסלעך און שפּיציגע בערדלעך, מיט הערנערלעך און האָבען געזונגען:

„מיר זענען צופרידען
מיט אייך, ליבע יודען,
ישראל׳ס רעגירער
און יודישע פירער
פון אָט דער זייט ים.

איר זענט אונז אַ ברכה,
פערשפּאָרט אונז מלאכה,
גאַנץ גוט, ליבע ברידער!
נו, ווידער און ווידער!
מיט חשק, מיט טעם!

מיר קומען פון אונטען,
פון פינסטערע גרונטען,
דאָרט וואַקסען מיר, קוועלען,
אין מאַטערן זעלען
אין פייער און פלאַם.

מיר קומען אייך בענשען,
איר טייוועלשע מענשען,
אייך ברענגען געשאַנקען
און לעבען און דאַנקען
אין נאָמען פון סם״.

און אַזוי ווי די מלאכי חבלה האָבען געענדיגט זייער ליד, האָבען זיי זיך פונאַנדערגעלאַכט מיט אַ ווילדען געלעכטער, וואָס האָט אָבגעקלונגען אין דערלופטען.

און די גערעכטיגקייט האָט זיך איינגעהילט אין אַ מאַנטעל פון פלאַמען און דער שוואַרצער הימעל איז שוואַרצער געוואָרען, און די באָרוויסע, צובלוטיגטע פרוי, מיט'ן דערנערקראַנץ איז געפאַלען מיט'ן פנים צו דער ערד, און דאָס מאַטע ליכט אונ־טער'ן שוואַרצען שלייער האָט זיך אָנגעהויבען לעשען...

און איך האָב געפיהלט, ווי מיין האַרץ צובּרעכט זיך ווי אַ ליימענער שאַרבען, און מיט די לעצטע קרעפטען האָב איך געפרעגט:

—ווער דאָס נאָך לאַנג אַזוי דויערן?

און איך האָב געהערט אַ לאַנגען זיפץ, וואָס האָט זיך גע־צויגען דורך די וועלטען...

און די סטאַטוע פון פרייהייט האָט מיך אַראָבגעוואָרפען פון זיך...

יהואש

קידוש השם

קליינער נאָטיץ.

י ה ו א ש (דער פסעוודאָנים פון'ם דיכטער שלמה בלומגארטען) איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1870 אין ווערזשבאָלאָווא, סובאלקער גוב. שוין אין זיינע ערשטע לידער האָט זיך געפיהלט דער ק ו מ ע נ ד י ג ע ר, וואָס טראָגט א נייעם טאָן און נייע פארבען. יהואש איז איינער פון די גרעסטע יודישע דיכטער און גלייכצייטיג אויך איינער פון יענע, וואָס האָבען א סך געטאָן פאר דער יודישער שפראך. אויף אלץ, וואָס יהואש האָט געשאפט,—סיי פאָעזיע, סיי פראָזע, סיי איבערזעצונגען — ליגט דער שטעמפעל פון א גרויסען טאלענט. אָבער אין דערזעלבער צייט לאָזען זיך אויך אין איהם שפירען די פעלערן, וואָס זענען אזוי כאראקטעריסטיש פאר די אמעריקאנישע יודישע שרייבער, ווי: שפראך-הארטקייט און אזוינע אויסדרוקען און זאצען אין יודיש, וואָס מען קאָן זיך דערלויבען צו געברויכען נאָר דעמאָלט, ווען מען איז עטוואָס דערווייטערט פון פאָלק און זיין לשון.

יהואש.

קידוש השם.

אַ בּלוטיגע האַנט האָט זיך אויסגעשטרעקט און אַרויסגע־פּליקט די עלף ליכטיגע שטערן, וועלכע האָבען דעם וועג געוויזען צו רוהיגער גאָטספאָרכטיגקייט, צו פעסטען בטחון אין דעם גאָט פון אברהם, צו מסירת נפש פאַר זיין תורה...

טראַכטענדיג אָן זיי, האָט אַ פּאָטער מיט אַ שמייכעל זיין אייגענע טאָכטער געקוילעט, און אַליין מיט אַ צושניטענעם האַלז זיין לעצטען „שמע ישראל" אַרויסגעכאָרכעלט... מיט זייער נאָמען אויף די ליפען האָבען זיך טויזענדער טויטען געלאָזט, איידער זייער גאָט צו לעסטערן...

אין אַ פינסטערער תפיסה האָט מען די עלף איינגעשפּאַרט, זייערע פיס און הענט אין שווערע קייטען געשמידט, און פון הינטער דער דיקער וואַנט האָבען זיי געקאָנט הערען דעם דומפּען קלאַפּ פון דעם האַלץ, וואָס מען האָט פאַר זייער שייטער־הויפען געהאַקט...

קיינער פון זיי האָט נישט אַ טרער פערגאָסען, קיינער האָט נישט אַ קרעכץ אַרויסגעלאָזען: אין אַ קרייז אויף דער פייכטער ערד זענען זיי געזעסען—דער גרייזגרויער גאון רב אשר אין דער מיט, און אַרום אים די צען זיהן זיינע, און האָבען תורה געלערנט... פון ערגעץ אַ ווינקעל האָבען זיך קליינע אויגעלעך בעוויזען און זענען שנעל פערשוואונדען צוריק אין זייער לאָך...

אַ גרויסער שפּין איז געהאַנגען אין דער מיט פון איר גרויער נעץ און האָט געהאָרכט...

דער טאָג איז פערגאַנגען און די נאַכט האָט זיך אָנגע-רוקט, איינער האָט דעם צווייטען נישט מער געזעהן, און דער אַלטער פאָטער האָט זיך נאָך אַלץ מפלפל-געווען מיט זיינע קינדער, און ווען עמיצער איז אים מיט אַ סברה בייגעקומען, האָט דאָס פּנים ביי אים אויפגעשטראַלט...

אויף מאָרגען פריה וועלען די קלויסטערגלאָקען קלינגען און רופען צו דעם גרויסען יום-טוב, דעם אויטאָ-דאַ-פע פון עלף פערזינדיגטע נפשות, און ביי די פערזינדיגטע נפשות איז געווען נאָך אַ גרעסערער יום-טוב, און אַ גרעסערע פרייד—די פרייד פון פערוואָגעלטע ים-וואַנדערער, וועלכע ריכטען זיך באַלד אין דעם רוהיגען האַפען צו זיין...

אַ פּאָר שעה פאַרטאָג זענען זייערע שטימען איינציגווייז שטום געוואָרען. מיט די ווערטער פון זייער תורה אויף דער צונג זענען די פערורטיילטע איינגעשלאָפען—דער גרייזגרויער רב אשר אין מיטען און אַרום אים זיינע צען זיהן...

אַ הייזעריגער סקריפּ האָט זיך געהערט, און די שווערע אייזערנע טיר האָט זיך גענומען דרעהען אויף אירע פערראָסטע זאַוויעסעס. אַ קאַלטער ווינט האָט אַריינגעבלאָזען און אַ הויכער מאַן, מיט לאַנגע ווייסע האָרקרויזען, אין אַ ווייסען אַטלאַסענעם מאַנטעל און אַ ווייסען, מיט גאָלד-געשטיקטען, שטריימעל, איז שטיל אַריין. קיין שאָרך האָט זיך נישט געהערט, אַזוי לייכט איז זיין טריט געווען. צו דעם שלאָפענדיגען רב אשר האָט ער זיך אַראָבגעבויגען און אים זאַנפט פון זיין שלומער געוועקט:—

„מאָרגען וועט איר אויף קידוש השם שטאַרבען... אַזוי איז דער גזר. אָבער איינער פון אייך זאָל אַנטרונען ווערען.

„איידער דער מאָרגען ברעכט-אַרויס, וועט ער אויסער דער תפיסה זיין, און זיינע פיס וועלען אים טראָגען, וואו ער וועט קאָנען לעבען רוהיג און דינען גאָט"...

„קלויבט-אויס דעם איינעם, וואָס זאָל אַנטרונען ווערען..."

מיט אַ געשריי האָט זיך דער אַלטער גאון אויפגעכאַפּט...

פינסטער איז געווען אין דער פייכטער געפענגניש, און טאפּענ־
דיג, האָט ער זיך אָן דער פעסט-פערריגעלטער טיר אָנגעקלאַפּט...
קיין שפור פון דעם ווייסען אורח איז נישט געווען.

פון דעם אַלטענס געשריי האָבען זיך אַלע צען זיהן אויפ־
געטרייסעלט. ביי איינעם פון זיי איז נאָך געלעגען אויפ׳ן פנים
דער אָבגלאַנץ פון אַ גרויסען, הימלישען חלום... ער האָט גע־
טרוימט פון די הרוגי מלכות, וואָס ער האָט געזעהן, אָנגעטאָן
אין טייערע קרוינען און לערנענדיג תורה פון כביכול׳ס מויל
אַליין...

„פאָטער אונזערער, וואָס איז דיר?״ — האָבען אַלע צען
מיט אַ צושראָקענעם קול געפרעגט.

אין דער חשך האָט געקלונגען דעם זקנ׳ס ציטערדיגע שטים:

„איינער פון אונז זאָל אַנטרונען ווערען... עס איז דער
ווילען פון גאָט. קלויבט אים אויס צווישען אייך...״

„די קרוין פון אונז אַלעמען, זאָלסט זיך רעטען. און מיר
וועלען שטאַרבען״—האָבען זיי האַסטיג געגעבען אַ תשובה.

דער אַלטער גאון האָט געוויגט זיין גרויסען קאָפּ היין און
הער, און זיי האָבען געהערט, ווי די קייטען קלינגען און קרעכ־
צען, דאַן האָט ער געזאָגט:

„אַ גאַנץ לעבען האָב איך געזוכט, וואו נאָר איך האָב גע־
קאָנט, די מינ־עסטע מצוה מקיים צו זיין. פון דער רגע, וואָס
איך האָב מיין מודה-אני געזאָגט, ביז איך האָב קריאת שמע
אויף מיין געלעגער געלייענט, זענען מיינע גלידער און מיינע
מחשבות געווען גרייט צו דינען דעם האַר פון אַלע וועלטען...
און איצט, ווען איך בין שוואַך און אַלט און האָב בלויז אַ היי־
פעל טעג צו לעבען, און איך קאָן דאָס דאָזיגע הייפעל אים
שענקען פאַר אַ לעצטען קרבן, פאַר אַ מנחת-עני—ווילט איר, איך
זאָל לעבען בלייבען?...״

די קינדער האָבען געשוויגען, קיינער האָט נישט געזוכט
אָבצעווענדען...

און דער גרייז האָט ווייטער גערעדט און זיין שטים האָט

געציטערט, ווי די תּפילה פון אַ מאַמען איבער דער וויג פון איר גוסס'ען קינד:

„וואַרפט גורל צווישען אייך.

לאַנג האָבען אַלע געשוויגען, ביז דער עלטסטער האָט גע-וואַגט צו ענטפערן:

„דער שטן קאָן זיך אין גורל אַריינמישען, און אַנטרונען ווערען וועט נישט דער ריכטיגער...״

די פעראַנטוואָרטליכקייט זענען אין אַ שווערען שווייגען פערזונ-קען און געוואַרט, דער אַלטער גאון זאָל ענטשיידען...

פון דערווייטען האָט זיך געהערט דער מאַטער אָבקלאַנג פון אַ קלויסטערגלאָק...

„מיר וועלען אויסקלויבען״—האָט רב אשר שטיל אַרויסגע-רעדט.

צען הערצער האָבען האַסטיג געקלאַפּט אין דערפינס-טער, און איינליכער האָט אַ שטומע תּפילה צום הימעל גע-ווענדט...

„רבונו של עולם, פערשטויס מיך נישט, פערשעם מיך נישט...״

„מיר וועלען אויסקלויבען״—האָט דער גרייז איבערגע'חזר'ט.

„יוסף״—האָט ער דעם עלטסטען געפרעגט—„האָסטו שוין דיין ספר שרייבען געענדיגט?״

„יאָ, טאַטע״.—

„זאב״—האָט ער ווייטער געפרעגט—„האָסטו דיין פּירוש אויף דער תּורה פאַרטיג?״

„יאָ, טאַטע״—

„יצחק, האָסטו דיינע חדושים אויף ש״ס שוין אויף פּאַפּיר געבראַכט?״

„יאָ, טאַטע״.—

און אַזוי האָט ער איטליכען נאָך דער ריי פון עלטער געפרעגט, ביז ער איז צום יונגסטען געקומען.

„יעקב, מיין קינד, האָסטו דיין ביאור אויף חומש שוין אָנגעשריבען ביז צום סוף?״

„נאָך נישט, אָבער ...

דער גרייז האָט אים נישט געלאָזט דעררײדען:

„דו מוזט ניצול ווערען, דו זאָלסט דיין אַרבייט ענדיגען..."

שטיל איז ווידער געוואָרען, נאָר עמיצער האָט אין דער פינסטערניש אַ שלוכץ פערשטיקט... און אַ זיפץ האָט זיך אַרויסגעריסען פון די ביין, וועלכע האָבען זייער צענטען ברודער בעדויערט...

און אין אַ פּאָר מינוטען אַרום, ווען דער אַלטער האָט געפרעגט אין דערפינסטער:

„יעקב, ביזט נאָך דאָ?"

איז קיין ענטפער מער נישט געקומען... עס האָט זיך געהערט בלויז דאָס שטילע וויינען פון די ביין, וואָס האָבען דעם אַנטרונענעם בעקלאָגט...

ש. אַנ-סקי

מַה נִשְׁתַּנָה?

קליינער נאָטיץ.

ש. א. אנ—סקי (פסעוודאָנים פון דעם רוסיש-יודישען שריפטשטע-לער ש. ראפאָפּאָרט) איז געבוירען געוואָרען אין יאָר 1863 אין וויטעבסק. בעזונדערס בעקאַנט איז ער דעם יודישען לעזער מיט זיין פאַנטאַסטישער פּאָעמע „דער אשמדאי“, וואָס צייכענט זיך אוים מיט זיין רייכען יודישען לשון און לייכטען סאַרקאַסטישען טאָן. „דער אשמדאי“—דאָס איז דער שענסטער פערל אין דער קרוין פון אנ—סקי'ס שאַפען. זיינע דערצעהלונגען און לידער זענען שוין געשריבען געוואָרען מיט יענער ליבע און ערנסט, וואָס נויטיגען זיך נישט אין טאַלענט, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקען, און מאַכען שטענדיג אַזוי [illegible] דערמוטיגען גוטען איינדרוק אויפ'ן לעזער.

ש. אַן-סקי.

מַה נִשְׁתַּנָּה?

מה נשתנה?...

אַ ליבע מתנה פון קינדהייט: זיסע טרוימען, גאָלדענע זכרונות.

דאָס קליינע שטיבעלע איז בעגאָסען מיט יום-טוב׳דיגער ליכטיגקייט, איז דורכגעדרונגען מיט אַ פינקלענדיגער כשר׳ער ריינ-קייט, אויף אַלץ ליגט דער צייכען פון בענייאונג, הייליגקייט און צניעות. אויפ׳ן טיש זענען אויסגעשטעלט אַלע סימבאָלישע שפייזען פונ׳ם סדר: דריי מצה-שמורה׳ס, דורכגעוויקעלט אין אַ האַנטוך, די זרוע—אַ געבראָטען הינער-העלזעל—דער סימבאָל פון קרבן פסח; מרור און כרפס—אַ זכר פון ביטערן גלות; חרוסת—ענליך צום ליים — דאַרף דערמאָנען וועגען עבודת פרך פון מצרים. אין די פלאַשען און כוסות פינקעלט דער רויטער צמוקים-וויין.

אַרום טיש זיצט אונזער געזינד.

דער פאָטער אין ווייסען קיטעל זיצט אויף דעם הסיבה-בעט אָנגעלענט, מיט גרויס גדלות, ווי עס פאַסט פאַר אַ מלך. נעבען איהם די מוטער, די מלכה, מיט אַ לייכטענדיגען פנים, אַ קאָנטעטע און אַ גליקליכע, דורכגעדרונגען מיט אַ יום-טוב׳דיגער רוה. און מיר, קינדער,—דער עלטערער ברודער, די שוועסטער און איך, דער מוזיניק—אַלע אין נייע בגדים, זיצען אַרום טיש

געהאָרכזאַם, שטיל און שטאַטיג. ביים עק טיש אַנ׳אָרימאַן, אַנ׳-„אורח" אויף פסח, און די אַלטינקע קעכין, אין אַ שפּאָגעל-נייעם פאַרטוך, האַלטענדיג מיט דרך ארץ די הענט אויף די קני, זיצט אויסגעגלייכט, מיט אַ מידער און שטאָלצער רוהיגקייט פון אַ מענשען, וואָס האָט דערפילט זיין פליכט, אַ גרייטע דורכצוודריג-גען זיך מיט אַ הייליגער בעגייסטערונג.

באַלד וועט זיך אָנהויבען די הויכע מיסטעריע פון דער פסח-נאַכט.

אָנהויבען עס דאַרף איך, דער יונגסטער אין געזינד. מיר שטעהט-פאָר פרעגען ביים טאַטען די פיר קשיות. די קשיות האָב איך אַ לאַנגע צייט געלערנט אין חדר. איך קאָן זיי אויסוועניג, אויף לשון-הקודש, מיט דער איבערזעצונג אויף יודיש, מיט דעם נגון, ווי געהעריג, און ווי אַ יונג פערדיל, וואָס וואַרט אויף דעם ערשטען ציה מיט די לייצעס אַ ריס צו טאָן זיך פון אָרט און לאָזען זיך לויפען אָהן אַ שמיץ, אַזוי וואַרט איך מיט אַ קלאַפּענ-דיגען האַרץ אויף דעם פאָטערס וואונק.

—נו—ו—ו ?...

איך צושאָקעל זיך — און אויפ׳ן קול, מיט אַ נגון הויב איך אָן.

—טאַטע, איך וועל ביי דיר פרעגען די פיר קשיות: מה נשתנה?

און נישט אָבשטעלענדיג זיך, קלאָר און גרינג, פערגיב איך דעם פאָטער איין קשיא נאָך דער אַנדערער. דער פאָטער מיט אַ שטילען, ליבהאַרציגען שמייכעל אויף די ליפּען, הערט מיך אויס אויפמערקזאַם און געדולדיג, שאָקעלט-צו מיט׳ן קאָפּ, און ווי נאָר איך ענדיג די קשיות, הויבט ער גלייך אָן הויך און זיכער זיין ענטפער, דעם אַלטען, פילטויזענדיאָריגען ענטפער

— עבדים היינו... שקלאַפען זענען מיר געוועזן...

גאָלדענע, ווייטע קינדהייט! ווי פּראָסט איז אַלץ דעמאָלט געוועזן, ווי קלאָר און איינפאַך! די פאָטערס האָבען געבויט דאָס לעבען, אַז עס איז נויטיג געוועזן, האָבען זיי געבראָכען דאָס גע-בויטע; געענדערט די חוקים ומשפטים פון לעבען—און דעמאָלט

האָבען די קינדער געדאַרפט זיך צוקוקען צו זייער אַרבייט, האָבען געדאַרפט זיך לערנען און מיט אָבשיי פרעגען זייערע קשיות: „מה נשתנה?" די עלטערן האָבען געוואַרט אויף די קשיות, האָבען זיי געפאָדערט פון די קינדער און האָבען זיי גוט פערשטאַנען. ווען דאָס קינד האָט אַליין נישט געפרעגט— האָט דער פאָטער אים „געלעגט אין מויל" די קשיות; ווער עס האָט געפרעגט תמ'עוואַטע: „מה זאת?", דעם האָט מען מפורש געווען דעם תוכן. און ווער איז געווען דעם זוהן, וואָס האָט געפרעגט די קשיות און האָט אַרויסגעוויזען אַ גלייכגילטיגקייט צו זיי, האָט זיך אַרויסגעטיילט פון כלל. דעם רשע האָט מען „אויסגעבראָכען די ציין" מיט דעם ענטפער: „ווען דו וואָלסט זיין דאָרט אין מצרים, וואָלסט דו עד-היום נישט אויסגעלייזט געוואָרען ...

...און מיט אַמאָל זענען אָנגעפלויגען פון אַלע זייטען שטורם-ווינטען, האָבען אַנידערגעוואָרפען דעם הערשערטראָן פון די על-טערן און האָבען אַלץ אומגעקערט קאַפויר: די קינדער, וועלכע האָבען פריער געהאַט די רעכט נור מיט אָבשיי צו פרעגען, צו לערנען זיך און פאָלגען,—האָבען אַליין גענומען ברעכען אַלע צוימען, אַלע דינים און געזעצען פון לעבען; און פאַר די צו-טומעלטע און דערשראָקענע עלטערן איז געבליבען נאָר איינס: פרעגען פערוואונדערט:

—מה נשתנה? וואָס איז פאָרגעקומען?...

און עס האָבען זיך גאָר אינגאַנצען פערענדערט די קשיות. עס איז פערשוואונדען זייער אָבשיי, זייער זיכערהייט און גע-דולד, ביי די עלטערן אויף די ליפען האָבען די קשיות בעקומען אַ נייעם נגון, זיי האָבען געקלונגען מיט צווייפעל און ביטער-ניש, מיט טרערען און קללות.

איצט, ביי די פאָטערס, ווי פריער ביי די קינדער, האָ-בען זיך אַרויסגעוויזען פירערליי פרעגער: אַ חכם, אַ רשע, אַ תם און אַ שאינו יודע לשאול. ווי וועניג האָבען זיך צווישען די עלטערן געפונען „חכמים", וועלכע האָבען זיך געמיהט ערנסט אַריינצודרינגען אין תוכן פון די נייע „דינים און געזעצען", וואָס

די קינדער האָבען אַרויסגעשטעלט אויף זייער פּאָן! און וויפיל האָבען זיך אַרויסגעוויזען „רשעים״, וועלכע האָבען „אַרויסגעצויגען זיך פון כלל״. און נאָכמער זיינען געווען אַזעלכע, וואָס נישט פערשטעהענדיג, וואָס אַרום זיי קומט-פאָר, האָבען, צוטומעלט און פערלאָרען, געקאָנט נאָר שטעלען די פראַגע: „מה זאת?״ און די אומגליקליכסטע זיינען געווען די ייִדישע עלטערן, וועלכע האָבען קיין שום קשיות נישט געפרעגט און האָבען שטום און ערשטוינט איבערגעלעבט זייער גרויסען חורבן...

—מה נשתנה?.

און די קינדער האָבען אויך געגעבען אַן׳ענטפער, און זייער ענטפער האָט זיך אויך אָנגעפאַנגען מיט די אַלטע, פּילטויזענדיאָריגע ווערטער:

—עבדים היינו: שקלאַפען זיינען מיר געווען! אין די אַלטע ווערטער האָבען זיי אַריינגעלעגט אַ נייעם גייסט, אַ נייעם כח, אַ ניי געפיהל. און דער ענטפער פון די קינדער האָט געקלונגען מיט אַ נייעם גלויבען, מיט התלהבות און גבורה, ווי דער לעצטער אורטייל איבער דער מצרים-שקלאַפעריי, ווי אַן׳אויפרוף צו אַ נייעם לעבען...

...און אַז עס איז אָנגעקומען האַלבע נאַכט, איז, אָנשטאָט דעם דערוואַרטעטען אליהו הנביא, פאַר וועלכען עס זיינען געווען ברייט געעפענט אַלע טירען,—געקומען דער גרויסער צאָרן-שרעק און איז געגאַנגען פון הויז צו הויז, צו יעדען יודען און האָט בערירט אליהו הנביא׳ס כוס און האָט אים פערוואַנדעלט אין אַ כוס התרעלה פון ביטערען גאַל, פון בלוטיגע טרערען...

—מה נשתנה?...

ווידער אַ פסח-נאַכט.

דאָסזעלבע שטיבעלע... און ווי אַמאָל, איז אין אים ליכטיג און ריין. ווי פריער שטעהען אויפ׳ן טיש די אַלטע סימבאָלישע שפּייזען. דער פאָטער אין דעמזעלבען ווייסען קיטעל, נעבען אים די מוטער; אויף זייערע ערטער דער „אורח״, די

קעכין. אַלץ ווי פריער. נאָר... די קינדער זענען נישטאָ...

און אין דעם חדר, וואָס פינקעלט מיט ליכט און ריינקייט, איז נישטאָ קיין יום-טוב, קיין רוה, קיין בעפרידיגונג. אַלץ איז פערוויקעלט אין אַ נעבעל פון שטילען און שווערען טרויער. ערגיץ-וואו ציטערן נישט-אויסגעוויינטע טרערען און אין די וויטע, נישט-בעלויכטענע ווינקלען, פיהלט זיך אַ פליגעלפלאַטערונג פון טויט.

נאָך אַ לאַנגען שווייגען, נישט אויפהויבענדיג דעם אַראָבגעלאָזענעם בליק, ווענדט זיך דער פאָטער מיט אַ דערשטיקטען זיפץ צו דער מוטער:

— נו,... וואָס קאָן מען מאַכען... פרעג דו די פיר קשיות...

און צווישען די סימבאָלען פון דער פסח-מיסטעריע טרעט-אַרויס נאָך אַ סימבאָל פון העכסטען צער און אומעט: אַ מוטער, וואָס האָט פערלאָרען אירע קינדער.

ווי אַ בעגאָסענע אינגאַנצען מיט טרערען און טרויער, זיצט זי אַנ׳עלענדע, אַנ׳איינגעבויגענע.

—מה נשתנה?

עס ציטערן איבערגעריסענע ווערטער, אונפערשטאַנענע, אונ-גוצליכע, פרעמדע,—און אין יעדען וואָרט, אין יעדען אות קלינגט און רייסט זיך צום הימעל אַ ביטערער, ברענענדיגער קלאָג פון העכסטער לייד. און פאַר די פערוויינטע אויגען פון דער עלענדער מוטער טראָגען זיך די געשטאַלטען פון אירע פערלאָרענע קינדער: די טאָכטער, אַ גע׳הרג׳טע, אַ צופליקטע, אין טויטליכען שרעק אַ געשענדעטע, ליגט צווישען הונדערטער אַזעלכע, ווי זי, צופליקטע מתים. דער עלטערער זוהן, אַ פערשמידטער אין קייטען, אַ בלייכער און אַ שטומער, קוקט מיט שטאַרע אויגען דורך די אייזערנע קראַטעס פון זיין אייביגער תפיסה. און איך,—איר מוזיניק, איר לעצטע האָפנונג,—איך בין פערוואָגעלט אין אַ וויי-טער און אַ פרעמדער לאַנד. און זי זעהט און פיהלט מיט איר מוטערליכען האַרץ, ווי איך בלאָנקע-אום איבער די קאַלטע גאַ-סען פון אַ פרעמדער וועלטשטאָט, ווי אַ הונגעריגער וואָלף, אַנ׳-

איינזאַמער, אַנ׳עלענדער, אַ צורייצטער, מיט אַ פערלאָשענעם גלוי-בען אין האַרצען, מיט זידענדיגע קללות אויף די ליפען, אָהן אַ פונק האָפנונג, אָהן אַ ציל, אָהן אַ צוקונפט...

און מיט דעמזעלבען ברענענדיגען צער, ווי די קשיות, קלינגט אויף די ליפען פון פער׳חושכ׳טע פאָטער דער אַלטער, גרויער תּירוץ:

עבדים היינו...

...און אין דער בעשטימטער שעה, אום האַלבע נאַכט, עפענט זיך די טיר און, אָנשטאַט אליהו הנביא, וועלכען מען דערוואַרט שוין מער נישט, רייסט זיך אַריין אַ קאַלטער, אַ פינ-סטערער ווינט און פערלעשט דאָס לעצטע ליכט און קערט-אום דעם גרויסען כּוס פון נביא. און די אויסגעגאָסענע רויטע פלי-סיגקייט וואַנדעלט זיך אום אין אַ נייעם סימבאָל פאַר דער פסח-מיסטעריע...

—מה נשתּנה?

טעג נאָך טעג. ווי פאַלענדיגער שטויב, זעצען זיי זיך אָב אין אַ פאַך פון נייע יאָרען. זיי פערדעקען די אַלטע בילדער, פער-ציהען די אַלטע וואונדען.

אין דעמזעלבען שטיבעלע, ביי דיזעלבע אומשטענדען פראַ-ווער זיך ווידער אַ סדר פון פסח-נאַכט. נאָר איצט זענען די על-טערן שוין נישט אַליין. צוזאַמען מיט זיי ביים טיש זיץ איך, זייער יונגסטער און איינציגער. איך האָב זיך אומגעקערט צוריק פון מיין ווייטען גלות, אויף דעם פער׳חושכ׳טען פנים פון דער מוטער שפילט אַ בלאַסע רויטקייט, אַ קראַנקער, שוואַכער שמייכעל.

דער פאָטער וואַרפט אויף מיר אַ פרעגענדיגען בליק און רעדט-אַרויס אונזיכער, ווי פערשעמט:

—נו, וואָס?... די פיר קשיות וועסט דו פרעגען?...

—יאָ, איך!

נאָר ווי אַמאָל, אין די ווייטע קינדעריאָרען, וועל איך, דער זוהן, פרעגען די קשיות, און ווענדען וועל איך זיך מיט

זיי נישט צו מיין אָרימען פּאָטער אין דעם תכריכים-קיטעל, נאָר צו דער לאַנגער ריי פון הונדערטער דורות עלטערן, דורך וועלכען עס ציהט זיך מיין צוזאַמענבונד מיט דעם דור אויסגעלייזטע שקלאַפען פון מצרים. און פיל קשיות וועל איך פרעגען. און פרעגען וועל איך זיי נישט מיט דער בעל-הבתישער רוהיגקייט פון דעם „חכם“, נאָר מיט אַ צעווייטיגטער היציגקייט פון אַ „רשע“, וועלכען דאָס לעבען האָט מיט אַ „קלאַפּ אין די ציין“ געבראַכט צו תשובה. און איך וועל זיך שוין נישט בענוגענען מער מיט דעם אַלטען פינסטערן ענטפער: „עבדים היינו“, ווייל אפילו אָט דאָס גרעסטע און האַרבסטע זינד מוז דאָך אויך ווען-עס-איז האָבען אַ פערגעבונג, אַנ׳אויסלייטערונג!...

— מה נשתנה?...

י. גאָרדין

בעריל דער פּערפאַסער

פאַר׳ן בית־דין של מעלה

קליינער נאָטיץ.

יעקב גאָרדין איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1853 אין מירגאָראָד, פּאָלטאָווער גוב. איבערהויפּט האָט ער זיך אויסגעצייכענט מיט זיינע דראַמעס, וואָס זענען געווען די ערשטע מעהר-אָדער-וועניגער זעלבסטשטענדיגע פּיעסע אויף דער יודישער בינע. אפשר האָט מען טאַקי צוליעב דיזאָזיגע טעאַטערשטיק נישט בעמערקט ביז אהער זיינע בעסערע דערצעהלונגען און איבערהויפּט זיינע רייזע-בילדער, וואָס זענען אָנגעזאַפּט מיט זעהר געלונגענע בעאָבאַכטונגען און בילדער. אז מען לייענט דורך די דערמאָנטע רייזע-בילדער, פיהלט מען, אז גאָרדין איז געווען זעהר אַ בעגאַבטער מענש, זעהר אַ קלוגער בעאָבאַכטער און האָט געקאָנט שעהן, נאַטירליך און פּשוט דערצעהלען דאָס אַלץ, וואָס ער האָט געזעהן און איבערגעלעבט. וועגען גאָרדינס פּיעסען האָט מען אַ סך געשריבען, אָבער זיינע בעסערע דערצעהלונגען און רייזע-בילדער וואַרטען נאָך ביז היינט אויף זייער אמת'ער אָבשאַצונג.

י. גאָרדין.

בערל דער פּראָפּעסאָר

פאַר'ן בית-דין של מעלה.

דער בעליבטער נאָוועליסט, דער טאַלענטפולער שריפט-שטעלער, בערל דלפנזאָהן, איז געשטאָרבען... ער איז נישט נפטר געוואָרען, נישט געשטאָרבען בנשיקה, ער איז פשוט אויס-געגאַנגען פון הונגער.

אַז אַ רייכער מענש שטאַרבט, שיקט מען געוועגליך פון די לאַדזשען פערד, בלומען, שמשים. די אלמנה טוט-אָן אַ טרויערשליי-ער, דער מגיד קנאַקט אַ הספד, די אַסעקוראַנצקאָמפּאַניע צאָלט-אויס אַ פּרעמיע, די בעגלייטערס טוען-אָן צילינדערס א. אַז. וו.

אַז בערל דלפנזאָהנס נשמה איז אַרויס פון זיין אויסגע-דאַרטען גוף, איז ער געלעגען דריי טעג, איידער מען האָט אים צוגענומען פון דעם פּערוואָרפען געסעל. די אָרימע אלמנה האָט אויסגעוויינט אירע אויגען, און קיין משוגענער האָט נישט געבראַכט קיין איין בלומעלע צום קבצנ'ס לויה. דעם הספד האָבען אים געזונגען זיינע עלענדע יתומים און אַוועקגעפירט האָט אים אַנ'אַלט פערד, וואָס האָט זיך קוים געשלעפּט אויף די פיס.

אומזיסט האָבען די ווערם אַרומגעטאַנצט אין קבר ארום

בּערל דלפנזאָהנס גוף, זיי האָבּען נישט געקאָנט געפינען אפילו איין געשמאַק שטיקעלע... טרוקענע אָדערן, פערפוילטע לונגען, פעררויכערטע געדערם! זיי זענען געווען העכסט צופרידען, ווען דער גיהנם-שמש איז געקומען רופען דעם געשטאָרבּענעם קבצן פאַר׳ן בית דין של מעלה.

—ווער ביזטו? און מיט וואָס האָסטו זיך בּעשעפטיגט?—האָט געפרעגט דער גרויסער אויבּעררירכטער.

—ווער איך בּין? איך בּין דער בּערימטער שריפטשטעלער, וועלכער האָט יאָרענלאַנג געדינט זיינע בּרידער מיט זיין ערליכער פען... מיט מיין פּאָעזיע האָבּ איך זיי געטרייסט, מיט מיינע שענע געדאַנקען געלערנט, מיט מיינע קונסטפולע נאָוועלען אַמוזירט און ענטוויקעלט זייער עסטעטישען געשמאַק... מיין נאָמען איז בּעריל דלפנזאָהן.

—דלפנזאָהן? זאָל מען בּאַלד אונטערזוכען! איז וואָר, וואָס דאָס דאָזיגע אָרימע מענשעלע דערקלערט דאָ?

אַלע הימעל-משרתים און שרייבּער, אַלע מלאכים האָבּען זיך אַוואָרף-געטאָן זוכען. מען האָט איבּערגעקערט אַלע בּיבּליאָטעקען, דורכגעקוקט אַלע ענציקלאָפּעדיעס, אַלע אָנצייגער, אָבּער קיין זכר פון קיין דלפנזאָהן האָט מען נישט געפונען...

—עס איז געוויס דערפאַר, ווייל איך האָבּ געשריבּען אין זשאַרגאָן...—האָט געענטפערט מיט טרערען בּערל דער פערפאָסער.

—זשאַרגאָן?! וואָס איז דאָס פאַר אַ שפּראַך! האָט ווער דאָ געהערט פון אַזאַ שפּראַך?—האָט שטרענג געפרעגט דער אויבּעררירכטער.

—זשאַרגאָן! מיר האָבּען נישט געהערט פון אַ זשאַרגאָנישער שפּראַך!—האָבּען געענטפערט אַלע איינוואוינער פון הימעל...

—איר האָט נישט געהערט, אָבּער מיט דער שפּראַך רייּדען מיליאָנען מענשען, דאָס הייסט, יודען... אין דער שפּראַך האָבּ איך אויסגעדריקט אַלץ, וואָס אַנ׳איידעל האַרץ קאָן פּיהלען. איך האָבּ געשילדערט בּילדער, וועלכע קאָנען בּעגייסטערן... איך האָבּ געזונגען פון שענקייט און האַרמאָניע, פון אידעאַלען

און ליבע. זענען דאָ נישטאָ קיין קראָמען, וואו עס פערקויפען זיך מיינע ביכלעך?

—ניין! אָבער ווען עס איז וואָר, אַז דו ביזט אַ בערימ-טער יודישער שרייבער געווען, דאַן וועסטו בעלוינט ווערען ווי אַלע גרויסע דיכטער... מטטרון! באַלד זאָלסטו זיך פערשטעלען פאַר אַ יודען און געהן קיין ניו-יאָרק... אויב עס איז וואָר, אַז ער איז געווען אַ טיכטיגער שרייבער, אַ בערימטער פאָעט און נאָוועליסט, וועסטו עס לייכט אויסגעפינען... ערשטענס, האָבען איִם די דאַנקבאַרע יודען געוויס געשטעלט אַ שענעם מאָנומענט אויף ראָטגערס פלייס! צוויטענס, ביי יעדען יודען אין הויז וועסטו געוויס געפינען דעם פאָרטרעט פון זייער געליבטען און געעהרטען פערפאַסער... דריטענס, וועט דיר יעדער יוד אַליין דערצעלען, ווי ענטציקט און בעגייסטערט ער איז געווען, ווען ער האָט געלעזען זיינע טאַלענטפולע ווערק...

ווי מיינט איר, ביי מטטרון איז אַ קונץ געווען אין צוויי מינוט צו מאַכען זיך פאַר אַ יודען און אַראָבפאַלען אין מיטען העסטער סטריט אויף אַ פעסעל העריינג?

ער לויפט אויף ראָטגערס פלייס און זוכט בערלס מאָנומענט.

—נישטאָ קיין זכר. עטליכע עקספרעסען שטעהען, און לוי-פערס שפּילען זיך מיט קנעפּלעך. געהט מטטרון פון איין יודי-שער שטוב צו דער אַנדערער און זוכט בערלס בילד.

נישטאָ! באַראָן הירש, משה מאָנטיפיאָרע איז דאָ, ר' מענ-דעלע, ר' יצחק-אלחנן, אַן'אויסגעשניצטער מזרח, קליוולאַנד, גע-נעראַל סקאָבעליעוו, באַקונין—און בערל איז נישטאָ. פרעגט מטטרון ביי אַ יודען: ידידי, איר האָט געוויס געהערט פון דעם בערימטען ר' בערל דלפנזאָהן?...

—ווער איז ער? אַ באַנקיר?... ראָטשילדס סופּעראינטענ-דענט? באַראָן הירשס גלידגעשוועסטערקינד?

—ניין, אַ פערפאַסער, אַ דיכטער...

—אַי, דולט מיר נישט אַ פּאה! וועמען ליגט עס אין זי-נען אַזעלכע נאַרישקייטען.

געהט מטטרון צו אַנ'אַנדער יודעל און פרעגט: ר' יוד, האָט איר געלעזען הער דלפנזאָנס ווערק?

—אָך!—האָט געענטפערט דער צווייטער יוד—איך לייען יאָ אַמאָל די ביכלעך, אָבער ווער עס האָט זיי מחבר-געווען, געדענק איך נישט... עס ליגט מיר זעהר אין קאָפּ געדענקען, צי דלפנזאָהן, צי קבצנזאָהן, צי דלותזאָהן האָט עס געשריבען... איך האָב בעצאָלט פינף סענט און אַראָב פון מאַרק!... אַז איינער קויפט ביי מיר סוספענדערס, איז ער מחויב דערפאַר אייביג צו געדענקען מיין נאָמען? אַ נייס!

דאָ איז מטטרון בייז געוואָרען און האָט זיך אַרויפגעדראַפּעט צוריק אויפ'ן הימעל. איידער ער איז געגאַנגען צום בית-דין של מעלה, האָט ער גענומען ביינצען וואַנעס, זיבענטויזענט מלאכים האָבען אים געריבען מיט זייף און מיט בערשטלעך... פון קאָפּ האָט מען ביי אים אויסגעקעמט ביינצען פּוד פעדערן, און די קליידער פערברענט אין העלישען פייער פון גיהנם.

און ווען מטטרון, האָט דערצעלט, וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט, האָט דער אויבערריכטער זיך געווענדט צום אומגליקליכען בערל דלפנזאָהן און געזאָגט: ווייל דו ביזט געווען אַזאַ נאַר און האָסט געאַכפּערט דיין טאַלאַנט פאַר אונדאַנקבאַרע מענשען, וועלכע קאָנען נישט שעצען און ווילען נישט שטאָלצירען מיט זייערע דיכטער, ווייל דו האָסט אומגליקליך געמאַכט דיך, דיין ווייב און קינדער, דערפאַר זאָלסטו מגולגל-ווערען אין אַנ'אינדיק, און דער ערשטער יודישער שרייבער, וואָס שרייבט פּאַטריאָטישע אַרטיקלען אין אַנ'ענגלישער צייטונג, זאָל דיך אויפעסען אין דעם גרויטען פּאַטריאָטישען יום-טוב פון „טהענקסגיווינג דעי!”... דאַן האָט זיך בערל אַנידערגעשטעלט אויף זיינע קראַנקע פיס, צוויי טרערען האָבען זיך אַרויסגעריסען פון זיינע שוואַכע אויגען און מיט אַ מרויעריגער שטים האָט ער געזאָגט: גוטער ריכטער, געניג חרפּה און בזיון האָב איך געהאַט, ווען איך בין געווען אַ יודישער שרייבער, פאַרוואָס זאָל איך נאָך מגולגל-ווערען אין אַנ'אינדיק? איך בין געלעגען מיין גאַנץ לע-

י. גאָרדין.

בען אין דר׳ערד, דערלויב מיר נאָך מיין טויט רוהיג אין דער ערד ליגען און זאָל מען דאָ אין די הימלען מיך אַזוי גיך פערגעסען, ווי שנעל עס האָבען מיך פערגעסען די יודען דאָרט אויף יענער וועלט...

און דער גוטער ריכטער האָט זיך דערבאַרימט, און בערל־שלפנזאָהן ליגט אין דער ערד...

ז. ליבין

מאַן און ווייב

קליינער נאָטיץ.

ז. ליבין (פסעוודאָנים פון'ם אמעריקאַניש-יודישען בעלעטריסט און דראַמאַטיקער ישראל הורוויץ) איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1872 אין האָרקי, מאָהילעווער גוב. אין זיינע הונדערטער קורצע סקיצען און דערצעהלונגען ווערט געשילדערט וואָרהאַפטיג און פשוט דאָס טרויעריגע לעבען פון יודישע אַרבייטער, וואָס לאָזען-איבער זייער געזונד און כחות אין די טונקעלע סוועטשעפער פון דעם איינגען ניו-יאָרקער געטאָ. „דאָס לעבען פון דעם יודישען אַרבייטער— שרייבט ליבין אין זיין אויטאָביאָגראַפיע—איז דאָס לעבען, וועלכעס איך ווייס אַמבעסטען. דאָס איז דאָס לעבען, וועלכעס איז פעסט צונויפגעגאָסען מיט מיין אייגענעם לעבען.“

ז. ליבין.

מאַן און ווייב.

און טאַניע, מירקינס פרוי, האָט זיך גענומען פערפוצען און גרייטען זיך צום באַל.

געצויגען צום באַל האָט טאַניע'ן נישט אַזוי ווייט דער חשק צו געניסען אַ פּאָר שעה פערגעניגען, ווי דער ווילען אָבטאָן אַ צו-להכעיס איר מאַן.

די מירקינס זענען, נישט פאַר קיינעם געדאַכט, בעשאָטען מיט קליינע קינדערלעך, פון וועלכע דאָס עלטסטע איז אַ מיידע-לע פון אַ יאָר זיבען און דאָס יונגסטע איז אַ ברוסטקינד.

זינט די מירקינס האָבען חתונה געהאַט, געפינט זיך שטענ-דיג די אָרימע טאַניע אין אַזאַ צושטאַנד, וואָס עס מאַכט איר אונמעגליך אָנצוזעהן די ליכטיגע וועלט אין די אויגען. איידער די פרוי האָט צייט צו אַנטוועהנען איין קינד פון דער ברוסט, דערפיהלט זי שוין אונטער איר האַרצען אַנ'אַנדער קינד און די יונגע מוטער איז די גאַנצע טעג און יאָרען צוגעבונדען צום הויז, אַזוי ווי אַנ'אַרעסטירטע.

מירקין, דער פאָטער פון די קינדער, איז שוין נישט אַזוי פערשקלאַפט; מען קאָן נישט זאָגען, אַז דער מענש איז אינגאַנ-צען אויסגעשפּאַנט פון יאָך פון זיין פאַמיליע, דאָך איז ער פריי-ער פון זיין פרוי, און ער בענוצט זיך מיט זיין פרייהייט פון דער פולער האַנט.

לאַדט מען איין די מירקינס אויף אַ שמחה, האָט הנאה פון דער שמחה נאָר מירקין—זיין ווייב בלייבט מיט די קינדערלעך.

ווען עס קומט-זיך צו געהן אין אַ טעאַטער אָדער אויף אַ באַל, איז טאַקי ווידער דיזעלבע געשיכטע: מירקין איז דער בעל-שמחה און טאַניע זיצט אין דערהיים אין געהאַקטע צרות.

און אויף אַלע בעלער און אויף אַלע שמחות איז מירקין דער מחותן. טאַניע׳ן זעהט מען אין ערגעץ נישט, טאַניע איז פאַר דער ליכטיגער וועלט ווי אָבגעשטאָרבען. נישטאָ טאַניע! מען זעהט זי אין ערגיץ נישט, טאַניע זיצט אין דערהיים און האָדעוועט פאַר דער וועלט קינדערלעך.

און ווען ביי טאַניע׳ן פלאַצט די גאַל, און ווען איר האַרץ ווערט פערקלעמט פון טיפען, טיפען וועהטאָג, און זי הויבט-אָן פראָטעסטירען, ענטפערט-אָב מירקין קורץ און שאַרף:

—וואָט-זשע ווילסטו? דאָס קינד קאָן איך דאָך נישט זויגען...

און אַ קינד איז דאָ ביי די מירקינס שטענדיג, צו יע-דער צייט.

פערבלייבט טאַניע ביי איר פראָטעסטירען, נעמט זויגען דאָס קינד, און מירקין פערפוצט זיך און געהט טאַקי אַוועק אַהין, וואוהין עס ציהט נישט אים אַליין, נאָר אויך זיין אָרימער, לע-בעדיג-בעגראָבענער פרוי!

האָט בעדאַרפט זיין אַ באַל, און נישט קיין איינפאַכער באַל, נאָר אַ געהויבענער, איינער פון יענע בעלער, אויף וועלכע עס האָבען אַזאַ מין חזקה נאָר געוויסע פעראיינען, און וועלכע עס ווערען געגעבען נאָר איינמאָל אין יאָר, און מירקין האָט זיך בעצייטענס געגומען גרייטען צו דער גרויסער שמחה.

דעם יום-טוב׳דיגען סורדוט האָט ער אָבגעגעבען צו פרע-סען, אין וועשעריי האָט ער אָבגעגעבען וואַשען דיי בעסטע און די שענסטע פון זיינע אויבערשטע העמדער, און אַז עס איז גע-קומען דער טאָג פון באַל, איז מירקין געווען שטאַרק צוטראָ-גען: אַוועקגעלאָפען צום שערער און געלאָזט זיך פיין אָרומשע-רען די האָר, נאָכדעם האָט ער גענומען אַ וואַנע, דערנאָך האָט

ער געגומען צוגרייטען די קליידער—און פלוצלינג טוט טאַניע אַ פרעג:

—וואוהין גרייטסטו זיך דאָס אַזוי?

—וואָס הייסט, וואוהין? צום באַל.—האָט מירקין געענטפערט גאַנץ געלאַסען.

—צו היינטיגען באַל געה איך!—טוט טאַניע אַ זאָג.

מירקין האָט אויסגעשטעלט אויף זיין ווייב א פאָר פערוואונדערטע אויגען.

—דו גאָר?

—איך, איך, הער מירקין!

און ווען מירקין האָט אַ ביסעל בעסער צוגעקוקט זיך צו זיין ווייבס פנים, האָט ער דערזעהן, אַז טאַניע מיינט קיין שפּאַס נישט.

מירקין האָט זיך פערלאָרען.

אויף אַ ווײַלע איז ער פערבליבען ווי פון אַ שווערען דונער דערשלאָגען, נאָר אַז איז ער געקומען צו זיך, האָט ער אַוועקגעשטעלט די אייביגע, אייביגע פראַגע זיין ווייב:

—און די קינדער?

—מיט די קינדער וועט פערבלייבען דער הער מירקין—האָט טאַניע געענטפערט געצעלטע ווערטער, און אירע אויגען האָבען אויפגעפלאַמט.

מירקין איז ווידער אָבהענטיג געוואָרען, נאָר באַלד האָט ער זיך געמאַכט האַרץ און אויסגעשאָסען זיין שטאַרקסטען, זיכערסטען אַרגומענט:

—און דאָס זויגקינד?!

—דאָס זויגקינד האָב איך אין דר׳ערד!—האָט טאַניע געענטפערט מיט אַ קול פול האַס און רשעות.

מירקין איז געבליבען שטעהן אינגאַנצען אַ צומישטער.

און אַ חוזק-קול, ווי פון אַ ניט-גוטען, האָט מירקינ׳ען אַ לאַך געטאָן אויפ׳ן סאַמע אויער:

—ביזט אויף צרות, מירקין, אָך-און-וועה צו דיין שמחה!

ביי מירקינ׳ען האָט דאָס האַרץ פערקלעמט, נאָר באַלד איז

ער ווייטער געקומען צו זיך און ער האָט אַ זאָג-געטאָן צו זיין פרוי:

—מען דאַרף דאָך אָבער געבען זויגען דעם קינד.

—וועסטו געבען!—ענטפערט טאַניע.

—וואָס?!—האָט מירקין פערצווייפעלט אויסגעשריען.

—ווען איך זויג עס אָן פאַר'ן שלאָף,—האָט טאַניע דייטליך אַרויסגערעדט—זויג איך עס נאָר אָן ביינאַכט, שלאָפט עס אָב פיר, פינף שעה... און אויב דאָס קינד וועט זיך אויפכאַפּען, וועסטו אים געבען אַ ביסעל וואַסער...

מירקין'ען וואָלט נישט געווען שווער איבערצוצייגען זיין פרוי, אַז אַ ביסעל וואַסער וועט די פראַגע נישט בעשליסען, אַז דאָס עופעלע וועט מאַכען אַזעלכע געוואַלדען, אַז אַלע איבריגע קינדער וועלען זיך אויפכאַפּען א. אַז. וו. א. אַז. וו.

ער האָט אָבער געזעהן, אַז זיין פרוי איז טרויעריג-ערנסט; ער האָט אויך נאָך אַלעמען גוט געוואוסט, אַז זי איז געוואַלטיג גערעכט. שטילערהייט האָט ער זיינע וועהטאָגען אַראָבגעשלונגען און טיף אין האַרצען זיך אָבגעזעגענט מיט'ן פערגעניגען, וואָס ער האָט היינטיגע נאַכט בעדאַרפט געניסען.

טאַניע האָט צולעגט די קינדער שלאָפען, אָנגעטאָן זיך און אַוועק צום באַל.

באַלד נאָכדעם האָט מירקין'ען אַרומגעכאַפּט אַ ביטערער אומעט, עפּיס אַזוי ווי די גאַנצע וועלט וואָלט געהאַלטען ביי אונטערגעהן. אַ גאַנצע נאַכט—אַליין מיט די קינדער!

אַז טאַניע איז ארויס פון שטוב, האָט זיך איר געדאַכט, אַז דאָס קינד וויינט... זי איז געבליבען שטעהן, צוגעהערט זיך, געוואָלט זיך שוין אומקערן צוריק. אַז זי האָט זיך אָבער איבערצייגט, אַז איר האָט זיך עס נאָר געדאַכט, איז זי ווייטער אַוועק, נאָר דאָס האַרץ האָט וועה געטאָן.

צום באַל האָט טאַניע בעדאַרפט פאָהר'ען מיט'ן טראַמוואַי. אָבגעהענדיג עטליכע טריט, האָט זי זיך אָבגעשטעלט און גענומען טראַכטען, צי זי האָט צוגעשטעלט אַ שטול צום בעט, דאָס קינד זאָל נישט אַרויספאַלען, צי זי האָט נישט צוגעשטעלט;

זי האָט זיך שוין געוואָלט אומקערן וועגן דעם, אָבער זי האָט מורא געהאַט, טאָמער האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ קינד, און ווען עס וועט זי דערזעהן, וועט איר שוין זיין שווער אַרויסצורייסען זיך פון הויז. דער דאָזיגער געדאַנק האָט זי אָבגעהאַלטען און זי איז ווייטער געגאַנגען, נאָר דאָס האַרץ האָט איר אַלץ שטאַרקער גענומען וועה טאָן.

אַז זי האָט געמאַכט נאָך עטליכע טריט, האָט זי זיך דער-מאָנט, אַז זי האָט גאָר פערגעסען צו זאָגען איר מאַן, וואָס פאַר אַ וואַסער זאָל ער געבען דעם קינד—געזאָדען אָדער נישט גע-זאָדען וואַסער, און זי האָט מורא געהאַט, אַז דאָס עופעלע וועט טרינ-קען נישט-געזאָדען וואַסער. טאַניע האָט פיל מאָל געהערט פון אַנדערע מאַמעס, אַז פון טרינקען נישט-געזאָדען וואַסער קאָן אַ זויגקינד קריגען די ערגסטע קראַנקהייטען, נישט פאַר קיין קינד געדאַכט!

און אָט צושפּילט זיך די פאַנטאַזיע ביי דער צושראָקענער מוטער און אָט זעהט זי שוין אין אירע צורודערטע רעיונות, ווי איר קינד טרינקט נישט-געזאַדען וואַסער און עס ווערט קראַנק... עס ווערט קראַנק... עס ברענט אין אַ שרעקליכען פיבער... אָט זעט זי, ווי איר קינד שטאַרבט... ביי איר אויף די הענט...

דער כעס, דער שמערצליכער פערדרוס, די אָנגעקליבענע גאַל, וואָס האָבען טאַניע'ן אַזוי האַסטיג געטריבען צום באַל, ווע-בען זיך ביסלעכווייז אויס: זייער אָרט פערנעמט די מוטערליבע און דער מוטערס האַרץ ווערט אַלץ מער פערקלעמט פון וועה-טאָג, פון שרעק פאַר אירע קליינע קינדערלעך...

און אָט נעמט גאָר אין טאַניע'ן ריידען איר מוטערליך גע-וויסען:—וואָס טוסטו? לאָזט איבער פיר קינדערלעך, קליינע, שוואַכע פויגעלעך און לויפסט אויף אַ באַל... זיי וועלען זיך אויפכאַפּען, זיי וועלען זוכען די מאַמע... זייער הערצלעך וועלען אויסגעהן פון שרעק און בענקען, וואָס זייער מאַמע איז נישטאָ... זיי וועלען וויינען און אין דער צייט, וואָס פון זיי-ערע אויגעלעך וועלען זיך קייקלען טרערען, וועסטו טאַנצען אויף אַ באַל...

און טאַניעס טריט ווערען לאַנגזאַמער... זי געהט נאָך אַלץ צום טראַמוואַי... נאָר עפּיס אַזוי ווי אַנ׳אויטאָמאַט. איר האַרץ, איר נשמה איז אין דערהיים, נעבען די קינדער.

אָט איז שוין דער טראַמוואַי!

דין! דין! אַ פייערלעשער איז דורכגעפלויגען, ווי אַ רוח און האָט זיך אַוועקגעטראָגען אין יענער ריכטונג, וואו איר הויז געפינט זיך, וואו אירע קינדער זענען פערבליבען.

ביי טאַניען בלייבט שטעהן דאָס האַרץ פאַר שרעק... עס פליהט נאָך אַ פייערלעשער... די לופט ווערט דורכגעשניטען פון אַ דורכדרינגענדיגען פייפען און טאַניע נעמט לויפען, ווי אַ צו-מישטע, אין דער ריכטונג, וואוהין עס פליהען די פייערלעשער... זי לויפט אָב אַזוי אַ שטרעקע, ביז זי איבערצייגט זיך, אַז איר שרעק איז אומזיסט. די פייערלעשער זענען אַוועקגעפלויגען ווייט, ווייט אַריבער איר וואוינונג. נאָר איצט האָט איר גענומען פּלאָ-גען אַ נייער געדאַנק: דאָס האַרץ האָט איר גענומען פאָראויס-זאָגען, אַז אין דער צייט, ווען זי וועט זיין אויפ׳ן באַל, וועט אין דער היים אויסברעכען אַ פייער און אירע אַלע קינדערלעך וועלען פערברענט ווערען...

און טאַניע האָט זיך אומגעקערט אַהיים צו אירע שלאָפענ-דיגע קינדער און צום באַל איז געגאַנגען טאַקי ער...—

מירקין!

ל. קאָווערין

דאָקטאָר יאַבלאָנטשיק

קליינער נאָטיץ.

לעאָן קאָברין איז געבוירען געוואָרען אין יאָר 1872 אין וויטעבסק שטעטער האָט ער ארויסגעוואנדערט קיין אמעריקא, וואו ער האָט אָנגעהויבען שרייבען. אין זיינע דערצעהלונגען און סקיצען לאָזט זיך מערקען א גוט אויג, אבער די שפראך איז ערטערווייז שווער און הארט. איינע פון זיינע בעסטע דערצעהלונגען איז „יאנקעל בוילע", וואו עס ווערט מיט טאלענט געשילדערט דאָס לעבען פון פישער אין רוסלאנד. בכלל אין קאָברין שטארק אין אזוינע טע-מען. זיי הארמאָנירען בעסער מיט זיין עטוואָס האמעטנעם לשון. קאָברין האָט אויך געשריבען פיעסען פאר'ן טעאטער און א סך איבערגעזעצט אין יודיש פון איי-ראָפּעאישע קינסטלער.

לעאָן קאָברין

דאָקטאָר יאָכנעטשיק.

שמייכעלט די יונגע אלמנה און זאָגט:

—צי איך ליב אייך?... אפשר יאָ און אפשר נישט... דאָס וועל איך אייך זאָגען אויפ׳ן ניי-יאָרבאַל.

—פאַרוואָס נישט היינט? פאַרוואָס נישט איצט?

און זיין קול קלינגט אַזוי פערליבט, און זיינע אויגען קוקען אויף איר מיט אַזאַ געבעט, אַז מען זעהט בעשיינפערלעך, ווי עס געהט ביי אים אויס דער חיות נאָך איר.

מאַכט זי אַ טרויעריגע מינע, די יונגע אלמנה, און זאָגט שטיל:

—איר ווייסט דאָך, אַז ערשט נעכטען איז געוואָרען אַ יאָר, זינט „ער״ איז געשטאָרבען... לאָזט מיך כאָטש זיך ווי געהעריג אָן אים פערגעסען... ער איז דאָך געוועזן אייערער אַ פריינד... ער האָט דאָך אייך אַזוי ליב געהאַט... און ווי ער האָט מיך געליבט!—לעגט זי צו מיט אַ שווערען זיפץ און טוט זיך אַ קער מיט אַ פולען, רונדען, ווייסען פנים, מיט די בלויע טיפע אויגען צום שפיגעל, צו זעהן, ווי „געהט״ צו איר די דאָזיגע טרויעריגע מינע, און זי בלייבט צופרידען...

פיהלט ער, אַז ער, אַנ׳אויסשטודירטער דאָקטאָר, (הגם נאָך אָהן אַ קאַבינעט און פראַקטיק) מוז האַנדלען, ווי אַ געבילדעטער, ציוויליזירטער מאַן... ער דאַרף איצט אויך מאַכען אַ פאַסענדע טרוי-

עריגע מינע, ווייל, ערשטענס, איז זי טרויעריג; צווייטענס, ווייל דער פערשטאָרבענער מאַן אירער, אייזענבערג, איז טאַקע געווען זיינער אַ נאָנטער פריינד, וואָס האָט אים אַ סך מאָל אונטערגע-שטיצט מיט געלד, בעת'ן שטודירען,—און ער לאָזט-אַראָב דעם קאָפּ מיט אַ היבשען פליך אויפ'ן סאַמע מח, און אויף זיין לאַנג, מאָגער פנים, מיט שפּיציג-אַרויסגעשטאַרצטע באַקען, מיט אַ שפּיציג, שיטער, בלאָנד בערדעל, לעגט זיך אַוועק אַ פער'צרה'טע מינע, און זיין לאַנגע נאָז ציהט זיך אויס לענגער, מיט דעם שפּיץ כמעט איבער די אויבערשטע דיקע בלאָנדע וואָנסען, און זיינע ליפּען שטאַמלען, בעגלייט פון אַ טרויעריגען זיפץ:

—יאָ, יאָ, יאָ!...

און וואָס אָט דער דאָזיגער טראַגישער „יאָ" מיינט, ווייסט אפשר גאָט אין הימעל—ער, אונזער העלד, זיכער נישט...

טוט זיך אַ קער צו אים די יונגע אלמנה פון שפּיגעל און דערזעהט, ווי ער שטעהט אַזוי, אַ בילד פון קומער און טרויער, אויסגעבויגען מיט זיין מאָגערן, שפּיציגען קערפּער, מיט דער שיינענדיגער האַלבער לבנה אויפ'ן שפּיץ מח, און מיט דער לאַנ-גער, לאַנגער נאָז, דערפיהלט זי אַנ'עקעל צו אים און זי טראַכט:

—אַ בראָך איז צו מיר, אָט דער נבזה, אָט די מאוסקייט וויל, איך זאָל מיט אים הייראַטען!... און איז נאָך אַ דאָקטאָר, אַזאַ מאוסע בריאה!... וואַרט, וואַרט אויף דעם ניי-יאָרבאַל, אַז מיר וועלען דערלעבען... זאָל ער דערווייל מיינען, זאָל ער דערווייל זיין פערליבט... וואָס אַרט עס מיך?... איך שטעל מיר פאָר, וואָס פאַר אַ פנים ער וועט דאַן האָבען!...

און זי פיהלט, די יונגע אלמנה, אַז אָט, אָט וועט זי זיך צולאַכען אויפ'ן קול אים אין פנים אַריין, און זי קערט זיך אָב פון אים און הויבט-אָן צו הוסטען און צו הוקען מיט דעם האַלז, וואו דאָס קיצעלדיגע געלעכטער איז ביי איר שטעהן געבליבען...

אַ ווייל איז שטיל. ער שטעהט נאָך אַלץ מיט אַנ'אַראָב-געלאָזענעם קאָפּ און טראַכט, ווי-אַזוי פירט ער זי אַרויף אויף דעם פריערדיגען געשפּרעך וועגען זיין ליבע צו איר און ער געפינט נישט קיין וועג און אויסרייד.

זי שטעהט האַלב אָבגעקערט פון אים, אַ הויכע, אַ שלאַנקע, מיט אַ בלאָנדען, שענעם קאָפּ, שטיקט אין זיך דאָס געלעכטער און טראַכט: „גוואַלד, ווען וועט ער שוין אַוועקגעהן, דאָס אָנשיקעניש!...“ דאַן דערמאָנט ער זיך, אַז ער האָט נישט קיין ריכטיגען שוואַרצען קאָסטיום, צו געהן אויפ'ן באַל, און ער קלערט: ביי וועמען לייט מען עטליכע רובל אויף אַ קאָסטיום...

אויפ'ן סוף רייסט ער איבער דאָס שווייגען:

—איז סאַשינסקי איצט אין פאַבריק?

ביי דעם דאָזיגען נאָמען טוט זיך די יונגע אלמנה אַ טרייסעל, טוט זיך אַ כאַפּ צו אים מיט גרויסע פערוואונדערטע אויגען, און אויף אירע ווייסע באַקען צוגיסט זיך אַ פייערדיגע פאַרב...

—האַ!... סאַשינסקי?...—פרעגט זי צומישט—יאָ, ער איז אין פאַבריק. וואָס דאַרפט איר אים?

—איך דאַרף אים,—ענטפערט ער און דערלאַנגט איר די האַנט.

—אַלזאָ, קומענדיגען זונטאָג אויפ'ן ניי-יאָרבאַל... געדענקט!—טאַמעלט ער—איך האָב נאָר מורא, אַז ביז יענער צייט וועל איך משוגע ווערען!...

זי שמייכעלט און ענטפערט:

—ווערט נאָר נישט גלייך משוגע, דאָקטאָר יאַכנעטשיק!

און אַז זי רופט אים „דאָקטאָר“, איז ער זיך פשוט מחיה... אַז זי זאָל נאָר דאָס געדענקען, איז שוין גוט... וועט זי זיכער מיט אים חתונה האָבען...

און ער שרייט-אויס מיט אַ טיפען, טיפען געפיהל:

—אוי, איר זייט דאָך אַזאַ... אַזאַ... אַזאַ...

און אַז עס פעלען אים אויס ווערטער פון גרויס התפעלות, טוט ער אַ כאַפּ אָן אירע ווייכע, וואַרעמע הענט און קושט זיי מיט פייער און ענטציקונג.

ער געהט אַוועק, זי ציהט אָב דעם אָטעם און צולאַכט זיך אויפ'ן קול:

—אוי, עס איז אַזוי קאָמיש! מען דאַרף גאָר נישט געהן אין קייז טעאַטער!...

* * *

אין אַ האַלבע שעה אַרום לויפט דאָקטאָר יאַבּנעטשיק אי־בער'ן גאַס, לויפט צוטראָגען, טיף פערטאָן אין זיינע געדאַנקען. ער איז גליקליך, דאָקטאָר יאַבּנעטשיק, זעהר גליקליך... ער האָט אַ שען ווייב מיט אַ רייכען געשעפט, אַ שאַפּ, וואָס איז ווערט אַ צעהן טויזענד אודאי...

אַ רייכען קאַבינעט האָט ער און דוקא אין אַ ריינער גאַס צווישען רייכע... מיט קבצנים-פאַציענטען וויל ער נישט האָבען קיין מגע ומשא. זיי לאָזט ער איבער פאַר די אָרימע דאָקטוי־רימלעך... זיין פרייז איז צוויי רובל אַ וויזיט... און פאַרוואָס נישט דריי? און פאַרוואָס טאָקי נישט פינף?... זיי זענען עפּיס חולה צו צאָלען, די רייכע! און ווידער, וואָס מער מען לאָזט זיך צאָלען פאַר אַ וויזיט, אַלץ גרעסער איז דער דאָקטאָר... האַ, ער וועט שוין וויסען, ווי צו פירען די ביזנעס, זאָל ער נאָר פריער מיט איר הייראַטען... און אַז זי וועט מיט אים הייראַטען, דאָס איז ער זיכער... פאַרוואָס נישט?... ער איז אַ דאָקטאָר... מיט וואָס איז ער ערגער פון איר פריערדיגען מאַן, פון דעם העמדערפאַבריקאַנט? יעדע פרוי וויל בעסער אַ דאָקטאָר פאַר אַ מאַן, איידער אַ געשעפטסמאַן!...

און מיט די דאָזיגע געדאַנקען בלייבט ער שטעהן נעבען אַ פאַבריק, וואָס געהערט צו דער יונגער אלמנה, און וואו זיין גוטער פריינד סאַשינסקי איז דער פערוואַלטער.

ער הויבט-אָן צו געהן אויף די טרעפּ, וואָס פירען אין פאַבריק. פון אויבען הערט זיך אַ רוישען און זשורזשען פון אַ סך מאַשינעס. דאָקטאָר יאַבּנעטשיק טראַכט:

—אין אַ פּאָר וואָכען אַרום וועט די דאָזיגע פאַבריק געהערן צו מיר!...

און דאָס האַרץ צאַפּעלט זיך ביי אים.

אַריינגעגאַנגען אין פאַבריק, קומט אים אַנטקעגען סאַשינ־

סקי—אַ הויכער, שלאַנקער, שטאַרקער יונגערמאַן, מיט אַן'אָנגעגנעם אויסדריקליכען פּנים, קלוגע, לעבּעדיגע קאַרע אויגען, שוואַרצע וואָנסען, פערדרעהט מיט די שפּיצען אַרויף, און מיט אַ שוואַרצען געקרויזטען קאָפּ.

—אַך!—מאַכט צו אים סאַשינסקי—ווי קומסטו עפּיס אַהער?

און זיינע קלוגע אויגען קוקען אויפ'ן דאָקטאָר יאַכנעטשיק פערוואונדערט.

—איך וויל דיך זעהן,—ענטפערט פרעהליך דאָקטאָר יאַכנעטשיק, און זיין קול ווערט פערטרונקען אין דעם רוישען און זשורזשען פון די מאַשינעס—ווי דאָ פּילדערט!—לעגט ער צו

—איבער הונדערט מאַשינעס אַרבּייטען דאָ, קיין וואונדער, אַז עס איז אַזאַ רעש,—בּעמערקט סאַשינסקי.

—איבער הונדערט מאַשינעס?!—טוט זיך אַ כאַפּ דאָקטאָר יאַכנעטשיק, און עס פערנעמט אים אַזש דער אָטעם פון אויפרעגונג—איבער הונ... הונ...

ער קוקט זיך אַרום אין דער גרויסער פאַבּריק, אויף די מיידלעך, וואָס זיצען איינגעבּויגען איבער די מאַשינעס, אויף די לאַנגע טישען, פערוואָרפענע מיט אַרבּייט, אויף דעם מורא'דיגען אייזערנעם ראָד, אַרום וועלכען עס דרעהט זיך מיט אַ טעמפּען געפּילדער אַ געוואַלדיג-גרויסער, בּרייטער רימען, און ווידער אויף די מאַשינעס און הויבּט זיי אָן אין זיינע געדאַנקען צו צעלען...

אויפ'ן סוף רייסט זיך בּיי אים אַרויס:

—סאַשינסקי, וויפיל, אַנ'ערך, איז ווערט דער עסק?...

—איבער אַ צוואַנציגטויזענד... פאַרוואָס? ווילסט אפשר אָבּקויפען?—פרעגט סאַשינסקי מיט אַ גוטמוטיג שמייכעלע.

—צוואַנציגטויז... צוואַנציג? — שטאַמעלט דאָקטאָר יאַכנעטשיק, און פון גרויסער אויפרעגונג נעמט ער אַראָבּ דעם הוט פונ'ם קאָפּ און טוט זיך אַזש אַ גלעט דעם פּליך אויפ'ן שפּיץ מח:—צוואַנציגטויז...

—דו דאַרפסט מיך, אפנים, זעהר נויטיג, אַז דו בּיזט געקומען אין פאַבּריק?—זאָגט סאַשינסקי.

דאָקטאָר יאַכנעטשיק טוט זיך אַ כאַפּ:

—יאָ, זעהר נויטיג, זעהר!—זאָגט ער, רעדענדיג שנעל און פלוצלונג טוט ער אַ כאַפּ אָן סאַשינסקי׳ן פאַר די הענט און רעדט-אַרויס מיט אַ זעהר בעוועגטער שטים:

—סאַשינסקי, איך געה חתונה האָבען און, ווייסטו, מיט וועמען? מיט דיין בעל-הבית׳טע!

סאַשינסקי קוקט אים אָן פריער צומישט, באַלד אָבער הו-בען-אָן זיינע אויגען צו שמייכלען גנבי׳יש און ער זאָגט:

—מזל-טוב! ווען איז אייער חתונה?

—אָט אויף דעם ניי-יאָרבאַל וועלען מיר אַלצדינג בע-שטימען...

—אַזוי, אויף דעם ניי-יאָרבאַל?—מאַכט כיטרע סאַשינסקי און דרעהט די שפּיצען פון זיינע וואָנסען—נו, נו, זאָל זיין מיט מזל!...

—ווערסטו מיר לייען אַ גמילת חסד?—ווענדט זיך פלוצ-לונג צו אים דאָקטאָר יאַכנעטשיק.

—אַ גמילת חסד?... וואָס איז? קיין פּראַקטיק איז נאָך אַלץ נישטאָ?... פאַרוואָס זעהסטו נישט צו קריגען פּראַקטיק?

—נאָך דער חתונה וועל איך עפענען אַ קאַבינעט אין אַ רייכער געגענד. ליי מיר אַ פערציג רובל... איך וויל זיך מאַ-כען אַ שוואַרצען קאָסטיום... צום ניי-יאָרבאַל... פערשטעהסט, דאָרט וועט זי זיין און...

—האַ?—מאַכט סאַשינסקי און צולאַכט זיך—מאַן זיך נישט קיין שוואַרצען קאָסטיום... זי וועט דיך וועלען אָהן דעם אויך...

—רייד נישט קיין דומהייטען, סאַשינסקי!... נאַר אויף אַ פּאַר וואָכען ליי מיר!

—איך האָב קיין געלד נישט... איך וואָלט מיט פערגע-ניגען געליהען מיין קינפטיגען בעל-הבית, איך האָב אָבער נישט...

—נו, און פינפאונצוואַנציג?—פרעגט מיט היץ דאָקטאָר יאַכנעטשיק.

—אויך נישט.

— אַדיע! — שרייט אויס דאָקטאָר יאַכעגטשיק מיט פער-דרוס אין קול און לויפט-אַרויס.

* *
*

קומט-אָן דער אָווענד פונ׳ם באַל, ערב ניי-יאָר. דאָק-טאָר יאַכענטשיק האָט אים קוים דערלעבט... ער האָט זיך אויסגעפוצט ווי אַ פראַנט... אַ נייעם קאָסטיום האָט ער זיך טאַ-קי געמאַכט... דער שניידער האָט אים געבאָרגט... ער וועט אים בעצאָלען... ניש׳קשה, עס איז גוט געלד... זיין צוקינפ-טיגע האָט געגוג! צוואַנציג טויזענד! גאָטעניו, צוואַנציג, צוואַ-אַ-נ-צ-י-ג טויזענד דאָ-אָלער! אַזאַ אוצר! צוואַ-אַנ-נ... טויז... טויז... מען מוז גיך לויפען אויפ׳ן באַל...

ער האָט אריינגעטאָן אַ רויטע בלום אין קנאָפּלאָך פון לבּץ און איז אַוועק אויפ׳ן באַל.

* *
*

עקומען אַהין, לויפט ער צום קאַסע, נעמט אַ בילעט און פערגעסט צו בעצאָלען פון צוטראָגענקייט. שטעהט דאָרט אַ פּאָליציאַנט נעבען קאַסע, קעהרט ער אים אום און הייסט בע-צאָלען... בעצאָלט ער, ווערט צומישט, פערגעסט צו נעמען דעם אויסגאַב, לויפט-צו צום מאַן, וואָס שטעהט און נעמט די בילעטען, גיט אים אָב דעם בילעט, לויפט אויף די טרעפּ, אום אָבצוגעבען די קליידער און, לויפענדיג, טרעט ער אַרויף אַנ׳אַלטער פרוי אויף אַ פוס... כאַפּט זיך אָן יענע פאַר׳ן פוס, הינקט און זידעלט אים... ווערט ער נאָכמער צומישט, פיהלט, אַז דאָס פּנים פלאַמט ביי אים, לויפט ער ווייטער, שנעלער און טרעט-אַרויף אַ יונגע פרוי אויף דער שלעפּע פונ׳ם קלייד...

הויבט-אָן די יונגע פרוי אויף אים צו שרייען, און ווען ער דערגרייכט אויפ׳ן סוף דעם פלאַץ, וואו מען גיט-אָב די קליי-דער, איז ער אינגאַנצען פערשוויצט און פיהלט זיך, ווי אַנ׳אָב-געשמיסענער חדר-יונגעל...

אָבגעגעבען די קליידער, סטאַרעט ער זיך צו בערוהיגען, ווישט אָב דעם שווייס פון שטערען, שטעלט זיך געגען שפּיגעל, פערריכט אויף זיך דעם קראַגען, דעם האַלזטוך, פערלעגט איין האַנד הינטער דער טאַליע פון זיין נייעם פּרינץ אַלבערט, און געהט אין זאַל, וואו יענע וואַרט שוין אַודאַי אויף אים...

אין זאַל אין ליכטיג... אַ פרעהליכער עולם באָדט זיך אין עלעקטרישע שטראַלען... מוזיק שפּילט... אַ געמורמעל פון אַלע זייטען... אַ געלעכטער. ער קוקט זיך אַרום אויף אַלע זיי-טען—וואו איז זי? דאָ רעדט מען און דאָרט טאַנצט מען—וואו זוכט מען זי?

ער נעמט געהן ווייטער, זוכט זי צווישען דעם טאַנצענ-דיגען עולם... פּלוצים דערהערט ער הינטער זיך איר קול:

—אַ גליקליך ניי-יאָר, דאָקטאָר!

ער טהוט זיך אַ כאַפּ—זי!

זי שטעהט אין אַ ווייס, זיידען קלייד, אַ הויכע, אַ שענע, אַ שטראַלענדיגע, מיט אַ בוקעט בלומען אין די בלאָנדע האָר, קוקט אויף איהם גנב׳יש און שמייכעלט.

און נעבען איר, האַלטענדיג זי אונטער׳ן אָרעם, שטעהט סאַשינסקי, אויסגעפּוצט מעשה-פּראַנט, קוקט אויף איהם און שמייכעלט ביטרע.

וואונדערט זיך דאָקטאָר יאַכענטשיק, שטעלט-אויס אויף זיי אַ פּאָר גרויסע אויגען און טראַכט: „ווי קומט עס, וואָס סאַשינסקי האַלט זיך מיט איר אַזוי פאַמיליאַר?"

און פּלוצים שלאָגט-איבער די יונגע אלמנה זיינע גע-דאַנקען:

—דאָקטאָר,—זאָגט זי—איך האָב אייך פערשפּראָכען צו געבען היינט אַנ׳ענטפער, ווייל איך האָב געוואָלט אייך מאַכען

לעאָן קאָברין.

אַ סיורפּריז: אייער פריינד סאַשינסקי **איז מיין צוקינפטיגער** מאַן... גראַטולירט מיך !...

—האַ ? !

—קום טאַנצען, ליבער !—זאָגט די יונגע אלמנה, און סאַ-שינסקי טוט זי אַ כאַפּ ביי דער טאַליע און טראָגט זיך אַוועק מיט איר, לאַכענדיג...

און דאָקטאָר יאַכענטשיק'ן דאַכט זיך, אַז דער גאַנצער זאַל מיט אַלע מענשען טראָגען זיך פאַרביי אים, טראָגען זיך און דרעהען זיך, און לאַכען, לאַכען פון אים, פון אים...

UNITED WORKERS
LIBRARY
COOPERATIVE